STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06438

IBERBOY

N. Y. Gotlib

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב / איבערבוי

נ. י. גאָטליב

איבערבוי

ערשטער בוך פון אַ טרילאָגיע

אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט
מאנטרעאל, ווינטער, 1940־41

Copyright by
N. J. GOTLIB

ראָיען —
מײַן פֿרוי און חבֿרטע —
אַ געשאַנק

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

מעז האט געטאַנצט אַ הוירא.

מעז האט שוין געהאַט געטאַנצט אַ לענגערע צייט.

הענט, אַרעמס, — פאַרוואַרפן איבער קערק, איבער אַקסלען. פּנימער, אויגן, — צערויטלט, צעהיצט. און פיס — יונגע, גרינגע, קרעפטיקע, — הערן ניט אויף טופּען.

צווישן די טאַנצנדיקע האט זיך געפונען אויך יוסף. אַן איינונצוואַנציקיאָריקער בחור. אַ מיטלגעוויקסיקער. אַ שמאָלער אין די פּלייצעס, אין די לענדן. אַן עטוואָס איינגעבויגענער. מיט אַ שוואַרצן, געקרייזלטן קאָפּ. מיט אַ בלייכן, מאַגערלאַכן פּנים. און מיט אַ פּאָר גרויסע, ברוינע, אומעטיקע אויגן. ער האָט אַ היפּשע ווײַלע מיטגעטאַנצט, מיטגעזונגען. ער האט זיך נאָכדעם צוגעזעצט אָפּרוען, אָפּקילן. און נאָכדעם — עולם האט אַלץ געטופּעט — האט ער זיך אויפגעהויבן גיין אַהיים.

ער איז אַרויס אינדרויסן.

עס איז געשטאַנען אַ שטילע, וואַרעמע, ענדע ניסנדיקע נאַכט.

פונדערהויך, פון איבער אַלטשטאָט, האט אַראָפּגעבלויט אַ קלאָרער הימל — אַ באַשאָטענער מיט גרינלאַכע שטערן. און אונטן, אין די שמאָלע, געדרייטע געסלקעס, האט געשמעקט מיט פרישן גראָז, מיט אַקאַרשט צעוויקלטן קנאָספּ, מיט פייכטער, פאַרעדיקער ערד.

יוסף האט אָוועקגעשפּאַנט מיט איינס אַ געסלקע.

רעכטס פון אים האָבן זיך אָוועקגעצויגן אַ ריי הילצערנע שטיבלאַך — מיט באַלאַדנטע פענצטער. לינקס האט געפּלייצט דער ניעמאַן — אַ ברייטצעגאָסענער, אַ פרילינגדיק פולער. און אויפן צווייטן ברעג טייך האָבן זיך געהויכט די אַלעקסאָטער בערג; געשאָטנט מיט ביימער, מיט הייזער; געפּינטלט מיט איינצלנע פאַרשפּעטיקטע פייערלאַך.

יוסף האָט געשטעלט געלאַסענע טריט. געשפּאַנט אַ פּאַרטראַכטער. געזען איז דמיון דעם פאַרגאַנגענעם אָוונט.

...ער האָט זיך געזען אינעם רחבותדיקן זאַל פון דער נייער העברעיישער גימנאַזיע. עס איז דער לעצטער אָוונט פון דער דרייטאָגיקער קאָנפערענץ.

דער זאַל איז העלבאַלויכטן, יום־טובדיק פּאַרפּוצט און פולגעפּאַקט מיט יונגע, בחורשע און מיידלשע פּנימער.

אין זאַל זענען דאָ:

די צירים פון די צוועלף גלילשע קבוצות, די דעלעגאַטן פון „כבוש״, פון „עבודה״, די פאַרשטייער פון די סניפים און אַ היפּשע צאָל פאַרטרעטער פון פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

יוסף זיצט אויבנאָן, אין פּרעזידיום, צווישן צוויי מרכזניקעס. ער זיצט אַן אומרויקער, אַ נערוועזער. ער הערט זיך צו צו איינעם אַ רעדנער. און ער טראַכט דערביי פונעם פאַרטראַג, וואָס ער, יוסף, דאַרף באַלד האַלטן.

דער רעדנער ענדיקט לסוף.

אין זאַל ווערט גערודערדיק.

עס נעמט אָבער קלינגען אַ גלעקל.

דאָס פּאַכעט מיטן גלעקל דער יושב־ראש, דער חבר אפרתי, — אַ לייביקער, באַברילטער מרכזניק. ער שטילט איין דעם עולם. ער וואַרט אַ רגע אָפּ. נאָכ־דעם איז ער מודיע:

— איצט וועט חבר יוסף — אַ נייער חשובער „החלוץ״־מיטגליד — האַלטן זיין פאַרטראַג. די טעמע: קולטורעלע אַרבעט אין די חלוצישע רייען.

יוסף שטעלט זיך אויף. מיט אַ פאַרשנעלערטער האַרץ־קלאַפּעניש. אַ באַ־קלעפּטער מיט נייגעריקע בליקן. אָטאָ שטייט ער שויך. ער דאַרף אָנהויבן. צי וועט ער עס קענען?... און ער נעמט ריידן.

ער האָט צומערשט גערעדט ניט־דרייסט, ניט־זיכער, צו־לאַנגזאַם, צו־שטיל. די צונג זיינע האָט זיך היפּש געפּלאָנטערט; האָט פאַרדרייט ווערטער; האָט פאַר־קריפּלט זאַצן. דערביי האָט אים געטריקנט אין האַלז, געפּלאַמט אַ באַק, גע־נעפּלט פאַר די אויגן. ער האָט זיך געפילט, יוסף, מוטלאָז, דערשלאָגן, פאַרלאָרן. און עולם איז געזעסן אַ קאַלטער, אַ גלייכגילטיקער; האָט זיך צוגעהערט מיט איין אויער...

צוביסלאַך אָבער איז יוסף געוואָרן דרייסטער. די שטים זיינע האָט זיך אַ העכער־געטאָן. ער האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט פרייער, קלאָרער. פון מויל זיי־

נעם האָבן גענומען אַרויספּליסן גאַנצע ווערטער, רונדע זאַצן. עולם האָט זיך צעוואָרעמט, זיך ערנסטער גענומען צוהערן. מיט יעדער רגע האָט זיך יוסף דער־שפּירט זיכערער, תקיפער. ער שפּאַנט אויף אַן אייזערנע בריק. עס גייט אַלץ אויסגעצייכנט. ביז דער פאַרטראַג ווערט פאַרענדיקט מיט אַ געהעריקן דערפאָלג.

נאָכדעם — ער איז שוין באַנייס געהאַט געזעסן, אַ פאַרשוויצטער, אַ צערויטל־טער, — האָט מען גענומען קלייבן אַ נייעם מרכז. און דאַן האָט דער יושב־ראש געמאָלדן, אַז ער, יוסף, ווערט אַריינגענומען אינעם נייעם מרכז; אַז ער ווערט אויך באַשטימט — אויפן אָרט פונעם חבר אברהם — פאַרן נייעם „מורה נודד" אין „גליל".

נאָכדעם איז שוין געווען נאָך האַלבנאַכט. די קאָנפערענץ איז שוין געווען געשלאָסן. און צו אים, צו יוספן, האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אַ חברה גלילניקעס. מען האָט אים טומלדיק אַרומגערינגלט. מען האָט אים גענומען דערלאַנגען ברייטע, האַרטע, מאָזאָליעדיקע הענט. מען האָט צו אים גערעדט „אויף דו". און איינער פון זיי — אַ הויכער, מיט צעשמייכלטע אויגן, מיט אַ פול מויל ווייסע, בלישטשנדיקע ציין, — האָט אים דערביי געפּאַטשט איבערן פּלייצע:

— אַ אונזעריקער.

— אַ גלילער...

לסוף — דערמאָנט זיך יוסף — איז מען אַוועק טאַנצן אַ הורא. מען האָט זיך צעוויגט אין אַ ריזיקן קרייז. מען האָט זיך צעהוידעט אין אַ געדיכטן גע־פלעכט פון הענט און אַקסלען, פון אָרעמס און קערק. און ער, יוסף, האָט מיט־געטאַנצט, מיטגעזונגען. מיט אימפּעט אין גאַנץ גוף. מיט חשק אין יעדן אבר:

גדלו, גדלו בנים,
בנים ובנות,
עוסקים בתורה
ובעבודה — — —

עס האָט זיך צעקלונגען דער שטאָט־זייגער.

יוסף, אַן אויפגעוואַכטער פון די יאַגנדיקע מחשבות, האָט אָפּגעציילט צוויי קלונג.

ער האָט זיך דערביי אַרומגעבליקט.

אַלטשטאָט — זעט ער — ליגט שוין פאַרוויקלט אין טיפן שלאָף. אַרום־און־

אַרום איז שאַ־שטיל, נאַכטיק־לער. און ער, יוסף, איז דער איינציקער גייער. ער שפּאַנט דערצו זייער געלאַסן, ווי איינער, וואָס האָט זיך ניט וואָס צו איילן . . . ער פאַרט דאָך אָבער מאָרגן אין „גליל". עס איז אַ ווייטער וועג. איז אַ יושר די לעצטע היימישע נאַכט ווי געהעריק זיך אויסצושלאָפן. דאַרף מען זיך צווילן.

נעמט ער שטעלן גיכע טריט. קייטלט זיך אַריין אין אַ ניי געסלקע. שניידט אַדורך דעם פּלאַץ־פּאַראַד. לאָזט זיך אַרויף אויף ווילנער גאַס. נאָכדעם — אויף יאַטקעווער. און אָט איז עליאשעווס געסלקע. און אָנאָ, דאָרט, ווייטער מיט עטלאַכע הייזער, רוט אין דער נאַכטישער אויסגעבלויטער שטילקייט זיין, יוספס, היים.

קאַפּיטל צוויי

יוסף איז געבאָרן געוואָרן אין אַלטשטאָט. אין איינס אַ שמאָל, געדרייט געסלקע. אויף איינעם אַן ענגן, געדיכט באַפּעלקערטן הויף.

דאָס דירהלע — אין אַ דריישטאָקיקן מויער; אויפן אונטערשטן שטאָק, — איז געווען אַ קליינס, אַ טונקלס, אַ צעצימערטס אויף ענגע, קוואַדראַטנע שטחים.

די צימערלאַך — מיט שמאָלע, נישעדיקע פענצטערלאַך — זענען געווען אָנגעשטעלט מיט שווערע, אַלטמאָדישע מעבלשטיקער.

דער עסצימער:

מיט אַן אומגעהייער הויכן בופעט; מיט אַ לאַנגן, מאַסיוון טיש; מיט אַ האַלב טוץ האַרטגעבעטע שטולן; מיט אַ נידעריקער, קרומפיסיקער קאַנאַפּע.

די איבעריקע צימערלאַך:

מיט ברייטע בעטן; מיט אַלטע, צעפּאַרענע שאַפעס, אַלמערס, טאַפּטשאַנעס.

די ווענט אין די צימערלאַך — גרויטאַפּעטירטע — זענען געווען אַן באַפּוצונגען, אָן בילדער, אָן פאַמיליען־פאָטאָגראַפיעס.

אַן אויסנאַם זענען געווען אַ פּאָר ווענט אינעם עסצימער.

אויף איין וואַנט דאָ, אויף דער מערבדיקער, איז געהאָנגען אַן אַלטער זייגער — אַ גייענדיקער אויף מעשענע געוויכט. און די אַנקעגנדיקע וואַנט, די מזרח־דיקע, איז געווען באַשלאָגן מיט הויכע פּאָליצעס — אָנגעפּראַפּטע מיט הונדערטער פאַרשידענע ספרים.

אין קרייז פון די־אָ ספרים געדענקט זיך יוסף פון זיינע פריסטע קינדעריאָרן אָן. אים האָט באַקענט מיט זיי דער טאַטע זיינער, רב אשר דער ראש־ישיבה, — אַ שטרענג־פרומער ייד, אַ ליבאַוויטשער חסיד.

דער טאַטע — געדענקט זיך יוספן — איז געווען אַ מיטלגעוויקסיקער, אַ שמאָלער אין די פּלייצעס. ער האָט פאַרמאָגט אַ בלייך, מאָגער געזיכט; אַ שוואַרץ, פאַרשפּיצט בערדל; אַ הויכן, טיפוויינקלדיקן, אויסגעבולטן שטערן; גרויסע, ברוינע, אומעטיקע אויגן; און דינע, בלאַסע, „פאַסטנדיקע" ליפּן. דער טאַטע יוספס פלעגט פאַסטן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. אָפט — גאַנצענע וואָכן נאָכאַנאַנד. געערעדט האָט ער די מערסט אויפן ווונק. און קיילאַכדיקע נעכט, סיי זומער, סיי ווינטער, פאַרבראַכט אין לערנען, אין זאָגן תהילים.

איינע אַזאַ נאַכט געדענקט זיך יוספן באַזונדערס.
געווען איז עס אום ווינטער.
יוסף האָט געהאַט געשלאָפן אינעם עסצימער — אויף דער נידעריקער, קרומ־פיסיקער קאַנאַפּע. ער איז דאָ געלעגן אונטער אַ דיקער, וואַטאַווער קאָלדרע, געשמאַק געשלאָפן. זיך געטראָגן אויף גרינגע פליגל פון חלום.
פּלוצים האָט אים אויפגעוועקט דעם טאַטנס שטים.
ער האָט צעעפנט די אויגן, דערזען אַ באַנאַכטיקן עסצימער — באַלויכטן פון אַ פלעמלדיקער ליכט.
די ליכט — זעט ער — שטייט אַריינגעשטעקט אין איינעם פון דער מאַמעס באַזילבערטע שבת־לייכטער. דער לייכטער געפינט זיך אויפן טיש. דער טיש איז צוגערוקט צום קאַכלנעם אויוון. און צווישן טיש און אויוון שטייט און שאָקלט זיך דער טאַטע.
ער שאָקלט זיך איבער אַ צעעפנטן ספר. ער זאָגט עפּעס אין ספר אַריין. ער באַגלייט דאָס זאָגן מיט אַן אומעטיקן ניגון. און דערביי, אַנקעגן, אויף דער וואַנט, טוט זיך מיטשאָקלען אַ לאַנגער, משונהדיקער שאָטן.
עס איז אַזוי אַוועק אַ היפּשע ווײַלע. יוסף איז מער ניט געשלאָפן. געלעגן מיט אָפענע אויגן. זיך צוגעהערט צום טאַטנס ניגון. זיך צוגעקוקט צום לאַנגן, משונהדיקן שאָטן.
אָט אָבער איז דער טאַטע אַנשוויגן־געוואָרן. צוגעמאַכט דעם ספר. צוגעשפּאַנט צו יוספן. אים אַ ווײַלע באַטראַכט מיט איינעם אַ פאַרשנדיקן בליק. אים דערביי פאַריכט אויפן קאָפּ די אַראָפּגערוקטע יאַרמעלקע. נאָכדעם האָט דער טאַטע אַרײַנגעבראַכט די קופּערנע צווייהענטלדיקע קוואַרט, אַ שיסל, אַ האַנטוך. ער האָט יוספן אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער. אים איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע. אַ נעם־געטאָן אויף די אָרעמס. צוגעטראָגן צום טיש.
ער האָט דאָ אויפגעמאַכט דעם ספר. אויפגעמישט איינס אַ בלעטל. אָנגעוויזן יוספן אויף עפּעס אַ קליינס, אַ שוואַרצס. און אַ זאָג־געטאָן מיט ווייכקייט אין שטים:
— דו זעסט, יוספל: אָט דעם־אַ אות — ער איז ענלאַך אויף אַ קאַראַמעסל מיט צוויי עמערלאַך — רופט מען „אַלף". זאָג־זשע, יוספל: אַלף. און דעם־אַ אות — ענלאַך אויף אַ שטיבעלע מיט אַן אָפן טירעלע — רופט מען „בית". זאָג־זשע, יוספל: בית. און אָט איז אַן אות, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ ייִנגעלע, וואָס גייט אין חדר... דעם־אַ אות רופט מען „גימל".
פון יענער נאַכט אָן האָט שוין דער טאַטע געלערנט מיט יוספן טאָגטעגלאַך. אָפריער — אַלף־בית. נאָכדעם — „עברי", חומש, רש"י. צו זעקס יאָר איז

שוין יוסף געווען קלאר אין תנ״ך. און שפעטער מיט א פאר חדשים, אין איינעם א גרויען, הארבסטיקן אינדערפרי, אויף מארגן נאך שמחת־תורה, — האט אים דער טאטע פארוויקלט אין אן אלט, איבערגעניצעוועט מאנטעלע, אנגענומען פאר א הענטל און אוועקגעפירט צו זיך אין ישיבה.

די ישיבה האט זיך געפונען אינעם פישערשן קלייזל, אויפן אלטן שולהויף.

דאס איז געווען א קליין בית־מדרשל, אן איינגעבויגנס; מיט א פארויכערטן סופיט; מיט גרויע, זיך־קרישלענדיקע ווענט; מיט שמאלע, פארשטויבטע פענצטערלאך. אינמיטן איז דא געשטאנען א הילצערן, סקריפעדיק בימהלע. אויבנאן, אין מזרח, — א פראסט, אומגעהובלט ארון־קודשל — באצויגן מיט א ציצן פרוכתל. און אין איינעם א ווינקל, ארום א לאנגן טיש, א הויך באשמאלצענעם מיט ליכט־חלב, זענען געזעסן צוויי צענדליק ייִנגערע און עלטערע (אייניקע פון זיי — שוין היפש באבערדלטע) ארים־בחורים.

יוסף האט גענומען פארברענגען אין דאזיקן קלייזל גאנצענע טעג. איז דא אפגעזעסן פון פרי ביז שפעט. ניט ווייט פון טאטן. צווישן צוויי עלטערע ישיבה־ניקעס. זיך באגלייך מיט זיי ארומגעשאקלט איבער א גרויסער גמרא. באגלייך מיט זיי אומעטיק צוגעניגונט. און דערביי געבענקט נאכן פרייען אינדרויסן; נאך דער האוועדיקער אלטשטאט; נאך דער ניט־ווייטער ווילִיע; נאך די הויכע, ארומשטאטישע בערג; נאך זוניקע פרילינג־טעג, זומער־טעג.

אזוי איז פארגאנגען א טאג נאך א טאג. אזוי איז פארגאנגען א גאנצע וואך.

נאכדעם איז געקומען שבת און יוסף — צוזאמען מיטן טאטן, מיט עלטערע און ייִנגערע ברידערלאך, — איז געגאנגען אין ליבאוויטשער שטיבל — אויפן גרינעם בארג.

אין שטיבל איז ער געשטאנען אין מזרח־וואנט, צווישן מיוחסדיקע באלעבאטים. געשטאנען א קליינינקער, א בלייכינקער, א מאגערינקער. אין א לאנג, קארטן קאפאטקעלע. אין א טוכן, „פויליש״ היטעלע. זיך ארומגעשאקלט איבער א דיקן סידור — נוסח אר״י. און דערביי מקנא־געווען אנדערע שטיבלשע קינדער, וועלכע דאווענען ווייניקער, טוען זיך ארומיאגן צווישן די שטיבלשע ווענט.

נאכדעם, נאכן דאווענען, נאך דער צווייטער שבתדיקער סעודה; דער טאטע פלעגט זיך א ווײַלע צושפארן, — איז יוסף געזעסן אין שטוב, אהינטער צוגע־פראלטע פענצטער־לאדן.

דער ארומיקער הויף האט דאן געטומלט מער ווי תמיד. די שכנישע קינדער, פרייע פון חדר, האבן דאן געהאלטן אין איין פילדערן. די קינדערשע קולות פלעגן אריינדרינגען אין שטוב אריין; פלעגן רופן זיך שפילן אין באהעלטערלאך, אין אנ־דערע שפילערייען. יוספן האט געצויגן אינדרויסן. דער טאטע אבער פלעגט

שטרענג פאַרזאָגן צו בלייבן אין שטוב:

— זיצן רויק!

— זאָגן תהילים!...

אזוי איז פאַרגאַנגען אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ שבת נאָך אַ שבת, אַ יאָר נאָך אַ יאָר. יוסף האָט אַלץ געלערנט, געדאווענט, געזאָגט תהילים. און דער טאַטע האָט אַלץ אַכטונג־געגעבן. געהיט איעדן טראָט, איעדן בליק, איעדע תנועה. געמוסרט אַפּט מיטן קוק. דערמאַנט אָפט „יענע וועלט״, דעם גיהנום, שוידערלאַכע שטראָפן פאַר יעדער באַגאַנגענער עבירה.

ביז יוסקן איז אַוועק דאָס עלפטע יאָר. דאַן האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

אין שטאָט, ניט־ווייט פונעם דייטשישן גרענעץ, איז דערקלערט־געוואָרן קריג־צושטאַנד. איבער דער שטאָט, אין דער העלער, זומערדיקער הויך, האָבן זיך באַוויזן „שטאָלענע פויגל״. אַראָפּגעשליידערט באָמבעס. פאַרזייט די גאַסן, די הייזער מיט חורבן, מיט טויט.

די לופט־אַטאַקעס האָבן זיך פאַרעפטערט. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע הרוגים, פרישע פאַרוואונדעטע. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ צעמישעניש. פּני־מער האָבן זיך פאַרצויגן מיט זאָרג. בליקן — מיט שרעק. מען האָט געהאַלטן אין איין וואַרטן אויף נייע גרוילן, פורעניותן.

דערווייל איז געוואָרן שלים אויך אינדערהיים. עס האָט זיך צוגעמאַכט די ישיבה. דער טאַטע האָט געגומען אַרומגיין ניט מיט אַלעמען; איז געוואָרן בלייכער, מאָגערער. די מאַמע, אַ שטאַרק פאַרזאָרגטע, איז אַרומגעלאָפן נאָך שפּייז. און די קינדער, פרייערע שויז פונעם טאַטנס השגחה, האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַרשטילטע, דערדריקטע, אַנגעשראָקענע.

צען חדשים נאָכן מלחמה־אויסברוך, ערב שבועות אינדערפרי, איז געקומען אַ באַפעל אַרויסצושיקן פון שטאָט („אין משך פון פירונצוואַנציק שעה״) אַלע יידן.

אין שטוב איז געוואָרן תשעה־באב.

מען האָט זיך גענומען פּאַקעווען.

די מאַמע — זי איז איצט געווען „אין די הויכע חדשים״ — האָט געפּאַקעוועט כלים, בעטגעוואַנט, אַנדערע חפצים. די קינדער האָבן איר פיבערדיק צוגעהאָלפן. און דער טאַטע — אַ שטאַרק בלייכער, אַפּגעצערטער, — האָט זיך גע׳עסק׳ט אַרום די ספרים: געשפּאַרט אין גרויסע קאַסטנס גוואַלדאָוונע שס״ן, יורה־דעה׳ס, חושן־משפּט׳ס, אורים־ותומים׳ס; דיקע „מפרשים״; קליינינקע מוסר־ספרימלאַך.

פאַרנאַכט־צו איז אַלץ געווען פאַרפּאַקט, איבערגעבונדן. די שווערע, האַמעט־נע מעבלשטיקער זענען שוין געשטאַנען אויפן הויף, אין אַ קעלער, אונטער אַ שלאָס.

און די איבעריקע זאַכן האָבן געוואַרט אויף אַ פור.

די פור — אַ גרויסער משא־וואָגן — האָט זיך באַלד באַוויזן.

מען האָט אים גענומען אָנלאָדן.

מיט יעדער רגע זענען די קלייניקע צימערלאַך געוואָרן פוסטער.

ביז דאָס גאַנצע שטוב איז געבליבן אָן אויסגעלערטע, אַ פאַרהאַקטע אויף טיר און פענצטער.

מען איז אַרויסגעפאָרן פון הויף.

עס איז געווען שקיעה־צייט.

געסלאַך, גאַסן זענען געלעגן פאַרלאָזענע, פאַרשטילטע.

ווינקלען, געשעפטן זענען געשטאַנען פאַרהאַקט, פאַריגלט; באַהאַנגען מיט ברייטע, אייזערנע שטאַבעס, מיט שווערע, בייכיקע שלעסער.

מען איז געפאָרן דורך אַ טויטער שטאָט.

דער משא־וואָגן האָט זיך פּאַמעלאַך אַרומגעוויגט. די רעדער זיינע האָבן ניט אויפגעהערט טראַסקען אָנעם שפּיציקן ברוק.

עס איז צוגעשוווּמען דער וואָקזאַל. אַ געדיכט באַלאַגערטער. אַ באַלייגטער מיט פּעק. אינעווייניק, אין די הויכע, געראַמע „קלאַסן", איז ערד־טרעטעניש. אַנגעהורבעט. אָנגעשליידערט. פאַרטרערטע ווייבער. ווייִנענדיקע קינדער. הוסטנדיקע זקנים. חולאים אויף טראָג־בעטלאַך. דער טאַטע איז דאָ געוואָרן שטאַרק פאַרהאַוועט. גענומען אַרומיאָגן. זיך לסוף באַוויזן מיט איינעם אַ הויכן, לאַנג־באָוואַנצטן טרעגער.

דער טרעגער האָט גענומען אַריבערפעקלען דעם היימישן באַגאַזש צו איינעם אַ לאַנגן עשעלאָן, אין איינעם אַ וויטלאַכן, אָנפענצטערדיקן וואַגאָן אַריין. דער וואַגאָן האָט זיך שנעל אָנגעלאָדן. מיט נייע יידישע משפחות. מיט פרישע פּעק, ביז ער איז פולגעוואָרן, ווי אָן אויג. דאַן האָט זיך די טיר זיינע צוגעריגלט. אינעווייניק איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. און דער עשעלאָן האָט גערירט.

קאַפּיטל דריי

מען איז לאַנג געפאָרן. די ערשטע נאַכט — אַן אָפּשטעל. פאַריגלטע. אויף אָנגעשליידערטע פעק. אין ענגשאַפט. אין שטיקעניש. אין פינצטערניש.

דער טאַטע האָט ניט אויפגעהערט זאָגן תהילים. האָט אָפט אונטערגעהוסט, אונטערגעקרעכצעט.

די מאַמע איז דערביי געזעסן אַ וואַכע. זיך מיד אַרומגעוויגט. געבליקט אַ פאַרזאָרגטע צום טאַטן, צו די שלאָפנדיקע קינדער.

די קינדער האָבן זיך אַלע ווײַלע אויפגעוועקט. זיך פאַנאַנדערגעוויינט. געמאָנט עסן, אַ טרונק.

אַזוי איז אַוועק די נאַכט. עס האָט גענומען טאָגן.

אינדערפרי — אין וואַגאָן האָט נישקשהדיק אַרײַנגעשײַנט (דורך שפּאַלטן אין די ווענט, דורך לעכער אין דאַך), — האָט מען זיך דערפילט גרינגער, האָפערדיקער. די מאַנסלײַט האָבן זיך אַ נעם־געטאָן צום שבֿועותדיקן שחרית. די ווײַבער — צוגרייטן פרישטיק. און קליינוואַרג — מיט מוציא׳ס אין די הענט; מיט ביסנס אין די מײַלער, — האָבן זיך געשטויסן בײַ צעהעלטע וואַנט־שפּאַלטן; געזשמורעט אין זיי די אויגן; אַרויסגעבליקט אין יאָגנדיקן אינדרויסן.

דער עשעלאָן האָט געשניטן אַ ברייטע, צעזוניקטע וועלט.

יוסף — אויך ער האָט אַרײַנגעזשמורעט די אויגן אין אײַנעם אַ וואַנט־שפּאַלט. געזען פאַר זיך: צעגרינטע פעלדער, באַבלעטערטע ביימער, באַקווייטלטע בערג־לאָד. אויפגעכאַפּט: ריזיקע טעלעגראַף־סלופּעס; קלײנינקע באַן־וועכטער־שטיבלאָד; זיך־פּאַשענדיקע פּי. ער האָט לאַנג אַזוי אַרײַנגעבליקט. פאַרשלונגען איעדן זונשטראַל, איעדן באַרג־אַרויף, איעדן ביימל.

און דער עשעלאָן האָט אַלץ געיאָגט; זיך זעלטן אָפּגעשטעלט.

אַזוי איז אַהועק דער טאָג.

פאַרנאַכט־צו, אויף איינער אַ גרעסערער באַן־סטאַנציע, האָט זיך די טיר — צום ערשטן מאָל — אויפגעריגלט. אין וואַגאָן האָבן זיך אַרײַנגעשטעקט דריי קעפּ — פאַרשטייער פון אַ יידישן הילף־קאָמיטעט:

— פונוואַנען טרײַבט מען עס?

— וואַהין?

עס איז געוואָרן אַ גערודער. מען האָט אַ שפּאַר־געטאָן צום טיר־צו — צו די

דריי פּאַרשטייער: צוויי יונגעלייט און אַ יום־טובדיק פּאַרפּוצט מיידל. איינער פון די מגורשים, אַ לייביקער ייד, מיט אַ רויטער, געדיכטער באָרד, האָט זיך דער־שטופּט גאָר פונפאָרנט; געגומען דערציילן:

— טרייבן טרייבט מען „פונדאַרטן", פון די „שיינע" ערטער. און זאָגן זאָגט מען: קיין סיביר, קיין קאַווקאַז, צו די הרי־חושך... און דערווייל האַלט מען פאַרשפּאַרט, פאַרריגלט. ווי, להבדיל, בהמות... אין ענגשאַפט. אין שטי־קעניש. אין שמוץ. אין אַ לופט — שוין איינמאָל אַ לופט... דער ייד האָט אַ ווייז־געטאָן אַרום זיך:

— אדרבא. זאָל דער קאָמיטעט אַ בליק־טאָן: ניט מעגלאַך דאָ איינזיין. ווער שמועסט דאַוונען, זאָגן אַ יידיש וואָרט...

די פאַרשטייער האָבן אים געדולדיק אויסגעהערט. נאָכדעם — צעטיילט פּעקלאַך עסנוואַרג, פלעשער מילך, טאַוועלאַך שאָקאָלאַד. נאָכדעם האָט זיך די טיר צוגעריגלט. מען איז אַוועקגעפאָרן ווייטער.

עס איז צוגעפאַלן אַ נייע נאַכט. אַ ווינטיקע. אַ רעגנדיקע. דורך די דאַך־לעכער, דורך די וואַנט־שפּאַלטן האָט היפּש אַריינגעגאָסן. אויף געבויגענע קעפּ. אויף געקאַרטשעטע גופים. אויף כאַאָטיש צעשליידערטע געלעגערס. מען האָט קנאַפּ־וואָס געשלאָפן. קינדער האָבן ניט אויפגעהערט וויינען.

און ווידער איז געוואָרן פרימאָרגן — אַ לויטערער, זוניקער פרימאָרגן.

איצט איז מען געשטאַנען לעם איינעם אַ טומלדיקן וואָקזאַל, אויף איינער אַ זייטערדיקער רעזערוו־ליניע.

מען איז דאָ לאַנג געשטאַנען; מיט אַ באַנייס צעריגלטער טיר.

עס איז אַזוי אַוועק אַ שעה, אַ צווייטע, אַ דריטע.

אַרום וואַגאָן האָבן זיך אַרומגעדרייט אָפּגעריסענע שקצימלאַך — מיט צע־קודלטע קעפּ; מיט פאַרקויטיקטע פּנימער; מיט ווילדע בליקן. זיי האָבן אָפּגע־שפּעט פון די יידישע מגורשים. געשליידערט אין די ווענט, אויפן דאַך שטיינד־לאַך, שטיקער בלאָטע:

— זשידעס.

— שפּיאָנעס...

אויפן פינפטן מעת־לעת נאָכן פאַרלאָזן די היים איז מען שטיינגעבליבן לעם איינער אַ דרומדיקער שטאָט; אַנקעגן אַ שיינער וואָקזאַל־געביידע (מיט אַ צע־ווייטער פאָן אויפן דאַך־שפּיץ; מיט אַ גלאַנציקן גלאָק ביים אַריינגאַנג).

דער עשעלאָן האָט זיך דאָ אויסגעלאָדן.

דער טאַטע האָט דאָ באַנייס געדונגען אַ משא־וואָגן; אויפגעלאָדן דעם הייַמישן גוטס; אויפגעזעצט מאַמע און קינדער.

מען האָט אַוועקגעראַלט אין שטאָט.

מען איז געפאָרן דורך לאַנגע, ברייטע, ציכטיק־ברוקירטע גאַסן — אייַנגעטונקטע אין גרינס; באַשפּריצטע מיט פרישן וואַסער. פון צעעפנטע פענצטער האָבן אַרויסגעכוואַליעט גלעטנדיקע מוזיק־קלאַנגען. די אַנגעגענטע מענטשן זענען געגאַנגען רייך געקליידעט; האָבן פאַרמאָגט זאַטע, צופרידענע פנימער; קלאָרע, אויסגערוטע בליקן.

מען איז פאַרפאָרן אין אַן אַלט בית־מדרש — אַ צייַטווייַליקער אויפהאַלט פאַר יידישע ,,בעזשענצעס''. מען האָט דאָ פאַרבראַכט העכער אַ וואָך. געגעסן אויפן פאַרבונדענעם געפּעק. געשלאָפן אויף אַן אַנגעברודיקטן דיל. ביז עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ קליין וווינונג — אין איינעם אַ ווייטן, אָרעמען שטאָט־ווינקל.

אין דער־אַ נייַער היים זענען אייַנגיכן אויסגעגאַנגען די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע רובלס. די מאַמע — זי איז שוין געווען ,,אויף דער צייַט'' — האָט גענומען פאַרטאַכלעווען פאַרשיידענע שטובּיקע חפצים: אַ קופּערנע פענדל; אַ שטול; דעם טאַטנס אַן אַלטע זייגער־קייט. נאָכדעם איז געקומען די ריי אויף אַן ,,איבעריק'' קישן, האַנטוך, ליילאַך. דאָס עסן איז געוואָרן ,,אויפן שפּיץ גאָפּל''. דער מצב איז שלימער־געוואָרן מיט יעדן טאָג.

דער טאַטע איז שוין קנאַפּ־וואָס אַרומגעגאַנגען. פאַרבראַכט די מערסט אין בעט. אונטערגעהוסט. אונטערגעקרעכצעט. אויף די קינדער האָט ער שוין ווייניק־וואָס אַכטונג־געגעבן. און יוסף האָט זיך געפילט פויגל־פרייַ. זיך גאַנצענטעג אַרומגעיאָגט איבער אַרומיקע געסלקעס. און שפּעט אין די אָוונטן, קומענדיק אַהיים, — זיך אַוועקגעוואַלגערט שלאָפן אָן ,,קריאת־שמע''...

אַזוי איז אַוועק אַ חודש נאָך אַ חודש.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער זומער.

עס איז אָנגעקומען האַרבסט. עס האָבן אַ בלאָז־געטאָן קאַלטע ווינטן. עס האָט גענומען רעגענען.

אין שטוב איז געווען ביטער. ברויט האָט אויסגעפעלט. קיין הייצונג איז ניט געווען. דער טאַטע איז שוין זעלטן אַראָפּ פון בעט. כסדר געהוסט, געקרעכצעט. די מאַמע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ נייַ זויג־קינד — אַ ייִנגעלע.

דאָס עופּעלע האָט אַפּט געשריען, געגוואַלדעוועט. באַזונדערס, אין די נעכט. יוסף האָט זיך אָפּט אויפגעוועקט. זיך צעטשוכעט. אָפּגעלעגן שעהנלאַנג אַ וואַכער. זיך צוגעהערט צום טאַטנס הוסט. אויפגעכאַפּט צומאָל דער מאַמעס עטלאַכע ווערטער, אַרויסגערעדטע צום טאַטן:

— וואָס טוט מען מיט די קינדער ?

— ווו טוט מען זיי אַהין ?

יוספן האָבן געגומען אָרן די דאָזיקע ווערטער. ער האָט זיך איצט — אין די נעכט, אַ וואַכער, — אָפּט געגומען פרעגן:

— וואָס טוט מען מיטן קראַנקן טאַטן ? מיט דער הילפלאָזער מאַמען ? מיט פאַרוואַרלאָזטע ברידערלאַד־שוועסטערלאַד ?

ער איז אָפּט אַזוי געלעגן — אַ וואַכער, אַ פאַרקלערטער, אַ פאַרדאַגהטער — געזוכט אַן אויסוועג פון דער ביטערער לאַגע און ניט געוווסט וויאַזוי אים אָפּזוכן.

אַן אויסוועג האָט לסוף אָפּגעזוכט דער טאַטע. ער האָט זיך צונויפגעשריבן מיט איינעם אַ וויטן קרוב — אַ חסיד פון איין רביז. האָט אים יענער געהייסן צושיקן איינעם פון די קינדער. אַ שטייגער, יוספן.

איז אַזוי געבליבן. יוסף פאַרלאָזט די היים. ער פאָרט צום קרוב. ער פאָרט ווערן „אַ מענטש".

האָט אים די מאַמע געגומען אויסריכטן אין וועג. אים צוגעגרייט צוויי פּאָר פאַרלאַטעטע אונטערוועש; אַ קישעלע; אַ קאָלדרע; אַ פונט צוקער; אַ פערטל טיי; אַ סלאַייקל מאַלינע־איינגעמאַכץ; אַ צענדליק אַלטגעבאַקענע מאָן־קיכלאַך . . .

דער טאַטע ווידער האָט אים באַזאָרגט מיט אַ דיק סידורל, מיט אַ פּאָר מוסר־ספרימלאַך . . .

און אין איינעם אַ גרויען, חשונדיקן אינדערפרי — אינדרויסן האָט געטריפט אַ דיק, קאַלט רעגנדל, — האָט זיך יוסף צעזעגנט מיט טאַטע־מאַמע, מיט ברידער־שוועסטער, מיט דער גאָרער אומעטיקער, נויטפולער היים.

קאַפּיטל פּיר

דעם טאַטנס קרוב, שעפסל דער טליתניק (ער האָט געהאַנדלט מיט די באַרימטע דובראַוונער טליתים), האָט געוווינט ווייט אויפן צפון. יוסף איז אַהין געפאָרן העכער צוויי מעת־לעת. און אויפן דריטן טאָג, וואַרעמעס־צייט, איז דער צוג צוגעשוומען צום קרובס שטאָט.

דער קרוב — אַ קליינגעוויקסיקער, אַ בייכלדיקער, מיט אַ העל בערדל, מיט אַ פּאָר פריילאַכע ביר־קאַלירן אויגן, — האָט יוספן אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט. האָט אים אַנגענומען פּאַר אַ הענטל. גענומען פירן דורך לאַנגע, ברייטע, שלעכט־ברוקירטע גאַסן — באַבויטע פון ביידע זייטן מיט הילצערנע איינשטאָקיקע שטיבער. ער האָט אים אַזוי אַדורכגעפירט אַ שטיק שטאָט. אַריינגעבראַכט אין איינס אַ קליין טונקל שטיבל. אים דאָ פאָרגעשטעלט פאַרן ווייב — אַ הויכע, דאַרע, געל־האָריקע יידענע; פאַר די קינדער — זעקס מוידן; גראַטענע אין דער מאַמען. און געהייסן גרייטן צום טיש:

— דער חשובער אורח איז אַוודאַי הונגעריק...

דעם ערשטן טאָג אינדערפרעמד האָט יוסף פאַרבראַכט ביים קרוב. געגעסן געשמאַקע געריכטן. געשלאָפן (אין איין צימער מיט אַ פּאָר פונעם קרובס טעכטער) אויף אַ ווייך אויסגעבעט געלעגער. און אויפן אַנדער פרימאָרגן, נאָכן דאַוונען, האָט אים דער קרוב אָוועקגעפירט „עסן אַ טאָג“. ער האָט אים דערביי אַנגעוויזן די הייזער, וווּ ער, יוסף, וועט עסן די איבעריקע טעג אין וואָך.

— אַיעדן וואָכנטאָג — אַזוי האָט אים דער קרוב דערביי דערקלערט — עסט ער ביי אַן אַנדער באַלעבאָס. שבת ווידער, אויף אַלע דריי סעודות, געהערט ער צום קרוב. און וואָס באַלאַנגט שלאָפן איז דער ענין אַזאַ: ביים טליתניק איז ניטאָ ווו. עס איז אַן ענג שטיבל. און דאָס געזינד איז אַן עין־הרע... האָט דער טליתניק אַ פלאַן: יוסף וועט נעכטיקן אינעם היגן חסידישן שטיבל, וווּ ער קען, אגב, אויך לערנען — „פאַר זיך“; ווייל דאָ אין שטאָט איז ניטאָ קיין ישיבה.

יוסף האָט עס אַלץ אויסגעהערט. זיך דערביי אַנגעמערקט די הייזער פון די קינפטיקע „טעג“ זיינע. און אין זעלבן טאָג נאָך, פאַרנאַכט־צו, — אַריבער נעכטיקן אין חסידישע שטיבל.

ער האָט געגומען „עסן טעג‟, שלאָפן אין שטיבל, לערנען „פאַר זיך‟.
ער האָט געלערנט מיט התמדה.
ווינטער — ביי איינעם פון די שטיבלשע טישן; לעם אַן אַנגעהייצטער הרובע.
זומער — ביי איינעם פון די שטיבלשע שטענדערס; לעם אַ צעעפנטן פענצטער.
ער האָט אַזוי געלערנט ניט בלויז בייטאָג — אויך ביינאַכט. פלעגט זיך אויפכאַפּן ענדע צווייטע אשמורה. פלעגט אָנצינדן אַ ליכט. פלעגט זיך זעצן צו דער גמרא.
ער האָט באַזונדערס ליבגעהאַט די דאָזיקע ביינאַכטיקע שעהן.
איבער די שטיבלשע ווענט טוען זיך אַרומהוידן ריזיקע שאָטנס. אים אַבער, יוספן, אַרט זיי קנאַפּ־וואָס.
איבערן שטיבלשן דיל טוען אַרומשמייען גרויסע מייז — מיט לאַנגע עקן; מיט שמאָלע פּיסקלאַך; מיט ביסטרע אויגאַלאַך... אים אַבער, יוספן, שרעקן זיי ווייניק־וואָס.
ער זיצט זיך, יוסף, אָן מורא. האַלט זיך אין איין אַרומשאָקלען איבער דער צעעפנטער גמרא. האַלט אין איין אַרומשווימען אינעם ברייטן צעכוואַליעטן „ים־התלמוד‟...
די „טעג‟ זיינע זענען געווען גוטע, זאַטע. דער שבת — גאָר אַן אַנטיק. איעדע שבתדיקע סעודה איז געווען געשמאַק, נאַרהאַפטיק. צו יעדער שבתדיקער סעודה האָט יוסף געמאַכט אַ „לחיים‟; צוזאַמען מיטן טליתניק. זיי האָבן דער־ביי געשמועסט פון לערנען. דער קרוב האָט באַוואונדערט יוספס „תפיסה‟. אים געלויבט פאַר ווייב און טעכטער.
פונדערהיים האָט יוסף באַקומען קורצע בריוולאַך — דריי קאָפּיקענע פּאָסט־קאַרטלאַך, פאַרשריבענע מיטן טאַטנס געצוקטער האַנטשריפט:
לבני יקירי יוסף נ״י.
מיר זענען ב״ה בקו החיים. קיין אַסאַבענע נייס איז ניטאָ. איך ליג נאָך אַלץ אין בעט. מיין הוסט איז לע״ע ניט גרינגער. און די צייט איז ווי געווען. אַ שלעכטע צייט. אַן עת־צרה. מע טאָר אָבער ניט פאַרלירן די האָפענונג. אַף־על־פּי שיתמהמה... וד׳ ירחם... זע אָפּהיטן דאָס געזונט. חס־ושלום זיך ניט צוקילן. לערן. דאַוון. זיי מכבד דיינע באַלעבאַטים. זיי זענען טייערע, כשרע יידן. און זיי אַליין אַ ייד. דאָס איז דער עיקר. אַלע גריסן דיך.
אביך המצפה...
אַזוי זענען פאַרגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים. אַזוי זענען אַוועק אַנדערהאַלבן יאָר. יוסף האָט אַלץ געלערנט, געדאַוונט; געלייענט דעם טאַטנס הדרכהשע בריוו־לאַך; געדענקט די ווייטע, נויטפולע היים.

נאכדעם איז געקומען איינער א טאג אין ענדע ווינטער; א טאג א זוניק־בלויער, א שנייק־פרעסטלדיקער; א טאג פון גרויסע נייס.

געווען איז עס אום זונטיק.

יוסף האט דאסמאל פארבראכט אין לערנען די גארע פארגאנגענע נאכט. אויסגעברענט א לאנגע סטעארינאווע ליכט. אדורכגעקערט פעריק עמודים פון דער גמרא „כתובות"... ביז עס האט גענומען טאגן. האט ער איצט, א מידער פון דער לאנגער „משמור־נאכט", צוגעמאכט די גמרא, אנגעשפארט אויף דעם דעם קאפ, גענומען דרעמלען.

באלד אבער האט אים עמעצער צעטארעט, צעוועקט. ער האט אויפגעריסן די אויגן — דערזען פאר זיך דעם שטיבלשן שמש. ער שטייט איבער אים, דער שמש, א מאדנע אויפגערודערטער. ער זאגט אים, יוספן, אז א טשיקאווע בשורה:

— אין לאנד איז א רעוואלוציע...

דער שטיבלשער שמש — מען האט אים גערופן שמואל־אבא — איז געווען אן אלטער בחור. א הויקער. מיט לאנגע, „מאלפישע" הענט. מיט קליינינקע, כיטרענקע אויגאלאך. מיט א שיטער, קאלירלאז בערדל. ער איז געווען פאר־קאכט אין פאליטיק. האט זיך תמיד ארומגעטראגן מיט „גאזעטן". האט איבער עפעס געהאסט דעם קייסער, די קייסערינע, די מיניסטארן... האט ליבגעהאט שמועסן „איבער דער וועלט־לאגע" מיט גרויס און קליין. איצט, אריינקומענדיק אין שטיבל אריין (צוגרייטן דאס שולכל צום אינדערפריענדיקן מנין), האט ער אויפגעוועקט יוספן: אים גענומען דערציילן פון די גרויסע געשעענישן.

בינו־לבינו האט מען זיך צונויפגעקליבן צו שחרית. יעדער איינער איז אריין אן אויפגעלעבטער. יעדער איינער האט געבראכט פרישע ידיעות. עס האבן זיך געשאפן רעדלאך. דא — איין גרופקע; דארט — א צווייטס. יוסף, א שטארק בייגעריקער, האט זיך געדרייט ארום די גרופקעס; צוגעלייגט אן אויער; אויפ־געכאפט „טשודנע" ווערטער — קיינמאל ניטגעהערטע:

— סוואבאדע.

— קערענסקע.

— פראוויזארישע רעגירונג...

נאכדעם, נאכן דאווענען, איז ער אוועק עסן פרישטיק — אויפן זונטיקדיקן „טאג".

ער איז געגאנגען ניט־געיילט. זיך צוגעקוקט צום באקאנטן ארום. די גאסן זענען אומגעווינלאך באלעבט. מע שטויסט זיך ביי ווענט, ארום טעלעגראף־סלופעס. מע שטופט די אויגן אין פריש צעקלעפטע צעטלען. מע שלינגט צאפל־דיקע נייסן.

נאָכדעם, נאָכן פרישטיק, האָט ער זיך אין שטיבל — צום טיש, צו דער גמרא, — ניט צוריקגעקערט. אים האָט פאַרכאַפּט אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע. מיט צעשווייעטע פאָנען. מיט צעשאַלטע אָרקעסטערס.

מע שפּאַנט אין געפּרעסטע רייען. יונג און אַלט. ניט־ייד און ייד. די בליקן — צעלויכטענע. די מיילער — זינגענדיקע. די טריט — פעסטע. לעם איינעם אַ באַלקאָן, אַ פאַרפּוצטן אין רויטן, שטעלט מען זיך אָפּ. עמעצער, מיט צעבליצטע אויגן, מיט צעשליידערטע הענט, טוט פון באַלקאָן אַראָפּדונערן. יוסף פאַרשטייט ניט קיין וואָרט. ער שטייט אָבער, ווי אַלע: האָרכט, בליקט, גאַפט...

דערווייל שאַרט זיך צו אים צו איינס עפּעס אַ יאַטל. אַ פולבלאָכער. מיט ראָזע בעקאַלאַך. מיט אַ ברייט פאַריסן נעזל. מיט אַ פּאָר בלויע, גוטברודערישע אויגלאַך. ער רופט יוסף צו די קאַזאַרמעס:

— מע גרייט דאָרט אַ פּאַראַד...

יוסף באַטראַכט דאָס „צוטשעפּעניש". שלאָגט זיך אַ רגע מיט דער דעה. לאָזט זיך מיטשפּאַנען צו די ווייטע, הינטערשטאָטישע קאַזאַרמעס.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אין יוספן פאַרנעסטעט אַ פיבערדיקער אומרו. אים איז געוואָרן ענג דאָס חסידישע שטיבל. אים האָט געצומען קלעמען די שטיבלשע שטילקייט. אים האָט געצומען ציען אינדרויסן. אים האָט אויך גע־צויגן צו זעליקלען — צום יאַטל, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אויף דער דע־מאָנסטראַציע.

און זעליקל — ער האָט זיך אָפּט אַריינגעיאָוועט אין שטיבל אַריין. אָפּגע־ריסן יוספן פון דער גמרא. אוועקגעפירט אויף אַ נייעם פּאַראַד, צו אַ פרישער דעמאָנסטראַציע. אַמאָל — צום טייך זיך באָדן. אַמאָל — אין אַ קינאָ אַריין (אויף אַ פילמע — פול וווּנדער: ערגעץ אין די מעקסיקאַנער ווילדערנישן, וווּ סע הויערן ריזיקע בערג; ווו סע וויכערן צעצוימטע פערד; וואו מע זעט טונקל־הויטיקע מענטשן — האַלבנאַקעטע, פאַרפּוצטע אין פילקאָלירקע פעדערן.

און די טעג האָבן זיך דערווייל געקייטלט. טעג — זומערדיקע, זוניקע, הייסע; אָנגעלאָדענע מיט אויפרייס־שטאַפּן — פּאָר מאַרגנדיקע שטורעמס, פּאָר קינפטיקע אויפשטאַנדן.

עס האָט זיך געגרייט אַ צווייטע רעוואָלוציע — אַ שטרענגערע, אַ בלוטי־קערע. איעדן טאָג — אַזוי האָט מען אין שטאָט געשמועסט — קען זי, די דאָזיקע רעוואָלוציע, אויסברעכן. איעדער טאָג קען מיט זיך ברענגען נייע וויכטיקע געשע־ענישן.

דערווייל, אין איינעם פון די־א ברויזנדיקע טעג, איז יוסף געווארן בר־מצוה, געווארן א פאלנער ייד — א באפרייטער פונעם טאטנס רשות, פונעם טאטנס קורצע, הדרכהשע בריוולאך. ער איז שוין אבער געווען „פריי״, „זעלבסטשטענדיק״ פונפריער. ער האט שוין לעצטנס קנאפ־וואס אין שטיבל פארבראכט; ווייניק־וואס ביי דער גמרא אפגעזעסן. ביז ער האט דאס שטיבל, די גמרא אינגאנצן פאר־לאזן. ביז ער האט אויפגעהערט באזוכן אויך די „טעג״ זיינע. ער איז אריבער עסן, שלאפן אהיים צו זעליקלען.

זעליקל איז געווען א בן־יחידל, און א טאטק. די מאמע זיינע — א שווער־לייביקע; מיט חן־גריבאלאך אין פולע, ראזעווע באקן; מיט א מויל דריבנע, בלישטשנדיקע ציין, — איז געווען א בעקערקע: ראכע די בעקערקע. איבער זעליקלען האט זי געהאלטן אין איין ציטערן; האט אים נאכגעגעבן איעדן קאפריז זיינעם. האט זיך זעליקל אויף איר אנגעזעצט.זאל זי אריינעמען צו זיי אין שטוב אריין יוספן. ער, זעליקל, קען אן יוספן ניט אויסקומען, ניט עסן, ניט שלאפן. זעליקל איז לאנג צוגעשטאנען, געריסן פון דער מאמען שטיקער פלייש. ביז זי האט נאכגעגעבן.

האט יוסף איצט געגעסן, געשלאפן צוזאמען מיט זעליקלען. געגעסן מיט אים פון איין טעלער... געשלאפן מיט אים אויף איין געלעגער — אויף אן אנ־געהייצטן באק־אויוון... דער דאזיקער באק־אויוון האט זיך געהייצט צוויי מאל א מעת־לעת. ראכע די בעקערקע האט צוויי מאל א מעת־לעת געקנאטן טייג, גע־באקן ברויט. דער ברויט אירער האט געשעמט מיט זיין וווּנדערלאכן טעם; האט זיך גוט פארקויפט. די לייזונג איז געווען א שעפעדיקע. די פארדינסטן — היפשע. אין שטוב איז געווען פון כל־טוב. זעליקלען איז געווען וווּיל ווי די וועלט. און איצט — אויך יוספן. ווייל ראכע די בעקערקע איז געווען א דימענ־טענע יידענע. האט זי יוספן ווי געהעריק צוגעזען; געהאלטן אין איין שטאפן, אין איין קארמענען. ביז ער איז געווארן א צווייטער זעליקל: א פולבאקיקער, א ראזעווער. און ראכע האט שוין איצט אנגעקוואלען פונעם „צווייטן זון״ אירן...

אזוי זענען פארגאנגען ביי(ע) טעג, פרישע וואכן. אזוי איז לסוף אוועק העכער א יאר. יוסף האט מער ניט געלערנט, מער ניט געדאוונט. פארבראכט בלויז מיט זעליקלען. זיך ארומגעוואלגערט אויפן באק־אויוון. זיך ארומגעטריבן איבער דער צערודערטער שטאט. שלינג און שלאנג. פרייע צוויי פויגל.מיט קליינגעלט אין די קעשענעס: אויף קינאס, נאשערייען, אנדערע פארגעניגנס.

ביז —

ביז עס איז געקומען איינער א הארבסטיקער אוונט. צו ראכע דער בעקער־קע האט זיך אריינגעיאוועט יוספס אן אלטער באקאנטער; דער וויטער קרוב, —

שעפּסל דער טליתניק. ער האָט יוספן קוים אָפּגעזוכט. ער האָט אים אויסגע־מוסרט פאַרן ניט־לערנען, ניט־דאַוונען. נאָכדעם — איבערגעגעבן אַ בריוו.

דער בריוו איז געווען פונדערהיים. דער טאַטע — האָט יוסף געלייענט — איז שוין אויפן עולם־האמת. ער, יוסף, דאַרף שוין איצט זאָגן קדיש. דריי מאָל אַ טאָג... דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, זאָל ער זיך אַרויסקלייבן אַהיים. וואָס גיכער. ווייל די מאַמע, די איבעריקע קינדער גרייטן זיך אין וועג אַריין — צוריק אין דער אַלטער היימשטאָט, וואָס באַלאַנגט שוין איצט צו אַ ניי לאַנד.

יוסף האָט געענדיקט לייענען. געבליבן זיצן אַ טרויעריק פאַרטראַכטער. דערזען אין דמיון דעם פאַרשטאַרבענעם טאַטן. דערזען דעם טאַטנס בלאַס געזיכט; זיין מוסרנדיקן בליק; זיינע פאַסטנדיקע ליפּן. נאָכדעם האָט יוסף לאַנג געוויינט, געכליפּעט און ראַכע, זעליקל האָבן מיטגעוויינט, מיטגעכליפּעט. און נאָכדעם — דעם אַנדער פרימאָרגן — האָט אים די בעקערקע באַזאָרגט מיט געלט אויף אַ בילעט, מיט שפּייז אויפן וועג; זיי האָבן זיך האַרציק צעזעגנט, צעקושט; און זעליקל — אַ שטאַרק פאַרומערטער — איז אים געגאַנגען באַגלייטן צום באַן.

...ער איז שטעקנגעבליבן אינמיטן וועג, אויף איינער אַ טומלדיקער קנופּ־סטאַנציע, אין איינער אַ רעגנדיקער נאַכט.

אין לאַנד איז שוין געווען לאַנג נאָך „אָקטיאַבער". אַרום־און־אַרום האָט געבושעוועט דער בירגערקריג. די צוגן האָבן קורסירט ניט־רעגולער. איז דאָ אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן אויף אַ נייעם צוג.

לסוף, פאַרטאָג־צו, האָט מען זיך דערוואַרט.

עס האָט זיך באַוויזן אַ מין „צוג".

פונפאַרנט — אַ קויל־שוואַרצער, שווער פאַרסאָפּעטער לאָקאָמאָטיוו; און אַהינטער אים — אַ ריי „טעפּלושקעס", באַלאַדענע פון אינעווייניק און דרויסן מיט הונגעריקע, ניט־אויסגעשלאָפענע באַשעפענישן.

דער גאַרער וואָקזאַל־עולם האָט אַ שפּאַר־געטאָן צו די באַלאַגערטע „טעפּלושקעס"; זיך גענומען שלאָגן פאַר יעדן פּיצל אָרט.

יוסף האָט נאָכגעטאָן דעם צעווילדעוועטן המון. געשטויסן מיט די הענט, מיט די עלנבויגנס, מיטן קאָפּ. זיך לסוף דערדראַפּעט צו גליטשיק־נאַסע בופערס — צווישן צוויי וואַגאָנעס; אַרויפגעקראָכן; אָוועקגעפּאַרן.

עס האָט אַ שמייס־געטאָן אַ נייער רעגן — אַ קאַלטער; אַ דין־שטעכעדיקער; אַ שפּריצנדיקער אינדערקרום. עס האָט שוין אַזוי אָפּגעשפּריצט אַ גאַנצן טאָג — אַדורכגענעצט יוספן, אַלע איבעריקע דרויסנדיקע פּאַסאַזשירן ביזן ביין.

אינאווגט איז מען שטעקנגעבליבן באַנייס; אינמיטן אַ וויסטן פעלד. דער צוג גייט ניט ווייטער. סע שפּאַרט אַהערצו אַ באַנדע, אַ געפּירטע פון איינעם אַ באַרימטן אַטאַמאַן... זי שפּאַרט, די באַנדע, פון דריי זייטן. זי קען זיך באַווייזן אַיעדע שעה, אַיעדע רגע...

מען איז דאָ לאַנג געשטאַנען. מידע. הונגעריקע. דורכגענעצטע. אָנגעשראָקענע. יוסף האָט מורא־געהאַט פאַרלאָזן דאָס שווער פאַרכאַפּט אָרט. איז ער אַלץ געשטאַנען אויף די בופערס. ביז ער איז, אַ שטייענדיקער, אײַנשלאָפנגעוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ הילכיקער שיסעריי. אַרום־און־אַרום איז אַ בהלה, אַ יללה. מע לויפט. מע טאַפּטשעט. מע שרייט. מע רופט זיך איבער. אַט אַבער באַווייזט זיך אַ כאַפּטע רויטאַרמייער. באַרינגלט די וואַגאָנעס. שטילט איין דעם עולם. קלייבט אָפּ אַ טייל מאַנסלייט, אויך יוספן. באַזאָרגט זיי מיט רידלען. טרייבט זיי אַוועק טיפער אין פעלד אַרײַן. פאַרהאַלט זיי דאָ לעם איינעם אַ וועלדל. באַפוילט זיי דאָ גראָבן אָקאָפּעס:

— עס דערנענטערט זיך די באַנדע...

דער בירגערקריג האָט געברענט, געוויכערט. יוסף, אַ פערצניאָריק ייִנגל, האָט זיך מיטגעדרייט אינעם געווירבל. זיך אַרומגעטריבן פון איין וואָקזאַל אויפן צווייטן, פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. זיך לסוף דערשלאָגן צו דער דרום־דיקער היים. האָט אָבער די מאַמע, ברידער־שוועסטער ניט געטראָפן. זיי האָבן זיך אויף אים ניט דערוואַרט. פאַרלאָזן אַן אים דאָס צעשטורעמטע לאַנד.

און נייע וואַגלענישן האָבן זיך אָנגעהויבן. איבער וועגן און אומוועגן. איבער שטעט און דערפער. און אין איינער אַ שטאָט, אַ פאַרנומענער פון פּעטליורעס חיילות, איז יוסף פאַרשפּאַרט־געוואָרן אין אַ ברענענדיקן באַראַק, צווישן זעכציק אַנדערע ייִדן. דעם באַראַק האָבן די באַנדיטן אונטערגעצונדן. די מערסט פאַרשפּאַרטע זענען אומגעקומען. און ער, יוסף, צווישן עטלאַכע גליקלאַכע, האָט זיך געראַטעוועט.

און אין אַ צווייטער שטאָט, אַ פאַרכאַפּטע פון די „ווייסע", האָט ער זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער חרובע גאַסן. געשפּאַנט אַ הונגעריקער, אַ דאַכלאָזער. זיך לסוף פאַרהאַלטן ביי צוויי בשכנותדיקע טעלעגראַף־סלופּעס: שטיינגעבליבן אַ פאַרגאַפטער. סע הענגען אויף זיי, אויף די דאָזיקע סלופּעס, צוויי עלטערע ייִדן; לייכט זיך אַרומהוידענדיקע אין ווינט; מיט צעהאַקטע פּנימער; מיט בלוט־פאַרפּאַפּטע בערד: מיט אַרויסגעשטעקטע, לעבערקאָליריקע צינגער.

און אין אַ דריטער שטאָט האָט אים איינער אַ שיכורער היידאַמאַק געשטופּט אין פּנים אַ לאַנגן בלוילאַכן נאַגאַן:

— יידישע קאַמונע!

— טראָצקי!...

אַט אַזוי האָט ער זיך לאַנג אַרומגעוואַלגערט. אין היץ און אין קרירה. אין הונגער און אין דאָרשט. אין ברוד און אין פאַרוואָרלאָזטקייט. זיך אַרומגעטריבן מיט נאָך אַזעלכע הונגעריקע און דאַכלאָזע. געטאָגט אויף וויסטיקע פעלדער. געגעכטיקט אויף חרובע וואָקזאַלן. ביז עס איז געקומען איינע אַ פרילינגדיקע נאַכט — אַ מילד צעבלויטע, אַ פול־לבנהדיקע. אין דער־אַ נאַכט, אויף איינעם אַ דרום־אוקראַינישן וואָקזאַל, האָט יוספן אַרומגעקלאַמערט אַ קלעפּיקע היץ. אים געגומען מוראַדיק זויגן, נאָגן. אים פאַרנעפּלט דעם בליק, דעם זינען. אים לסוף אַריינגעשליידערט אין די אָרעמס פון אַ לאַנגן קאַשמאַרפולן שלאָף.

...ער איז געלעגן אַ קראַנקער אויף פלעק־טיפוס; אין איינעם אַ שמוציקן שפּיטאָל. ער געדענקט ניט, ווער האָט אים אַהינצו אַריינגעגעבן. ער געדענקט בלויז — בלייך, מטושטשדיק, — נעכט פון ווילדע האַלוצינאַציעס, טעג אין טייכן שווייס. ער געדענקט בלויז אַ שווער ראַנגלעניש מיט עפּעס אַ פינצטערער קראַפט. און אַזוי זענען פאַרגאַנגען מעת־לעתן, וואָכן, חדשים. יוסף האָט איבערגעלעבט איין סאָרט טיפוס, אַ צווייטן; אַ לונגען־אָנצינדונג. ביז ער האָט זיך לסוף, נאָך פינף חדשים שפּיטאָל־ליגעניש, באַנייס דערזען אינדרויסן.

עס האָט געגאָלדיקט אַ נייער האַרבסט.

פונדערהויך, פון אַ טיף־צעבלויטן דרום־אוקראַינישן הימל, האָט אַראָפּגעהעלט אַ מילדע זון. און אונטן, פון אונטער יוספס שוואַך שפּאַנענדיקע פיס, האָט זיך געשפּרייט אַ געל־באַבלעטערטע ערד — אַ רויקע, אַן איינגעשטילטע...

אַרום־און־אַרום איז געווען שאַ־שטיל.

דער בירגערקריג איז שוין געווען פאַרענדיקט.

דאָס לאַנד איז שוין געלעגן באַרויקט, ווי נאָך אַ לאַנגן, חורבנדיקן שטורעם...

אין יענעם גילדערנעם האַרבסט האָט זיך יוסף צונויפגעטראָפן מיטן ווייטן קרוב — מיט שעפסל דעם טליתניק. זיי האָבן זיך ביידע שטאַרק דערפרייט. יוסף האָט אים באַלד דערציילט פון זיינע איבערלעבונגען. דער טליתניק האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אים דערביי באַטראַכט מיט פייכטע בליקן. סע שטייט פאַר אים אַ קלאָגעדיקער יוסף. אַ פּנים — הויט און ביינער. אויגן — טיף איינגעגראָבענע לעכער. אַ קאָפּ — אַ גלאַטער, פאַרשפּיצטער שאַרבן. און אַ גוף — אַ דין־דינער, אַ געבויגענער צו דער ערד...

נאָכדעם, אויסהערנדיק דעם קרובס געשיכטע (אויך דער קרוב, מיט זיין הויזגעזינד, האָט פיל דורכגעמאַכט: זיך אָנגעהונגערט; דורכגעלעבט עטלאַכע

פאגראמען; זיך אַרומגעטריבן איבערן לאַנד; לסוף מגולגל־געוואָרן אַהער־אַ, אין דער־אַ שטאָט), — האָט זיך יוסף דערוווסט אַ פריידיקע בייס : עס וואַרטן אויף אים ביים טליתניק אַ פּאָר גוטע זאַכן. ערשטנס, דער מאַמעס אַ פּעקעלע בריוו. צווייטנס, „פּאַפּירן" צו פאָרן אַהיים, אין דער ווייטער, פרעמדלענדישער געבורט־שטאָט.

און אָט איז יוסף אינדערהיים ביים טליתניק. ער כאַפּט זיך דאָ צו צו דער מאַמעס בריוו. זי שרייבט אים, די מאַמע, אַז אַלע זענען געזונט. און זי רופט אים — „אויב ער לעבט נאָך" — אַהיים. זי גאַרט אַים זען, האָבן לעבן זיך, באַנייס, נאָך אַזעלכע שטורעמדיקע יאָרן...

יוסף — אַ פריידיק אויפגערעגטער — האָט זיך פאַרטראַכט :

— צוריק אַהיים. צו דער מאַמען. צו ברידער־שוועסטער. צו אַלטע קינד־הייט־מקומות... דאַרף מען, הייסט עס, פאָרן; וואָס שנעלער...

האָט ער זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע. רעגיסטריט, ווו מע דאַרף, די „פּאַפּירן". דורכגעמאַכט אַלע געהעריקע פאָרמאַליטעטן. און נאָכדעם — עט־לאַכע וואָכן נאָך זיין פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל — האָט ער זיך צעזעגנט מיטן קרוב, מיט זיין הויזגעזינט און — באַנייס זיך אַרויסגעלאָזן אין וועג.

קאפּיטל פינף

צוריק אַהיים איז יוסף געפאָרן איבער נייע וועגן, איבער אומבאַקאַנטע שטעט, גרענעצן, לענדער (אויף בערג, אויף פעלדער, אין וועלדער, אין טאָלן איז שוין געלעגן אַ נייער ווינטער — פאַרוויקלט אין ערשטע זויבערע שנייען).

געפאָרן איז יוסף לעטקע אַנגעטאָן. די פּיס — אין פאַרלאַטעטע שיך, אויף אויסגעקרימטע אָפּצאַסן. אויפן קאָפּ — אַ קאַרטענע צעקנייטשטע דאַשעק־היטל. און דאָס לייב — אַרומגענומען מיט אַן אַלטן זומערדיקן פאַלטאָ. די דאָזיקע „מלבושים" זענען געווען יוספס גאַרער „באַגאַזש", וואָס ער האָט געפירט אַהיים פונעם גרויסן אויפגעשטורעמטן לאַנד.

אין אַזאַ מין אַנטואַכץ, אַ נאָך ניט אינגאַנצן געקומענער צו זיך פון די לאַנגע מסוכענע מחלות, האָט זיך יוסף לאַנג אַרומגעטרייסלט אין פולגעפּאַקטע, געדיכט אַנגערויכערטע וואַגאָנעס. ער האָט אָפט געביטן די צוגן. האָט זיך שעהנלאַנג פאַרהאַלטן ביי פרעמדלענדישע גרענעצן. ביז ער איז איינעם אַ פראָסטיקן פרימאָרגן אַריבער די לעצטע גרענעץ.

ער האָט זיך דערזען אויף דער ערד פון זיין נייעם היימלאַנד.

ער האָט זיך איבערגעזעצט אין אַן אַנדער צוג.

ער איז אָפּגעפאָרן דירעקט צו דער אַלטער, שוין ניט איבעריק וויטער געבורטשטאָט.

ער איז געזעסן אינעם היימלענדישן צוג — אַרויסגעבליקט אינדרויסן. געזען פאַר זיך: פלאַכע, באַשנייטע שטרעקעס. אויפגעכאַפּט: אַ שמאָל, געדרייט שליאַך; אַן אַלט, הילצערן צלם; אַ גאַקעטע בעריאָזע; אַ שטיבל מיט אַ שטרויענעם דעכל. פון צייט צו צייט איז צוגעשוועמען אַ סטאַנציעלע — אַ קליין דרימלענדיק וואָקזאַלעכל; מיט עטלאַכע אַנגעפעלצטע פאַסאַזשירן; מיט אַ גענעצדיקן פון לאַנגווייל וואָקזאַל־שעף. יוסף איז געזעסן אַ ניט־אויסגעשלאָפענער, מיט אַ בלייך־געל געזיכט, מיט רויטלאַכע אויגן. ער האָט געהאַלטן אין איין באַטראַכטן די גרויע, היימישע לאַנדשאַפט. און דערביי אונטערגעברומט אַ לאַנגשוין פאַרגעסענעם ניגון, אַ געהערטן אַמאָל פון דער מאַמען; און איצט האָט זיך דער־אָ ניגון איבער עפּעס אָפּגעפרישט אין זיין, אין יוספס, זיכרון.

אין זעלבן טאָג, פאַרנאַכט־צו, איז דער צוג צוגעשוועמען צו דער אַלטער געבורטשטאָט.

יוסף האָט אויסגעשטיגן. זיך גענומען אַרומבליקן. דערזען אַ באַשנייטן פּעראָן — אַ געפּאַקטן מיט אַ ווינטערדיק געקליידעטן עולם.

מען איילט צו די וואַגאָנעס, פון די וואַגאָנעס.

מע גריסט זיך.

מע וואַרפט זיך איינע די אַנדערע אין די אָרעמס.

מע כאַפּט זיך קושן.

פון די אייגענע איז יוספן קיינער ניט געקומען באַגעגענען. מען האָט דעם בריוו זיינעם, ווו ער האָט געהאַט געמאָלדן, אַז ער פאָרט אַהיים, ניט באַקומען. האָט מען זיך אויף אים ניט גערעכנט. האָט ער זיך איינאַליין, אַדורכגענומען מיט קעלט, דורכגעגליטשט דורכן עולם — אַריין אין וואָקזאַל.

ער האָט זיך דאָ אַ רגע דערוואַרעמט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. נאָכדעם, דורך אַ צווייטער טיר, — אַרויס צום שטאָט־צו.

דאָ־אָ, אויף דער צווייטער זייט וואָקזאַל, זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט — געוואַרט אויף פּאַסאַזשירן:

אַ שורה פערד־און־שליטנס; אַ ריי טאַקסיס; און עטלעכע לאַנגע, בייכיקע, געלגעפאַרבענע אויטאָבוסן. יוסף האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איינעם פון די אויטאָבוסן — פאַרנומען אַן אָרט ביי אַ פענצטער.

דער אויטאָבוס האָט געררירט. גענומען טראָגן. דורך נייע, אומבאַקאַנטע גאַסן. איבער נייע פּלעצער. פאַרביי הויכע, פילשטאָקיקע געביידעס. פאַרביי באַהאַנגענע מיט שרייענדיקע שילדן געשעפטן. פאַרביי אָנגעשטעלטע, אָנגעלייגטע וויטרינעס.

יוסף איז געזעסן, אַרויסגעבליקט און — שווער דערקאַנט די אַלטע היימשטאָט.

(אַמאָל, פאַר דער מלחמה, איז יוספס אַלטע היימשטאָט געווען אַ שטיק ליבע פּראָווינץ. אַ שטילע שטאָט. אַ רוענדיקע אין אַ גרין צעבעטן טאָל, צווישן צוויי געלאַסן פליסנדיקע טייכן — באַזוימטע מיט הויכע, געדיכט באַוואַלדערטע בערג.

איצט, עטלעכע יאָר נאָכן קריג, האָט יוסף דערזען אַ יונגע אויסגעפּוצטע מעטראָפּאָליע — אַ הערשערין איבער אַן אייגן לאַנד. אַ קרוינשטאָט מיט אַן אייגענעם פּרעזידענט, אייגענע מיניסטאָרן, אייגענעם פּאַרלאַמענט, אייגענער, דריי־קאָליריקער, שטאָלץ צעוויִעטער פאָן.

איצט, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, האָט יוספס אַלטע היימשטאָט גענומען פיבערדיק וואַקסן, זיך הויבן צום הימל. פאַרלייגט איבער ביידע אַרומיקע

טייכן — די ווילדע און דער ניעמאן — נייע מעכטיקע בריקן. באַבויט די אַרו־מיקע הויכע, באַוואַלדערטע בערג מיט נייע שטיבער, מויערן, פּאַלאַצן.

איצט האָט זיך יוספס אַלטע היימשטאָט געגרויסט מיט פּרעכטיקע בנינים — אויפגעטורעמטע אין אַלערליי סטילן. איצט האָט זיך יוספס היימשטאָט באַרימט מיט אימפּאַזאַנטע האָטעלן, טעאַטערס, תּפיסות, שפּיטעלער, געבעט־הייזער. איצט האָט זיך די שטאָט געהנדלט מיט בליציק באַלויכטענע קאַבאַרעען, קאַווע־הייזער, טאַנץ־לאָקאַלן. איצט האָט די שטאָט געבראַוזט מיט טויזנטער צוגעקומענע בירגער. זי האָט געיאָגט מיט אויטאָס; געגרילצט מיט סירענעס; געדרודערט מיט פּראָפּע־לערן; געקלונגען מיט ראַדיאָ — — —)

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט יוסף באַטראַכט זיין אויפגעריכטע היימ־שטאָט. זיך צו איר צוגעקוקט אַ טיף פאַרחידושטער. און דערביי, אינעם נעבאַכ־דיקן אויסזען, אין דער דלותדיקער הלבשה, זיך געפילט ביז גאָר פאַרשעמט, פאַר־פּרעמדט, פאַריינזאַמט.

אַזוי איז ער, גאַס־אויס, גאַס־איין, אַפּגעפאָרן אַ היפּשע שטיק צייט. ביז ער איז אָנגעקומען אין אַלטשטאָט. ביז ער האָט אויף איינעם אַ ווינקל פון צוויי שמאָלע, געדרייטע געסלקעס פאַרלאָזט דעם אויטאָבוס.

עס איז שוין געווען גוט טונקל. די נייערע שטאָט־טיילן זענען שוין געלעגן באַלויכטן פון הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּן. דאָ אָבער, אין אַלטשטאָט, איז די באַלייכטונג געווען אַ שיטערע, אַ שוואַכע. יוסף האָט איילִיק אָוועקגעשפּאַנט. דורך קרומע זאַווולעקלאַד. פאַרביי הויקערדיקע שטיבאַלאַד. פאַזע מויערלאַד מיט אָפּגעשיילטע ווענט. ער האָט געשטעלט ברייטע טריט. געטריבן פון זיך דעם זיך־שטאַרקנדיקן פראָסט. און לסוף זיך אַריינגעקירעוועט אין איינס אַ שטיל, פאַרשלאָפן געסלקע — אַ באַוואַכטס פון עטלאַכע נאַקעטע ביימער.

ער איז דאָ צו צו איינער אַ הויכער, געמויערטער געביידע. אַריין אין אַ שמאָלן טונקעלן קאָרידאָר. זיך גענומען אַרויפהויבן אויף הויכע, געדרייטע, סקריפּנ־דיקע טרעפּ.

די טיר האָט אים געעפנט די מאַמע.

אַ שטאַרק געעלטערטע.

מיט אַ פּנים — צעאַקערט אין טיפע, שאָטנדיקע קנייטשן. מיט אויגן — אַלמנהדיקע, פולע מיט צער, מיט טרויער.

זי האָט אים, אַן איבערגעשראָקענע, אַן איבעראַשטע, לאַנג געדריקט צום האַרצן.

זי האָט אים געהאַלזט, געקושט. דערביי באַטראַכט זיין בלייך, אָפּגעצערט פּנים; זיין דין, געבויגן גוף; זיין זומערדיקן, שמאַטעדיקן הילוך.

ברידער־שוועסטער (אויפן ערשטן מאָמענט — פרעמדע אַזעלכע) האָבן אים שווייגנדיק אַרומגערינגלט; באַטראַכט מיט פייכטע, גלעטנדיקע בליקן.

אַ לענגערע ווײַלע איז יוסף געזעסן אַן לשון. געשמייכלט אַ מאָדנע אָפּהענ־טיקער צו דער ווייענדיקער מאַמען, צו ברידער־שוועסטער.

נאָכדעם האָט זיך די מאַמע אויסגעווישט די אויגן. גענומען אַרומהאָווען. אָפּגעזוכט ריינע אונטערוועש, זויבערע אויבער־מלבושים. צוגעשטעלט וואַסער. צוגעגרייט זייף, אַ האַנטוך. און יוסף איז געגאַנגען זיך אַרומוואַשן פון נאָכן לאַנגן וועג.

ער איז געשטאַנען — אַן אַנגעבויגענער, מיט פאַרקוועטשטע אויגן, — איבער אַ גרויס שיסל; אַ ווייס עמאַלירטס; אַ פולס מיט פאַרעדיק וואַסער.

ער האָט זיך געלאָזט צוואַגן פון דער מאַמען.

ער האָט זיך געלאָזט זייפן דעם קאָפּ, די אויערן, דעם האַלדז־און־נאַקן פון דער מאַמעס געניטע הענט.

ער האָט דעם קאָפּ זיינעם געבויגן אַלץ טיפער צום שיסל. און דערביי זיך געפילט ווי אַמאָל — אין אַ יינגלשן פריטיק, ווען די מאַמע פלעגט אים לכבוד שבת צוואַגן און רייניקן.

נאָכדעם — אַן אַרומגעוואַשענער, אַן איבערגעטאָנענער, — האָט ער זיך געזעצט עסן וועטשערע.

די מאַמע — אַ פריילאַך־געוואָרענע — האָט דערלאַנגט יום־טובדיקע געריכטן; רייצנדיקע; מחיהדיקע. יוסף האָט געגעסן מיט אַ זעלטענעם אַפּעטיט. געשפּירט אויפן גומען, אין אַלע אברים וווּנדערלאַכע טעמים.

נאָכדעם, נאָך דער וועטשערע, איז ער נאָך לאַנג געזעסן ביים טיש. געזעסן אַ געמיטלאַכער. דערציילט פון היימלאָזע יאָרן. פון וואָגל און הונגער. פון מחלות און טויט־שרעק.

און ווידער האָט די מאַמע געוויינט.

און ווידער האָבן אים ברידער־שוועסטער באַטראַכט מיט פייכטע, גלעטנדיקע בליקן.

אַזוי איז אַוועק אַ שעה נאָך שעה. ביז עס איז געוואָרן חצות. דאַן האָט זיך יוסף אַרייַנגעלייגט אין אַ פרישן איבערגעצויגן בעט; זיך צוגעדעקט מיט אַ דיק, וואַרעם קאָלדערע; און באַלד איינגעשלאָפן — מיט אַ פעסטן, חלומלאָזן שלאָף.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אים גרינגע טעג.

די מאמע האט זיך געגומען מיט אים ארומעסקן. האט אים גענומען צוזען. גענומען פארגיסן זיין אויסגעצערטן גוף מיט אלערליי מאכלים.

— ער, יוסף, מיטן „שיינעם" אויסזען זיינעם, — אזוי האט אים די מאמע גערעדט — דארף דערוויילע זיצן אין שטוב. דארף דערווייל פון קיינעם ניט קלערן. דארף בלויז עסן, שלאפן, רוען. און שפעטער — וועט מען זען. אלץ וועט ווערן גוט... אבי ער איז צוריקגעקומען. א לעבעדיקער, א גאנצער...

האט יוסף געפאלגט. געזעסן אין שטוב. געגעסן. געשלאפן. גערוט. זיך מיט אלץ פארלאזן אויף דער מאמען.

און די מאמע האט אים אלץ צוגעזען, „געמענטשלט". אים געלאזט אויפנייען א נייעם גארניטער, נייע שיך. אים געקויפט א נייעם מאנטל — פון ענגלישן געוואנט; מיט ביינערנע קנעפ; מיט א פוטערנעם קאלנער. אים געקויפט א שיינע, קאוועקאלירקע הוט; א האלב טוץ געקעסטלטע אויבערהעמדער; א פאר פרעכטיקע שניפסן.

— דא, אין לאנד, — אזוי האט זי צו יוספן גערעדט — דארף מען זיך אנטאן מענטשיש, אנשטענדיק... האט יוסף אזוי געטאן. זיך „געמענטשלט". זיך געפוצט אין נייע מלבושים. און דערביי געפילט א ווארעמקייט ארום הארץ, א זוניקייט אויפן געמיט.

אזוי זענען פארגאנגען עטלעכע וואכן. אזוי איז אוועק העכער א חודש. יוסף האט זיך געשטארקט, געקרעפטיקט. דער גוף זיינער איז געווארן פולער, גלייכער. דער פנים זיינער האט שוין ניט אויסגעזען קרענקלאך. די אויגן זיינע זענען שוין ניט געזעסן טיף אין די ארביטן. ער האט זיך דערפילט, יוסף, — סיי פיזיש, סיי גייסטיק, — גרייט צו עפעס אן ארבעט; מסוגל עפעס צו טאן.

ער האט גענומען ארויסגיין אין גאס. אין ווארעמע בגדים. מיט א זאט פנים. מיט א לייכטן טראט. מיט האפערדיקע מחשבות.

געווען איז עס אינמיטן ווינטער.

געשטאנען זענען קנאקעדיקע פרעסט.

די שטאט איז געלעגן פארהילט אין שימערירנדיקער ווייסקייט. דער הימל האט זיך געשפרייט א קאלט־בלויער. די לופט האט חלפדיק געשניטן, קריסטאליק געקלארט. אלכסונדיקע זונשטראלן האבן זיך געטוליעט צו אנגעפעלצטע פארבייגייער. פון די קוימענס האבן זיך געצויגן גראדע, געדיכטע רויכן. אונטער טראט פון פוס, אונטער שינע פון שליטן האט געהאלטן אין איין סקריפען.

יוסף — אמאל אליין, אמאל מיט דער מאמען — איז געגאנגען „אפשטאטן

וויזיטן״. איניינוועגס — זיך האַלטן אַז עצה מכוח אַ באַשעפטיקונג, אַ ,,תּכלית״.
ער איז געזעסן אין אַנגעהייצטע היימען. געטרונקען טיי. צוגעביסן. זיך דערביי געלאָזט באַטראַכטן פון נייגעריקע בליקן. און באַנייס — אויפן פאַרלאַנג פון די אַרומיקע — דערציילט פון וואַגל־יאָרן, פון הונגער, פון מחלות, פון טויט־שרעק.
די קרובים האָבן אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט.
אַן עצה אָבער מכוח אַ באַשעפטיקונג, אַ ,,תּכלית״ האָבן זיי ניט געהאַט.
ווייל ער, יוסף, האָט ניט אין האַנט קיין שום ,,טאַלענט״. ווייל ער, יוסף, איז ניט באַהאַוונט אין קיין שום וויסן. ער געדענקט בלויז — פון זיינע ווייטע קינדעריאָרן — אַ ביסעלע גמרא, אַ קאַפּעלע פּוסקים... איז, אפשר, די איינציקע עצה, דער איינציקער פּלאַן: באַנייס זיך אַוועקזעצן אין איינער פון די היגע ישיבות; באַנייס זיך אַ נעם־טאָן ,,וואַרעמען די באַנק״.
פון דער־אַ עצה איז יוסף געוואָרן אַנגעזאָלצן אויפן הארצן. פון דעם־אַ פּלאַן האָט ער זיך גענומען צוריקקערן אַהיים מיט אַ שווער געמיט, מיט וואַלקנדיקע מחשבות.

אין שטוב איז אים געוואָרן ענג, אומעטיק.
ער האָט איצט, נאָך וואָכן פון רו און יום־טוב, נענטער גענומען זיך צוקוקן צום היימישן אויסזען; נענטער גענומען באַטראַכטן די מאַמע, ברידער־שוועסטער.
זיי האָבן באַנייס געוווינט אין אַלטשטאָט. אין איינס אַ שמאָל, געדרייט געסלקע. אין אַ גרויציגלדיקער געביידע. אויפן דריטן שטאָק.
זיי האָבן דאָ פאַרנומען אַ קליין דירהלע — אַ טונקלס, אַ צעצימערטס אויף פּיצלאַך קוואַדראַטנע שטחים.
אינעם עסצימער — מיט אַ נידעריקן, אויסגעוועלבטן סופיט; מיט אַ שמאָלן, נישעדיקן פענצטערל, — זענען געשטאַנען דיזעלבע אַלטבאַקאַנטע מעבלשטיקער: דער אומגעהייער הויכער בופעט; דער לאַנגער, מאַסיווער טיש; דער האַלבער טוץ האַרטגעבעטע שטולן; די נידעריקע, קרומפיסיקע קאַנאַפּע. אויף איין וואַנט דאָ, אויף דער מערבדיקער, איז געהאַנגען דערזעלבער זייגער — דער גייענדיקער אויף מעשענע געוויכט. און די אַנקעגנדיקע וואַנט, די מזרחדיקע, איז באַנייס געווען באַשלאָגן מיט הויכע פּאָליצעס — אַנגעפּראַפּטע מיטן טאַטנס הונדערטער ספרים.
די איבעריקע צימערלאַך — אויך זיי זיינען געווען באַשטעלט מיט אַלטבאַקאַנטע מעבלשטיקער; אויך זיי האָבן יוספן דערמאָנט די פאַרמלחמהדיקע דירהלע.
האָט ער זיך אין זיי גענומען פילן ווי אין אַ שטייג, ווי צונויפגעשמידט מיט הענט און פיס, מיט האַרץ און זין, מיטן גאַנצן יונגן אַכצניאָריקן לעבן.

די מאמע — האט ער זיך נענטער געגומען צוקוקן — האלט אין איין צע־טרענצלען די לעצטע ביסל כוחות. זי באמיט זיך, די מאמע, צו פארשלייערן דעם היימישן דלות. און זי האלט דעריבער אין איין ראמען, אין איין רייניקן די שטוב.

זי ווישט דעם שטויב פונעם אלטן מעבל.

זי לופטערט בעטגעוואנט.

זי שטייט אפ שעהנלאנג אין דער ניט איבעריק געהייצטער קיך: שייערט כלים; האלט אין איין פאנאנדערלייגן (מיט נאסע האלץ, וואס ווילן ניט ברענען) פייער אויפן פליטע; האלט אין איין אויסקאמבינירן עסנס פאר די קינדער. און אלע אינדערפרי, א בריאזג אויף טאג, איילט זי שוין, די מאמע, אין דערבייקן מערקל. נעמט דארט ארומיאגן (יוסף איז איר עטלאכע מאל נאכגעגאנגען) פון קרעמל צו קרעמל, פון יאטקע צו יאטקע. טוט זיך ארומדרייען צווישן פויערשע פורלאד. זוכט. נישטערט. דינגט זיך. און נאכדעם איילט זי אהיים א באַ־האנגענע מיט א שווערן קאשעק איינגעהאנדלטע „מציאות".

ברידער־שוועסטער — האט ער זיך נענטער צוגעקוקט — גייען אנגעטאן גאר־ניט אזוי וואזשנע; זעען אויס גארניט אזוי פויגלדיק.

דער איינציקער שפייזער אין שטוב איז מרדכי — דער עלטסטער ברודער. ער איז א לערער אין א תרבות־שולע. ער האט שוין זיין אייגנס א כלה — א שיין מיידל; א שלאנקס; א בלוי־אויגיקס; א בלאנד־האריקס. ער קען אבער מיט איר ניט חתונה־האבן. ער קען ניט איבערלאזן אויף הפקר די היים.

און אים, מרדכין, ביי די קארגע שכירות זיינע, קומט עס אויס אויפהאלטן די גאנצע שטוב. באזארגן אלעמען מיט עסן, מיט הלבשה. צאלן דירה־געלט. שיקן שוועסטערלאך־ברידערלאך אין שולע, אין חדר. ער טוט עס, מרדכי, מיטן פולן הארצן. ער איז א גוטער, אן איבערגעגעבענער. און ער טאקע, מרדכי, — יוסף האט עס איינמאל צופעליק אונטערגעהערט, — האט עס געגעבן דער מאמען די ביטיקע געלט־סומע אויף יוספן צו באקליידן, צו באשוכן; אויף שטעלן אים, יוספן, אויף די פיס.

איצט — האט יוסף געגומען באמערקן — וואַרפט צו אים מרדכי בטחונדיקע בליקן. ער דארף זיך, יוסף, צו עפעס נעמען. ער איז דער צווייטער נאך מרדכין. ער דארף אים דעריבער באפרייען פונעם היימישן יאך. ער דארף אים לאזן חתונה־האבן.

אבער וויאזוי? צו וואס זאל זיך יוסף נעמען? וואס זאל ער אנ־הויבן טאן? אז קיין „טאלענט" אין האנט האט ער ניט: דער טאטע האט אים קיין מלאכה ניט געלערנט. און אין עפעס א וויסן איז ער ניט באהאוונט: דער טאטע האט פיינט געהאט „שקאלעס"... איז געדענקט ער, בלויז, יוסף, אביסעלע

גמרא, אַ קאַפּעלע פּוסקים... איז קען ער האָבן מיט דעם אַרויסהעלפן די היים? קען דען אַדאָס ווערן זיין תכלית? געפעלט אים, יוספן, אַזאַ מין תכלית?

אַט אַזעלכע מחשבות האָבן אים געגומען שטאַרק באַאומרויקן. ער האָט גע־נומען אַרומשפּאַנען איבער די היימישע צימערן אַ שטאַרק צעקלעמטער. אים איז דאַ געוואָרן ענגער מיט יעדן טאָג. אים האָט פאַרפאַלגט דער מאַמעס טרויעריקער בליק, מרדכיס פאַרזאָרגט געזיכט. ער האָט זיך געפילט אין שטוב פרייער, גרינ־גער, ווען קיינער חוץ אים איז ניט געווען.

אין אַזעלכע מאָמענטן — די מערסט אין פאַרנאַכטן; די מאַמע איז געזעסן ערגעץ ביי אַ שכנה; דער עלטערער ברודער, די ייִנגערע קינדער זענען געווען אין שולע, אין חדר, — פלעגט יוסף (אייגאַליין אין שטוב) לאַנג אַפּליגן אויף דער נידעריקער, קרומפיסיקער קאַנאַפּע, אויף וועלכער ער האָט אַמאָל, אין די ווייטע קינדעריאָרן, געהאַט געשלאָפן. ער פלעגט דאַ ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן — אַדורכבלעטערן אין זכרון אַלע זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן — פון זינט ער האָט זיך געגומען ווי געהעריק דערקענען.

...זיין אומעטיקע קינדהייט — צווישן ווענט פון אַ פרומער, אַלטפרענקישער היים.

זיין שטרענגער טאַטע — מיטן מוסר־זאָגנדיקן בליק.

דאָס פישערשע קלייזל — מיט די באַבערדלטע אָרים־בחורים.

דאָס ליבאַוויטשער שטיבל — מיט דער מיוחסדיקער מזרח־וואַנט.

דאָס זאַגן אינדערהיים — דורך לאַנגע, נודנע שבתים; אַהינטער צוגעפּראַלטע פענצטער־לאַדן, — תהילים.

דאָס רייסן זיך אינדרויסן, צו קינדערשע שפּילערייען, און — טאַטעשע צוימען, דראַאונגען מיט „יענער וועלט", שטענדיקע הדרכה־רייד:

— לערן. דאַוון. זיי אַ ייִד. לויף ניט אַרום ושלינג און שלאַנג. גלוסט ניט דאָס, וואָס מע טאָר ניט. זיי אַ מסתפּק במועט. זיי הכנעהדיק. שטילער פון וואַסער. נידעריקער פון גראָז. דיך גאָט מיטן גאַנצן הארצן. דיך „אים". ראַק „אים". בלויז „אים".

נאָכדעם איז געקומען די מלחמה.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן היימלאָזע יאָרן. יוסף איז געשליידערט־געוואָרן אי־בער ברויזנדיקע כוואַליעס. געטראָגן־געוואָרן דורך הונגער און קעלט, דורך מחלות און טויט־שרעק. געוואָרפן־געוואָרן פון איין וועג איבערן צווייטן, פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. ביז ער איז צוגעשוואומען צום היימיש־אַמאָליקן ברעג.

און אַט איז ער אינדערהיים. נאָך זיבן וואַגל־יאָר. און די היים זיינע —

זעט ער — איז שוין ניט דיזעלבע. די היים זיינע — זעט ער — איז שוין היפש געביטן.

דער שטרענגער טאטע — ער שלאפט שוין לאנג זיין אייביקן שלאף. און די מאמע — זי איז שוין ניט אזא פרומע. אודאי: זי בענטשט נאך אלץ ליכט, היט אפ שבת, אלע אנדערע געבאטן, — פונקט ווי אין די אלטע, גוטע צייטן. עס איז אבער פארט ניט ווי אמאל. און אלץ מיטאנאנד איז דא עפעס געביטן...

די שבת־לייכטער (אמאל, אין די ווייטע קינדעריארן, פלעגן זיי פינקלען אזוי היילק) שטייען איצט (אויפן זעלביקן דרייפוסיקן סאמאוואר־טישל) מאדנע פאר־ומערט, פארוואכעדיקט. און דער שבת איז דא אזא גרויער, שטויביקער. און די וואך — נאך גרויער, נאך שטויביקער פונעם שבת. און די יינגערע ברידערלאך — באמערקט אפט יוסף — כאפן אפ א דאווענען „אויף איין פוס". און ער, יוסף, דאוונט שוין אינגאנצן ניט; מאכט שוין ניט קיין ברכות; טראגט שוין ניט קיין טלית־קטן; דרייט זיך ארום איבערן שטוב אן א היטל...

און די הונדערטער ספרים דעם טאטנס שטייען איצט פארגעסענע, פאר־יתומטע. צווישן די בלעטער זייערע — צעגריזשעטע פון די ציין פון דער צייט — טרויערט אן עלנטע שכינה... קיינער, חוץ אמאל מרדכי, גייט מער צו זיי ניט צו. און אים, יוסףן, גייען שוין די־א ספרים לחלוטין ניט אן. ער דערמאנט זיך נאך ווען אן זיי צוליב איינס א קליין, דין ספרל, — מיט פראסטע, פאפירענע טאוולאך. א ספרל, וואס טוט זיך צומאל איבער עפעס א באמבל אין יוספס מוח; וואס טוט אים צומאל איבער עפעס א דערמאן אן פארגאנגענע צייטן. א טשי־קאוו ספרל מיט א „טשודנעם" נאמען:

„צפנת פענח"...

און דאך, הגם די היים איז שוין היפש געביטן, הענגט דא אלץ א וואלקנדיקע שווערעניש; מאכט אים ענג די שטוב; טרייבט אים פון דער מאמען, פון ברידער־שוועסטער; טוט אים — א דערדריקטן, א דערשלאגענעם, — אפהאלטן אויף דער נידעריקער, קרומפיסיקער קאנאפע.

— — — און ליגנדיק אזוי, מיט צוגעשלאסענע אויגן, נעמט ער, יוסף, לסוף דערשפירן דעם זיך־אנרוקנדיקן אוונט. די ארומיקע פינצטערניש ווערט געדיכ־טער. פון אלע פארהוילענע ווינקלאך נעמען זיך ציען שאטנס; ציען זיך אלץ נענטער צו יוסףן; נעמען אים, יוסףן, ארומשפינען מיט זייער טונקעלן געוועב. ביז עס ווערט אים אימהדיק ענג. ביז ער טוט זיך א ריס־אויף פון דער מיט שאטנס פארטרונקענער קאנאפע.

ער נעמט ארומשפאנען איבער די אנהויב אוונטיקע צימערן.

ער שפאנט פון וואנט צו וואנט.

ער שטויסט זיך אן אן שארפע מעבל־קאנטן.

ער טראָגט זיך, אַ פאַרלאָרענער, אַ פאַריאושטער, פון איין צימער אין צווייטן, ביז ער בלייבט שטיין ביי איינעם פון די שמאָלע בישעדיקע פענצטער. ער דערזעט:

עס איז שוין אוונט — בלויער, פראָסטיקער אוונט. פון טיפן, אויסגעקלאָרטן הימל טוט אַראָפּשיינען אַ בלאַסע, קאַלטע לבנה. און אין ליכט אירן בלייכט זיך דער טאָל, וווּ סע ליגט די ווילִיע. זי ליגט, די ווילִיע, אַ שלאָפנדיקע, אַ באַפּאַנצערטע מיט אייז, אַ באַדעקטע מיט שניי, אַ באַוואַכטע מיט ווינטערדיקער טויטקייט.

און דאָ, נענטער צו יוספס היים, הורבעט זיך אַ טשערעדע אַלטשטאָטישע שטיבאַלאַך. און נאָך נענטער, איבער איינס אַ נידעריק, משופּעדיק דעכל, קוקן זיך פאַספּאַרדיק אָן אַ פּאָר ראָבע קעץ. זיי נעמען איצט, די קעץ, אָפּגעבן „קאָנצערט״; אַרויסיאָמערן זייער קעצישע גלוסטעניש.

און דאָרט, אַהינטער אַלטשטאָט, אין די נייערע, רייכערע שטאָט־טיילן, נעמען איצט אויפּהעלן גאַוהדיקע גאַסן; גרייטן זיך צו גרויסשטאָטישע פאַרווײַלונגען, תענוגים.

און ער, יוסף, — אָטאָ שטייט ער. איינער אַליין. אַ פאַרלאָרענער. אַ פאַריאושטער. ער ווייס ניט מיט זיך וואָס צו טאָן. נאָכוואָס איז ער צוריקגעקומען אַהיים? וואָס קען דאָ פון אים ווערן?

די מאַמע האָט אים לסוף אָפּגעזוכט אַ צייטווײַליקע באַשעפטיקונג. אין אַ קראָם פון פאַרב. ביי איינעם אַ רב מענדל ראַקישקער. דער מאַמעס אַן אַלטער באַקאַנטער. אַ דאַוונער אין ליבאַוויטשער שטיבל.

די קראָם האָט זיך געפונען ניט ווייט פון יוספס היים. אין אַ טומלדיק געסלקע. אָן אָנגעפּיקעוועטס מיט קלייטלאַך, מיט יאַטקעס, מיט בירהאַלעס, מיט תבואה־שפּייכלערס, מיט האָלץ־סקלאַדן, מיט מאַניפאַקטור־געשעפטן. פון גאַנצפרי ביז טיף אין אוונט האָט דאָס געסלקע געוואָלדעוועט. מיט קולות פון זיך דינגענדיקע קויפער, פאַרקויפער. מיט אייליקע טריט. מיט ראַלנדיקע משאָוועגענער. ביי יעדן סקלאַד, שפּייכלער האָבן זיך געקופּקעט טרעגער. מיט איינגעבויגענע פּלייצעס. מיט לעדער־האַרטע פּנימער. מיט קנאַכיקע הענט. דאָס געסלקע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַלערליי ריחות. פון הערינג און דזשעגאַכץ. פון ביר און בראַנפן. פון מאַרינירטע פישן און געטריקנטע פליישן. אין געסלקע האָט געהערשט אַ כסדרדיקער געדרענג, ליפּעניש, הוהאַ.

די קראָם רב מענדלס איז געווען אַ פּייכטע, אַ קאַלטע, אַ טונקעלע. אויף פּראָסטע, אומגעהובלטע פּאָליצעס, צעשטעלטע אַרום שימלדיקע ווענט, זענען געשטאַנען קעסטלאַך מיט פאַרשידענע פאַרבן. פון די פאַרבן האָט געטראָגן אַ האַר־

בער ריח — אַ קרעלנדיקער אין האַלז, אַ קיצלדיקער אין נאָז. פון דער פּאַדלאָגע האָט געאָווירט מיט טוכלינע, מיט מויזן־קויט.

דער קרעמער, רב מענדל, איז געווען אַ גרייזגרויער ייד; האָט פאַרמאָגט אַ גערונצלט געזיכט, אויסגעוועבטע אויגן, אַ מויל אָן ציין.

געווען איז ער אַ קנאַפּער סוחר. אַ האַלב פון יעדן טאָג פאַרבראַכט אין לי־באַוויטשער שטיבל. געלייגט צווי פּאָר תפילין. לאַנג געדאַווענט. לאַנג געזאָגט משניות, „חוק לישראל״.

די הויפּט קרעמערקע איז געווען דאָס ווייב זיינס. אַ קינדערלאָזע זקנה. אַ בייזאויגיקע. אַ גרויבאַוואַנצלטע. אַ באַוואַקסענע מיט באָראָדעווקעס. איז זי לעצטנס קראַנק־געוואָרן. זיך אַריינגעלייגט אין בעט. האָט רב מענדל אַריינ־גענומען יוספן — צייטווייליק, ביז דאָס ווייב וועט געזונט ווערן — אין קראָם אַריין.

איז דאָ יוסף אָפּגעשטאַנען גאַנצענע טעג. זיך אַרומגעראַיעט אין די פאַרב־קעסטלאַך. אַרומגעגאַנגען אַרום קונים. געפּאַקעוועט קניהס. און אין פרייע מינוטן — געוואָרעמט די פאַרקאַלייעטע הענט איבער אַ גליענדיקן פייערטאָפּ, אָדער אַרויסגעבליקט אין פילדערדיקן אינדרויסן.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען עטלאַכע וואָכן. יוסף האָט אַלץ געמיסחרט. געקראָגן פאַר דער אַרבעט אַ קאַרגן לויז. עס אָפּגעגעבן דער מאַמען. און זיך אַזויאַרום געשפּירט ניט אַזוי פאַרשולדיקט.

ביסלעכווייז אָבער האָט אים דאָס מיסחרן, דאָס פּאַטשקען זיך מיט די פאַרבן, דאָס אַרומגיין אַרום קונים — דערעסן. אים איז נימאָס־געוואָרן דער האַנדל־וואַנדלדיקער לעבן. אים האָט גענומען גרילצן אין די אויערן, עקבערן די שליפן, דעם מוח, דער אַרומיקער געפּילדערדיקער אינדרויסן. ער האָט זיך גענומען צוריק־קערן שפּעט אין די אָוונטן אַהיים אַ צערייצטער, אַ פאַרכמורעטער.

אַזוי זענען אַוועק נייע עטלאַכע וואָכן. ביז רב מענדלס ווייב איז געזונט געוואָרן. זיך געשטעלט אויף די פיס. זיך באַוויזן אין קראָם. און יוסף איז שוין מער ניט געווען נויטיק.

ער איז באַנייס געווען פריי.

געווען איז עס קרוב צו פרילינג.

פון די אַרומשטאָטישע בערג האָבן אַ ווייע־געטאָאַן לינדע ווינטן. איבערן הויכן, אויסגעבלויטן הימל האָט זיך אַ יאָווע־געטאָאַן אַ וואַרעמע זון. דער אייז אויף ביידע שטאָט־טייכן — די ווויליע און דער ניעמאַן — האָט זיך דאָ, דאָרט גענומען שפּאַלטן.

יוסף — באַנייס אַ פּוסטעפּאַסנער — האָט עפּטער פאַרלאָזן די היים. אַוועק געגאַנגען אויף ווייטע שפּאַצירן. אַרומגעבלאָנקעט איבער אַלטשטאָטישע געסל־קעס. פאַרקראָכן אויפן „גאַי" — אַ הפקרדיק שטיק פעלד. פון איין זייט „גאַי" זענען זיך נידעריקע שטיבלאַך, שפּיצן פון פאַרצייטיקע קלויסטערס, רואינען פון אַן אוראַלטן שלאָס. און פון דער צווייטער זייט, דאָרט, וווּ סע גיסן זיך צונויף די ווילִיע און דער ניעמאַן, הויערט אַ פאַרקלערטע שטילקייט — אַ באַוואַכטע פון הויכע, שניי־באַקיטלטע בערג.

דער איינער אויף די וואַסערן פון ביידע טייכן איז שוין געלעגן נישקשהדיק געשפּאַלטן. דער שניי, וואָס אַ ווינטער אַ גאַנצן האָט ער בלענדיק אַראָפּגעווייסט פון די אַרומיקע בערג, איז שוין געלעגן צעפּרעסן פון די לינדע ווינטן. ער האָט זיך געשוואַרצט, דער שניי, אַנקעגן אויסגעבלויטן הימל. ער האָט זיך געשמאָלצן אונטער דער וואַרעמער זון. ער האָט זיך געריטשקעוועט באַרג־אַראָפּ.

לסוף האָט דער אייז געפּלאַצט. מיט דונערדיקע קנאַלן. איז עטלאַכע הע־כערע ערטער פון ביידע טייכן. דער ניעמאַן, אַן אַרומגעבויטער מיט אַ הויכן שטיינערנעם „נאַבערעזש", האָט זיך הויך אויפגעהויבן. און די ווילִיע, אַן אומ־געצאַמטע, איז אַרויס פון די ברעגעס — פאַרפלייצט אַ היפּשן טייל אַלטשטאָט: הונדערטער נידעריקע, קעלערדיקע היימען.

דורך פאַרשווינקטע הינטערגעסלאַך איז אַרומגעשוואומען אַלטשטאָטישער דלות:

שטולן מיט אויסגעזעצטע געזעסן;
קינדער־וויגן מיט צעבויגענע רעדלאַך;
פאַרגעלטע קישנס;
פאַרלאַטעטע קאָלדרעס.

איבער הינטערגעסלאַך האָבן קורסירט רעטונג־שיפלאַך — געפירט דאָכלאָזע משפּחות, פאַרנעצט בעטגעוואַנט, צעשעדיקטע מעבלשטיקער. אינדערלופטן האָבן זיך געטראָגן געוויינען, יללות, רופעניש נאָך הילף. פאַר די אָרעמע תושבים פון אַלטשטאָט איז דער יערלאַכער געוויסער געווען דער בעסטער אָנזאָג פון פרילינג:

—פרילינג איז שוין געקומען.

— פרילינג איז שוין דאָ.

עס זענען געשטאַנען גרינענדיקע ספירה־טעג.

אין אַלטשטאָט איז שוין געווען לחלוטין טרוקן. פון יערלאַכן געוויסער איז שוין קיין זכר ניט געבליבן, אויסער אין די טיפסטע קעלער־שטיבער, וווּ ערדענע פּאָדלאָגעס זענען נאָך געלעגן צעווייקטע.

אינדערהיים בײַ יוספֿן איז געווען ווי תּמיד: ענג, טונקל, אומעטיק.

דער פֿאַרגאַנגענער פּסח איז געווען אַ ביז גאָר גרויער, וואָכעדיקער. גאָרניט ווי אַמאָל, ווען עס האָט נאָך געהאַט געלעבט דער טאַטע.

אַמאָל, אין די ווײַט־פֿאַרשווומענע קינדעריאָרן, איז דער פּסח געווען דער שענסטער יום־טובֿ; דער הייטערסטער; דער פֿרײלעכסטער. יוסף האָט דאַן גע־וואַרט אויפֿן פּסח אַ קײלעכדיק יאָר נאָכאַנאַנד...

איצט האָבן די טעג פֿון פּסח מיט קיין סך זיך ניט אויסגעטײלט פֿון די אי־בעריקע טעג אין יאָר. מער ניט, וואָס מען האָט געגעסן מצה, געטרונקען ווײַן און די מאַמע האָט זיך בײַ די „סדרים" אַנגעוויינט מער ווי תּמיד.

איצט אָבער איז שוין דער פּסח העט־העט. עס איז שוין עטלעכע וואָכן נאָך פּסח. און יוסף — אַלץ אַ פּוסטעפּאַסנער — טוט זיך אַרומדרייען אַ שטאַרק צעדרודערטער.

עס איז אַ מעשה מיט אַ „שידוך".

— ער, יוסף, — אַזוי האָט אים צוריק מיט עטלעכע טעג פֿאַרגעלייגט די מאַמע — זאָל גאָר חתונה־האָבן... אים ווערט שוין באַלד בײַנצן... און קיין „טאַלענט" אין האַנט האָט ער ניט. קיין באַשעפֿטיקונג קריגט ער ניט. ער האַלט אין איין אַרומגײן ליידיק. און אין שטוב — באַמערקט די מאַמע — ווערט אים ענגער, שווערער. טאָ איז עס אַ תּכלית? איז שוין ניט בעסער חתונה־האָבן?... צוזאַמען מיטן עלטערן ברודער — מיט מרדכין?... אַפּשטעלן פֿאַראַמאָל צווײ חופּות?... זי, די מאַמע, האָט פֿאַר אים אַ פּאַסיק מיידל: אַ יונגס, אַ שיינס, אַ קלוגס; פֿון פּראָסטע, אָבער ערלעכע עלטערן... דאָס מיידל — מע רופֿט זי זעלדקע — פֿאַרמאָגט אין „בּרעזעליע" רײַכע ברידער — „מאַג־נאַטן"... די ברידער אירע ווילן זי אַריבערנעמען צו זיך. איר אָבער, זעלדקען גלוסט זיך אַפֿריער חתונה־האָבן. דאָ טאַקע אין לאַנד. מיט אַ היגן בחור. פֿון אַ באַקאַנטער משפּחה. און גראַד ווייס זי פֿון יוספֿן. און ער געפֿעלט איר איבער עפּעס... איז עס, אפֿשר, אַ פּלאַן? יוסף וועט חתונה־האָבן מיט זעלדקען, אַוועק־פֿאָרן קיין „בּרעזעליע" און — ווערן אַ לײַט...

אַט דער־אַ פֿאַרשלאַג דער מאַמעס האָט עס יוספֿן שטאַרק צעדרודערט. ער האָט נאָך קיינמאָל פֿון חתונה־האָבן ניט געטראַכט. אַזוי אויך פֿון מיידלאַך, פֿון פֿרויען. זײ האָבן פֿאַר אים דערווײַל ניט עקזיסטירט. אמת: ער האָט זיך שוין היפּש מיט זײ צונויפֿגעטראָפֿן. איבערהויפּט, אין די לעצטע פּאָר יאָר. וואָג־לענדיק אינדערפֿרעמד. פֿון שטאָט צו שטאָט. פֿון דאָרף צו דאָרף. מיט מייד־לאַך, מיט פֿרויען פֿון פֿאַרהונגערטע וואָלגע־קאַנטן, פֿון חרובֿע אוקראַיִנע־ישובֿים. ער האָט אָבער באַזונדערס קיינמאָל פֿון זײ ניט געחלומט.

איצט אָבער, אויסהערנדיק דער מאַמעס שידוך־פֿאַרשלאַג, האָט זיך יוסף

פאַרקלערט איבערן דאַזיקן עניין. געגומען חלומען פון איינס אַ מיידל מיטן נאָמען זעלדקע. אַ יונג מיידל; אַ שיינס; אַ קלוגס, וועמען ער, יוסף, — אַזוי פאַר־זיכערט אים די מאַמע — געפעלט...

ער האָט גענומען פון זיך מער האַלטן. געבליקט אויף זיך מיט מער ערנסט. גענומען אָפט אַריינבליקן אין היימישן שפּיגל אַריין. גענומען איז דאַזיקן שפּיגל (וואָס הענגט אַן איינגעשפּאַלטענער אויף איינער פון די שטוביקע ווענט) אויס־שטודירן דעם אייגענעם פּנים.

— אָט — האָט ער זיך נענטער צוגעקוקט — זענען די אויגן: גרויסע, ברוינע, אומעטיקע.

אָט זענען די ליפּן: דינע, בלאַסע, שטייף־פאַרשנורעוועטע.

אָט איז די נאָז: אַ קורצלאַכע, אַן איידלגעשניצטע.

אָט איז דער שטערן: אַ הויכער, אַ טיפוּוינקלדיקער, אַן אויסגעבולטער, מיט אַ היפּש ביסל קנייטשן...

ער האָט שוין נאָכדעם אויך באַטראַכט די אייגענע גרויס: מיטלגעוויקסיק, עטוואָס איינגעבויגן, שמאָל אין די פּלייצעס, אין די לענדן.

ער האָט שוין אויך באַטראַכט די אייגענע הענט: בלייכע אַזעלכע, פּרוייש־צאַרטע, מיט לענגלאַכע פינגער, מיט אַ דורכזיכטיקער הויט, פונוואַנען סע טוען אַרויסבלויען צעצווייגט־צעשלענגלטע אָדערלאַך...

ער איז איבעריק מיט זיך צופרידן, נאָך דער דאַזיקער זעלבסט־אָבסערוואַציע, ניט געבליבן. הגם פאַר קיין מיאוסן — אַזוי האָט ער באַשלאָסן — קען מען אים ניט אָנעמען. בשום אופן... ער קען נאָך, יוסף, איינס אַ מיידל מיטן נאָמען זעלדקע געפעלן־ווערן... ער דאַרף אָבער ניט זיין האָפערדיק. זיינע אומעטיקע אויגן זענען אַ קנאַפּע מעלה... אַזוי אויך זיינע שמאָלע פּלייצעס... און, באַזונדערס, זיינע הענט. אַזעלכע הענט קענען קיין סך ניט אויפטאָן. אַזעלכע הענט קענען נאָך אויפהערן געפעלן אָט יענער זעלדקען, וועמען ער, יוסף, געפעלט יע... אַזעלכע הענט קענען נאָך קנאַפּ־וואָס אויסנעמען אין די אויגן פון זעלדקעס ברידער — די „ברעזעליער מאַגנאַטן", וועלכע דאַרפן אים, יוספן, מאַכן פאַר אַ לייט...

אַ פאַרפולטער מיט אַזעלכע מחשבות, האָט ער גענומען עפּטער אַרומשפּאַנען איבערן שטאָט: זיך צוגעקוקט צו אַלערליי מענטשן; צו פאַרשידענע פּנימער, גופים, הענט, פיס.

אָט דער־אָ — האָט ער באַוואונדערט איינעם אַ פאַרבייגייער — פאַרמאָגט אַ „מויערדיקן" אויסזען. ביי דעם ווידער זענען גרויסאַרטיקע פּלייצעס. ביי יע־נעם — אויסגעצייכנטע הענט. מיט אַזעלכע הענט קען מען עפּעס אויפטאָן. מיט אַזעלכע הענט קען מען ניט פאַרפאַלן ווערן.

ער האָט געגומען מקנא־זיין ברייטע פּלייצעס, געזונטע פּנימער, פעסטע הענט, זיכערע טריט. ער האָט דערביי פאַרגליכן זיך זעלבסט מיט די אַנגעגעגטע מענטשן. ער, יוסף, — מיט זיין אומדערייסטקייט, אומזיכערקייט, שרעקעוודיקייט, שעמעוודיקייט... ער, יוסף, — מיט זיינע אומעטיקע אויגן, וואָס באַגעגענען אַלעמען מיט הכנעה, מיט פאַרשולדיקטקייט, מיט מורא...

ווי אומזיכער ער שאַרט זיך עס, יוסף, דורך דער שטאָט, דורך די גאַסן, פאַר ביי מענטשן. ווי נאָכגיביק ער איז עס בנוגע איעדן איינעם. ווי אָפּהענטיק ער פילט זיך אָפט צווישן אייגענע שוועסטער־ברידער... ווי אומהיימלאַך אים ווערט אָפט אין דער אַנוועזנהייט פון זיין אייגענער מאַמען... פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס זאָל עס זיין אַזוי?

דאָס מיידל, זעלדקע, האָט גענומען אַרויפקומען צו יוספן אין שטוב. און דאָ, ביי איר ערשטן אַרויפקום, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער, יוסף, קען זי גאָר, זעלדקען. ער קען זי פון אַמאָל. ער געדענקט זי פון זיינע ווייטע קינדעריאָרן.

זעלדקע האָט געהאַט געוווינט אינעם זעלביקן הויף וואָס יוסף. דער טאַטע אירער — אַ לאַנגער, אַ פּאָלגופּיקער; מיט העלע, שמייכלענדיקע אויגן; מיט ברייטע, באַהאָריקטע, הענט — איז געווען אַ באַנדער: ליבע דער באַנדער. ער פלעגט גאַנצענע טעג, אַ באַהאַנגענער מיט באַנדערשע כלי־זין, אַרומשפּאַנען איבער די הויפן. פלעגט צופּאַסן קלעפּקעס צו טונען. פלעגט אַנציען רייפן אויף צעבערס. דאָס ווייב זיינס, שרה־זיסל, — אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ הייס־אויגיקע, מיט אַן אָפּט אויפגעשפּיצטן בויך, — האָט געהאַלטן אין איין קינדלען. זיי האָבן געוווינט אין אַ פינצטערן קעלער. פונעם קעלער פלעגן זיך אַרויסרייסן שניידיקע געשרייען, קוויטשערייען. דאָס פלעגן גוואַלדעווען דעם באַנדערס „מזיקים". אָט צווישן די־אָ „מזיקים" האָט זיך עס געפונען אויך זעלדקע.

געווען איז זעלדקע אַ געוויקסיק מיידעלע. האָט פאַרמאָגט אַ פאַרמורזעט פּנימל: אַ קאָפּ צעשויבערטע הערלאַך: גרינע, חצופדיקע אויגלאַך; אַ פאַרשייט־פאַריסן נעזל; און דינע, רויטע, נאַשעריש־פּייטשע ליפּלאַך.

אויפן הויף, צווישן די קינדער, איז זעלדקע געווען די גרעסטע שטיפעריך. האָט זיך, דער עיקר, אַרומגעשפּילט מיט יינגלאַך. האָט אַנטיילגענומען אין אַלע זייערע קונדסערייען. איז באַגלייך מיט זיי אויף פּאַרקאַנעס געקראָכן, אויף דעכער זיך געדראַפּעט. האָט מיטגעזונגען אַלערליי גאַסנלידלאַך.

אין גליקלאַכע מאָמענטן, ווען יוספס טאַטע פלעגט ווו (אויף אַ ברית, אויף אַ בר־מצוה, צו אַ חסידישער פאַרברענגעניש) אוועקגיין, — פלעגט זיך יוסף אַרויסכאַפּן פון שטוב. פלעגט אַרויספליען אין הויף אַרויס. פלעגט זיך אַריינוואַרפן

אין קינדערשן געטומל, אין מיט פון די קינדערשע שפּילערייען. אין אַזעלכע גליק־לאַכע מאָמענטן איז עס יוספן עטלאַכע מאָל אויסגעקומען זיך צו שפּילן מיט זעלדקען.

און איינמאָל — נעמט ער זיך דערמאָנען — זיך שפּילנדיק מיט די הויפישע קינדער אין באַהעלטערלאַד, איז ער געלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן אין איינעם אַ ווייטן הויפישן ווינקל; אַהינטער אַ הויכער קופּע אָנגעוואַלגערטע קלעצער.

אין דאָזיקן ווינקל האָט ער זיך דאָן צונויפגעטראָפן מיט זעלדקען.

באַלד נאָך אים איז אָנגעלאָפן אויך זי.

זי איז אָנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטע.

זי האָט זיך צו יוספן אין באַהעלטעניש אַריינגעראַטשקעוועט אויף אַלע פיר.

זי האָט זיך צו יוספן צוגעשאַרט גאָר־גאָר נאָענט.

זי האָט דערביי פאַרשטעלט די אינדרויסנדיקע שיין, וואָס האָט קאַרגלאַך אַריינגעטריפט אין דאָזיקן טונקעלן ווינקל.

אָרום יוספן איז געוואָרן שטאָק־חושך.

ער איז געזעסן, יוסף, אַ צונויפגעקאַרטשעטער. ער האָט געפילט אויף זיך די וואַרעמקייט פון זעלדקעס גופל. ער האָט געשפּירט אויף זיך זעלדקעס שנעלן אָטעם. די צעשויבערטע הערלאַך זעלדקעס האָבן אים געקיצלט די באַקן. די באַקן זיינע האָבן גענומען גליען. דאָס הערצל — שנעל־שנעל קלאַפּן. און אַ זיס שווינדל האָט גיך אַרומגעיאָגט איבער אַלע זיינע קליינע יינגלשע אבֿרים.

איצט, מיט יאָרן שפּעטער נאָך יענער „געשעעניש", איז שוין זעלדקע געווען אַ רייפע מויד. אַ הויכגעוואַקסיקע. מיט אַ בליענדיקן פּנים. מיט אַ פולן בוזעם. מיט צעוויגטע לענדן. מיט אַ פּאָר געטאָקטע פיס — אַרומגענומענע פון דינע, זיידענע, לייבקאָלירטע זאָקן.

זי האָט יוספן, תּיכּף נאָך איר אַרויפקום, גענומען באַטראַכטן מיט מבֿינותדיקע בליקן.

זי האָט אים באַטראַכט אַן צערעמאָניעס.

זי האָט אים דערביי קאַקעטיש אַ פרעג־געטאָן, צי ליבט ער קינאָ; צי קען ער טאַנצן; און וואָסערע טענץ געפעלן אים אַממערסטן... זי האָט אים געהייסן זי רופן „זוזי": אַזוי רופט מען זי צווישן „נענטערע מענטשן", צווישן גוטע באַ־קאַנטע...

יוסף האָט געבליקט צום מיידל מיט אַ פּיצל ווינקעלע פונעם רעכטן אויג. דרייסטער צו איר אַ בליק־טאָן האָט ער ניט געוואַגט. אים האָבן געשראָקן: איר הויכער בוזעם; אירע אָנטבלויזטע אָרעמס; אירע גלאַנציק־שפּיציקע, רויט־פאַליר־טע פינגער־נעגל; אירע לאַנגע, דינע, זאָרגעוודיק אויסגעפּליקטע ברעמען; איר

יינגלש פארשוירענער קאפ — מיט צווי קונציק פארקרייזלטע פאהלאד אויףביידע באפודערטע באקן.

עס האבן זיך פון דאן אן פאר אים אנגעהויבן שווערע טעג, פייניקנדיקע נעכט. טעג פון פרישע, קיינמאל ניט־געאנטע ליידן. נעכט פון נייע, קיינמאל ניט־געשפירטע יסורים.

זעלדקע איז אפט ארויפגעקומען. האט א ווייליע פארבראכט מיט דער מאמען, מיט ברידער־שוועסטער. נאכדעם — אוועקגענומען יוספן פון שטוב; אוועקגעפירט אויף לאנגע שפאצירן.

יוסף איז איר נאכגעגאנגען אן אומדרייסטער. זיך קיין ארט ארום איר ניט געפונען. מורא־געהאט זיך אנרירן אן איר בוזעם, אן אירע ארעמס. זיך געווארפן רעכטס, לינקס ; געיילט אינפאראויס; זיך נאכגעשלעפט פונהינטן.

זעלדקע האט ניט אויפגעהערט פלוידערן, לאכן, אנטפלעקן צוויי ראנדן דריבנע בלישטשענדיקע ציין. זי האט פון יוספן געפאדערט רייד. פארוואס שווייגט ער ? פארוואס רעדט ער ניט ? זאל ער עפעס דערציילן ! זאל ער עפענען א מויל !

יוספן אבער איז געווען שווער „עפענען א מויל". האט ער די מערסט געשוויגן. זיך דערביי אויף זעלדקען געזייטלט מיט בושהדיקע בליקן. ביז ער האט גענומען באמערקן, ווי זעלדקע ווערט אנגעדרודלט. עס נעמט זיך אומצופרידן קנייטשן איר פארשייט־פאריסן נעזל. עס נעמען חוזקדיק בלינצלען אירע גרינע, חצופדיקע אויגן. זעלדקע ווערט ברוגז. יוסף באמערקט עס. זיך העלפן אבער — ווערן באריידעוודיקער — קען ער ניט. שפאנט ער, א דערדריקטער, א דערשלאגענער, ביי זעלדקעס זייט. ווארט אן אומגעדולדיקער, זעלדקע זאל אים אפלאזן, איבערלאזן אליין.

נאכדעם — זעלדקע פלעגט אים לסוף אפלאזן — פלעגט אים ארומכאפן א מאדנע באגעניש, גארעניש, ציעניש. ער פלעגט זיך דאן באנייס אוועקלאזן שפאנען. פלעגט לאנג ארומבלאנקען. נאכקוקן נאך יעדן מיידל, נאך יעדער פרוי. און זען אין זיי א זעלדקע — א מאניענדיקע, א רייצנדיקע, א פארשפרעכנדיקע.

און נאכדעם, נאך שעהן פון פרוכטלאזן שפאנען, פון אומבאפרידיקטע גארעניש, פלעגט ער זיך צוריקקערן אהיים. פלעגט ארויפקומען א שטומשווייגנדיקער, מיט אויסמיידנדיקע בליקן. פלעגט אויפשנעל עפעס אפעסן, אויפגיך זיך אויסטאן, זיך ארייִנשליידערן אין בעט.

ביינאכט פלעגט ער זיך אפט אויפכאפן. א באשלאגענער מיט שווייס, מיט אנגסטן. אים פלעגן אויפוועקן זיינע אייגענע געשרייען... און אזוי־א, א וואַ־

כער, מיט ברייט צעעפנטע אויגן, פלעגט ער שוין לאַנג ליגן אינדערפינצטער: איבערלעבן אויפן וואר די חלומות, די נאַרוואַס איבערגעלעבטע אין שלאָף.

געווען זענען עס משונה־ווילדע חלומות. זעלדקע האָט אין זיי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. יוסף איז אין זיי געפּייניקט געוואָרן מיט זיסע ווייטאָקן, מיט גיפטיקע צערטלענישן.

נאָכדעם, נאָך אזעלכע נעכט, פלעגט ער אויפשטיין שפּעט אויפן טאָג. פלעגט זיך אויפהויבן אַ בלייך שווערער, מיט אַ צעקנייטשט געזיכט, מיט האַלבע, טונקעלע לבנות אונטער פאַרוויטלטע אויגן. ער פלעגט זיך אַן חשק אָנטאָן, אַרומוואַשן; אַן אָפּעטיט אָפּעסן; און באַנייס פאַרלאָזן די היים — אויף אַ טאָג פון נייע פרוכט־לאָזע נאָגענישן, ציענישן, גאַרענישן.

פונעם „שידוך" איז געוואָרן גאָרניט.

זעלדקע האָט אויפגעהערט אַרויפקומען צו יוספן אין שטוב. זי האָט יוספן מער ניט געפירט אויף שפּאַצירן. יוסף האָט זי מער ניט באַגעגנט, מער ניט געזען.

און אויך פון די גאַרענישן יוספס איז געוואָרן גאָרניט. אויך זיי האָבן זיך לסוף פאַרענדיקט — זיך פאַרענדיקט אין איינעם אַ האַרבסטיקן נאָכמיטאָג.

אין יענעם נאָכמיטאָג האָט יוסף, ווי אַלע טאָג, לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבערן שטאָט. און לסוף — אַן איינגעמאַטערטער — זיך אָפּגעשטעלט פאַר איינעם אַ פענצטער: געגומען אַריינבליקן אין איינעם אַ צימער. דער צימער — זעט ער — איז אַ זייער געררימער. די ווענט זיינע זענען באַהאַנגען מיט פּאָרטרעטן. און אַרום די ווענט זענען צעשטעלט טישן — באַרינגלטע מיט מענטשן, אַריבערגעבוי־גענע איבער צעשפּרייטע צייטונגען, איבער צעעפנטע ביכער. פון דעם־אַ צימער — דער לייענזאַל פון אַ יידישער ביבליאָטעק; פון די פּאָרטרעטן, וואָס אויף די ווענט; פון די טישן, די באַרינגלטע מיט לייענער, — האָט אויף יוספן אַ ווייעגע־טאָן מיט אַ מאָדנער באַרויקונג.

ער איז דאָ לאַנג אַזוי געשטאַנען, אַריינגעבליקט. דערביי — זיך דערמאָנט אַן איינער אַ לאַנגשוין פאַרגאַנגענער צייט, אין איינער אַ ווייטער רוסישער שטאָט, וו ער, יוסף, האָט געהאַט געלערנט, וו ער איז יומם־ולילה אָפּגעזעסן איבער אַ צעעפנטער גמרא...

און אַזוי־אַ שטייענדיק, אַ פאַרפלייצטער פון דער אָנגענעמער דערמאָנונג, האָט געגומען אין אים וואַקסן אַ פאַרלאַנג אַריינצוגיין אינווייניק, אין ביבליאָטעק; זיך צוזעצן צו איינעם פון די טישן; זיך אַריבערבויגן איבער אַ צעעפנטן ספר.

און — ער האָט אַזוי געטאָן: אַריין אין ביבליאָטעק.

ער האט זיך דא א דגע ארומגעקוקט, זיך צוגעהערט צו דער אנגענעמער שטיל־קייט. נאכדעם — גענומען שפאנען איבערן אנגעוועקסטן דיל.

ער האט זאכט געשפאנט, צוגעשפאנט צו איינער פון די ווענט, — גענומען באטראכטן די צעהאנגענע פארטרעטן:

פנימער מיט דורכדרינגענדיקע אויגן;

פנימער מיט הויכע, למדנישע שטערנס;

פנימער מיט קלוגע, אויסדרוקפולע מיילער.

ער האט גענומען לייענען אונטער די־א פארטרעטן „טשודנע" נעמען — קיינ־מאל ניט־געהערטע:

אחד העם,

אדם הכהן,

מענדעלע מוכר ספרים...

ער האט נאכדעם צוגעהיפט צו איינעם א ווייטלאכן זאל־ווינקל — א באַ־שטעלטן מיט צוויי געגלאזטע שאפעס. פונעם גלאז בליקן צו אים ארויס באנאַ־מענטע ביכער־רוקנס. דער בליק זיינער — א ביז גאר בייגעריקער — נעמט זיך איבער זיי שארן, גליטשן. ביז ער פארהאלט זיך אויף איינעם א בוך מיט א מאדנעם נאמען:

„אהבת ציון".

יוסף האט א ציי־געטאן צום דאזיקן בוך. צווישן דעם טאטנס הונדערטער ספרים האט ער קיינמאל ניט באגעגנט א ספר מיט אזא מין נאמען... איז ער צו צום ביבליאטעקאר — באשטעלט דעם דאזיקן „ספר".

ער האט אים באקומען. זיך מיט אים באזעצט אין א ווייטן זאל־ווינקל. אים אויפגעעפנט. גענומען לייענען.

ער האט צומערשט געלייענט ניט איבעריק אויפמערקזאם. צוביסלאך אבער געווארן פארינטערעסירטער. זיך אריבערגעטראגן אין ווונדערלאכע וועלטן. דער־זען פאר זיך כשופדיקע בילדער. און אט זיצט ער שוין א צוגעזאטענער, אן אנ־געגליטער. ער אנט שוין ניט, וואס ארום אים טוט זיך. איז פארטאן מיטן גארן ווען אין לייענען.

עס פארגייט אזוי א שעה נאך א שעה. עס ווערט לסוף אוונט. דער לייענ־זאל נעמט זיך צוביסלאך אויסלערן. עס ווערט פוסטער, ליידיקער. און בלויז ער, יוסף, זיצט אלץ און לייענט. מישט אלץ די בוך־בלעטער. טראגט זיך אלץ אין ווייטע, נאנטגעווארענע וועלטן. טוט אלץ מיטפיבערן מיט פרעמדע, אייגנ־

געוואָרענע לעבנס. אַזוי — ביז שפּעט אינאָוונט. אַזוי — ביז ער דערהערט איבער זיך די שטים פונעם ביבליאָטעקאַר:

— דער זייגער איז צען.

— די ביבליאָטעק שליסט זיך.

פון יענעם האַרבסטיקן נאָכמיטאָג אָן איז יוסף געוואָרן אַ טאָג־איין, טאָג־אויסיקער באַזוכער אין דער יידישער ביבליאָטעק. ער פלעגט שוין איצט איעדן אינדערפרי — די ביבליאָטעק איז נאָך געווען געשלאָסן — שטיין ביים טיר: וואַרטן אויף אַריינגיין.

ער איז געוואָרן, יוסף, דער ערשטער אויף אַריין און דער לעצטער אויף אַרויס.

ער האָט געגומען פאַרברענגען אין לייענזאַל קיילאָכדיקע טעג.

ער איז נאָך געווען אומצופרידן, וואָס ער מוז צוליבן עסן איבעררייסן דאָס לייענען.

ער איז נאָך געווען אומצופרידן, וואָס די ביבליאָטעק איז אָפן בלויז ביז צען אינאָוונט.

אינאָנהויב האָט ער געלייענט כאַאָטיש, אָן אַ סיסטעם, אַלץ, וואָס זיין אויג האָט דערטאַפּט, וואָס זיין בליק האָט פאַרטשעפּעט. אין דער־אַ צייט האָט ער זיך באַקענט מיט שפּינאָזען, מיט מאַפּאַסאַנען, מיטן רמב״ם, מיט פּשיבישעווסקין, מיט מענדעלסאָנען, מיט זשול ווערן... אין דער־אַ צייט האָט ער געזוכט אַ פּתרון פאַרן לעבן צוזאַמען מיט פאַאוסטן. געטראַכט פון „זיין, אָדער ניט זיין״ צוזאַמען מיט האַמלעטן. געחלומט פונעם „אדם העליון״ צוזאַמען מיט זאַראַטוס־טראַן. זיך אַראָפּגעלאָזן אין די בלינדסטע טיפענישן פונעם מענטשנס נשמה צוזאַמען מיט דאָסטאָיעווסקין. אין דער־אַ צייט האָט ער זיך געגריבלט אין פרוידס פּסיכאָאַנאַליז, אין מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״. אין דער־אַ צייט האָט ער קינדיש מיט־געלאַכט מיט שלום עליכמען; ווייטאָקדיק מיטגעצאַרנט מיט ביאַליקן; ברויזנדיק מיטגעזונגען מיט פּושקינען, מיט בייראָנען, מיט העגריך היינע — אין דער־אַ צייט, אַרויסגייענדיק נאָך אַ לאַנגן טאָג לייענען אינדרויסן, פלעגט ער די היים־שטאָט זיינע ניט דערקענען. זי פלעגט אים אויסזען מאָדנע פרעמד. ער פלעגט אָפט ניט וויסן, צי טאָג איז איצט, צי נאַכט; צי זומער, צי ווינטער. ער פלעגט שפּאַנען, גאַס־איין, גאַס־אויס, אין דער באַגלייטונג פון אויסגעלייענטע וועלטן, פון ווייטע ערטער, פון טיפע צייטן, פון לאַנגשויין פאַרשווונדענע פּנימער, גע־שטאַלטן.

שפּעטער־צו האָט ער גענומען לייענען מיט אַ טאַלק. זיך גענומען גרינטלאָך פאַנאַנדערקלייבן אין די אויסגעלייענטע ביכער. דורכגעפירט פּאַראַלעלן צווישן

ביכערישע וועלטן און דער ארומיקערווירקלאכקייט; צווישן דער ארומיקער ווירקלאכקייט און זיך גופא. געגומען זוכן א באשייד פארן אייגענעם איך — דעם צעריסענעם, דעם צעפלאגטן; פארן ייד אין זיך; פארן מענטש אין זיך.

ער האט זיך גענומען מיישב־זיין מיטן ביבליאטעקאר, אוואסערע ביכער צו לייענען.

דער ביבליאטעקאר — אן עלטערער מענטשל, מיט א צעקארבט געזיכט, מיט א גרוי קמץ־בערדעלע, מיט א פאר מילדע, קורצזיכטיקע אויגן, — האט אים געראטן לייענען איינעם א דאקטער פינסקער. נאכדעם האט ער אים אונטערגערוקט איינס א ביכל מיטן נאמען „מיומן אחד הבילוים".

— לייענט עס — האט ער יוספן געעצהט. — עס וועט אייך זיכער געפעלן...

נאכדעם האט אים דער ביבליאטעקאר באקענט מיט באראכאוון, מיט ברענערן, מיט מ. ז. פייערבערגן. יוסף האט די ווערק פון די־א מחברים זשעדנע פארשלונגען. נאכדעם — געשמועסט פון זיי מיטן פריינטלאכן ביבליאטעקאר.

און איינמאל, איז א לענגערן, אינטימערן שמועס, האט אים דער ביבליאטעקאר אויסדערציילט פון זיך, פונעם אייגענעם לעבן.

צוריק מיט יארן איז דער ביבליאטעקאר געווען א בונדאוועץ. האט געארבעט „פאדפאלנע". איז עטלאכע מאל ארעסטירט געווארן. און איינמאל — געווען איז עס אין דער פינצטערער רעאקציע־צייט, נאכן פינפטן יאר, — איז ער גאר פארשיקט געווארן קיין סיביר. איז ער אפגעזעסן אין דאזיקן קאלטן טייגע־לאנד עטלאכע יאר. ביז ער איז באפרייט געווארן; זיך צוריקגעקערט אהיים — אהער־א.

ער איז אבער דאן צוריקגעקומען אן איבערגעאנדערשטער — א ציוניסטיש געשטימטער...

האט ער דא עטלאכע יאר געארבעט פארן ציוניזם. נאכדעם — באשלאסן עולה־זיין.

האט אבער אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה.

עס האט זיך צעבושעוועט א בלוטיקע צייט.

דעם ביבליאטעקאר איז אינגיכן אויסגעקומען צו ווערן א „בעזשענעץ", צוזאמען מיטן וויב. צוזאמען מיט אן איינציקן זון. איז אים דאס וויב אונטערוועגנס אוועקגעשטארבן. און ער מיטן זון האבן זיך היפש אנגעוואלגערט. דורכגעמאכט די רעוואלוציע, דעם בירגערקריג. געליטן הונגער. איבערגעלעבט פאגראמען. ביז זיי האבן זיך באנייס צוריקגעקערט אהיים.

דאסמאל אבער איז שוין דער ביבליאטעקאר צוריקגעקומען א „שברי־כלי". זיך דא א צייט ארומגעדרייט אן ארבעט. און לסוף געקראגן די־א ניט איבעריק שווערע שטעלע.

אַרבעט ער אין דער ביבליאָטעק. צייטווייליק. ווייל ער קלערט אַלץ עולה־זיין... און ביז וואָס־ווען האָט ער „אַהין" געלאָזט אָוועקשיקן דעם איינציקן זון זיינעם... יענער, דער זון זיינער, האָט ניט לאַנג צוריק עולה־געווען אַלס חלוץ... און ער, דער ביבליאָטעקאַר, איז מיטן חלוצישן זון זיינעם שטאָלץ... וואָרעם צו אַלע יידישע פּלאָגן — אַזוי האַלט ער, דער ביבליאָטעקאַר, — איז איצט פאַראַן איין רפואה: חלוציות, ארץ ישראל... און אויך אים, יוספן, עצהט דער ביבליאָטעקאַר צו ווערן אַ חלוץ, צו פאָרן קיין ארץ ישראל. זאָל ער, יוסף, פון דעם אַ טראַכט־טאָן... און זאָל ער אַריינגיין אין היגן מרכז־החלוץ — אויף פרייהייט־אַלייע פינפונצוואַנציק.

פרייהייט־אַלייע פינפונצוואַנציק.

די האַזיקע פאָר ווערטער, דערהערטע צום ערשטן מאָל פון מויל פונם ביבליאָ־טעקאַר, האָבן יוספן אַ באַפליגל־געטאָן. ער האָט אָפט געגומען טראַכטן פון די־אַ ווערטער. ער האָט גענומען חלומען פון מרכז־החלוץ. ער האָט דערשפּירט, יוסף, אַז דער איינציקער אויסוועג זיינער איז חלוציות, ארץ ישראל. ער האָט אָבער אַ לענגערע צייט ניט געוואָגט נאָך דעם מרכז־החלוץ באַזוכן. ער האָט דעם באַזוך זיינעם אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג. ווייל ער, יוסף, — אַזוי האָט ער געשפּירט — איז נאָך ניט גענוג גרייט צו ווערן אַ חלוץ. ער דאַרף נאָך דעם ענין חלוציות גוט אַרומטראַכטן — פון אַלע זייטן...

אינדערהיים זיינען דערווייל פאָרגעקומען קאָנקרעטע ענדערונגען. מרדכי, דער עלטערער ברודער, האָט לסוף חתונה־געהאַט. איז אַריבער וווינען אין אַ באַזונדער דירה. האָט שוין די היימישע ווייניק געקענט אַרויסהעלפן. און די מאַמע האָט זיך געמוזט נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט.

האָט זי גענומען נייען וועש. אָפּגעזעסן גאַנצענע טעג איבער אַ זינגער־מאַשין. געהאַלטן אין איין שטעפּן. די פאַרדינסטן אָבער זענען געווען קנאַפּע. מען איז קוים אַדורכגעקומען מיטן טאָג ברויט, מיט דירה־געלט. זענען יינגערע ברידערלאַך־שוועסטערלאַך געוואָרן בלייכער, מאַגערער; און די מאַמע — עלטער, גרויער. דער אומעט אין שטוב איז געוואָרן גרעסער, מערקבאַרער; האָט גענומען אַרויסשאָטענען פון אַלע ווינקלאַך.

יוסף האָט גאַנצענע טעג פאַרבראַכט אין ביבליאָטעק. געלייענט. געשטודירט. נאָכדעם, שפּעט אין די אָוונטן, פאַרלאָזנדיק דעם לייענזאַל, האָט ער נאָך לאַנג

ארומגעשפּאַנט איבערן שטאָט. ארומגעבלאָנקעט. פאַרקראָכן אין ווייטסטע, פאַרוואָרפנסטע געסלקעס, ווו סע בליט די אָרעמקייט; ווו זי בליקט אַרויס פון קלייניקע באַערדיקע פענצטערלאַך; פון לאַמע טירלאַך; פון אויסגעקרימטע טויערלאַך. ער האָט דאָ לאַנג אַרומגעשפּאַנט. געטראַכט פון די אויסגעלייענטע ביכער. געחלומט פון די טויזנטער חלוצים: קינדער פון דלות־היימען; בחורים, בחורות, וועלכע בויען אַן אַלט־נייעם היימלאַנד.

נאָכדעם, שפּעט נאָך האַלבנאַכט, פלעגט ער אַנקומען אַהיים. די מאַמע פלעגט אים עפענען די טיר. יוססס אויגן פלעגן זיך צונויפטרעפן מיטן צערפולן בליק פון דער מאַמען. און פונקט ווי נעכטן, ווי פאַרנעכטן, ווי איעדע נאַכט, פלעגט ער באַמערקן די טיפע צוויי קנייטשן אַרום דער מאַמעס מויל. און פונקט, ווי איעדע נאַכט, פלעגט אים אַ שטשעמע־טאָן אין האַרצן. ער פלעגט זיך דערפילן, יוסף, שולדיק קעגן דער אויסגעהאָרעוועטער מאַמען; קעגן אויסגעצערטע ברידערלאַך־שוועסטערלאַך; קעגן אומעטיקע היים־ווינקלען, טרויעריקע היים־ווענט.

אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ ביסל שטיק צייט. יוסף האָט אַלץ געלייענט, געשטודירט, געגריבלט זיך; געטראַכט פונעם אייגענעם איך; פונעם מענטש אין זיך; פונעם ייִד אין זיך. ביז עס איז געקומען איינער אַ ווינטערדיקער אינדערפרי. אין דעם־אָ אינדערפרי — עס איז שוין געווען באַלד דריי יאָר פון זינט יוסף האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים — איז ער אַוועק באַזוכן דעם מרכז־החלוץ.

דער מרכז איז באַשטאַנען פון צוויי צימערלאַך. אינעם ערשטן צימערל האָט יוסף געטראָפן אַ יונג מיידל — אַ פּאַרטיפּטע איבער אַ קליין טישל אין שרייבן. ער איז פאַרן מיידל שטיינגעבליבן אַ שווייגנדיקער, אַ ביט־דרייסטער. ער איז אָבער לאַנג אַזוי ניט געשטאַנען. דאָס מיידל האָט באַלד אויפגעהערט שרייבן. אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע פריינטלאַכע אויגן.

ער האָט זיך דערפילט פרייער, צוגעלאָזענער; גענומען דערציילן, נאָכוואָס ער איז געקומען.

דאָס מיידל האָט איהם פריינטלאַך אויסגעהערט. געבעטן זיצן. צוגערוקט איינס פון די אָנגעלייגטע אויפן טישל פּאַפּירבויגנס:

— אָט איז אַן אַנקעטע. זאָל ער זי אויספילן. נאָכדעם וועט מען זען.

יוסף האָט זיך אַ נעם־געטאָן צו דער אַנקעטע, זי אויסגעפילט. נאָכדעם — נענטער גענומען באַטראַכטן דאָס באַנייס שרייבנדיקע מיידל:

אַ שיין געזיכט; צאַרט פאַרשניצטע מויל־ווינקלען; חן־גריבעלאַך אין די באַקן; אַ קורץ, געטאָקט נעזל; און געדיכטע, פעכיק־שוואַרצע ברעמען איבער לאַנגבאַוויעטע אויגען.

דאָס מיידל האָט אויף זיך דערשפּירט יוספס בליק. האָט זי אוועקגעלייגט די פּען; אַ נעם־געטאָן יוספס אויסגעפּילטע אָנקעטע; זי אַדורכגעבליקט; זיך צע־שמייכלט; אַ זאָג־געטאָן:

— איז רופט מען אים יוסף גריז. און זי — האָט זי אַנגעוויזן אויף זיך — רופט מען לאַהקע בלאַט, אָדער „חברטע בלאַט". זי איז די געהילף־סעקרעטאַרשע פון מרכז.

די חברטע בלאַט האָט זיך דערביי אויפגעהויבן פון אהינטער איר אַרבעט־טישל, אַריינגעבעטן יוספן אין צווייטן צימערל, אים דאָ פאַרגעשטעלט פאַר דריי מרכז־ניקעס: יצחק, אפרתי און יהונתן.

יוסף האָט זיך צעשמועסט מיט די מרכזניקעס. צומערשט — שעמעוודיק, ניט־דרייסט. נאָכדעם — דרייסטער, פרייער, צוגעלאָזענער. ביז ער האָט זיך דערזען אין אַן ענגער אַרומרינגלונג פון אַלע דריי מרכז־פאָרשטייער. זיי טוען זיך אויפ־מערקזאַם צוהערן צו די רייד זיינע. זיי באַטראַכטן אים דערביי מיט קאָנטעטע בליקן. און זיי בעטן אים לסוף עפּטער אַריינקומען אין מרכז:

— ער איז תמיד ווילקאָמען.

— מע וועט אים האָבן אינזינען.

ער איז אַרויס פון מרכז אין דער באַגלייטונג פונעם חבר יצחק.

דער חבר יצחק — איינער פון די דריי מרכזניקעס; אַ קליינגעוויקסיקער; אַ רירעוודיקער; מיט אַ געפּאַקטן פאַרטפּעל אונטערן אָרעם, — האָט זיך ערגעץ געיילט. האָט ער אונטערגעיילט אויך יוספן. אים דערביי דערציילט פון דער באַוועגונג.

— די „תנועה" — האָט יצחק, אַ גיך־שפּאַנענדיקער, דערציילט — האָט זיך לעצטנס פאַרדרייפאַכט. אין לאַנד זענען שוין פאַראַן העכער טויזנט חלוצים. און יעדן טאָג קומען צו נייע. דער אַריינשטראָם אין „החלוץ" איז איצט אַ סטיכישער. און אַזאַ מין אַריינשטראָם איז אי גינסטיק, אי ניט. גינסטיק, ווייל סע קומען צו פרישע כחות, סע פאַרשטאַרקן זיך די רייען, סע פאַרפעסטיקט זיך די „תנועה". ניט־גינסטיק — ווייל צוזאַמען מיט די פּאָזיטיווע קרעפטן טוט לעצטנס אַריינ־שטראָמען אַ וויניק שטאַנדהאַפטיקער עלעמענט, אַ קנאַפּ־וואָס באַוווסטזיניקער. מוז מען דעריבער זיין פאַרזיכטיק. מע מוז זיפּן, סאָרטעווען... איז דעריבער פאַראַן אַ ים מיט אַרבעט. און ער, יצחק, איז שטאַרק פאַרנומען. ווארעם אין מרכז זיצן בלויז דריי חברים. מוז ער, יצחק, — איינער פון דעם־אַ דריילינג, — דורכ־פירן אַלערליי ענינים. פאָרט ער אַרום איבערן לאַנד. דערשלאָגט זיך צו ווייטסטע פּריצישע מאַיאָנטקעס. שליסט קאָנטראַקטן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

גרינדעט נייע הכשרה־פונקטן, פארפעסטיקט נייע קבוצות. און איניינוועגס — ארומרייזנדיק איבערן לאנד — באזוכט ער שוין, יצחק, שטעט און שטעטלאך: רעדט צו דער יוגנט; ארגאניזירט נייע סניפים. חוץ די־א ארבעטן, געפינט זיך יצחק אין ענגן קאנטאקט מיטן היגן סטאליער־קאאפעראטיוו „עבודה״. ער פירט אין דאזיקן קאאפעראטיוו די ביכער. און איצט טאקע איילט ער אהין. אויב יוסף וויל, קען ער מיטגיין. וועט אים יצחק באקענען מיטן דאזיקן קאאפע־ראטיוו — א הכשרה־פונקט פאר דריי צענדליק חברים.

אט אזוי האט יצחק אלץ דערציילט און יוסף האט זיך זשעדנע צוגעהערט. ביז זיי האבן זיך אריינגעקירעוועט אין א שמאל געסלקע, ארויף אויף אן ענגן הויפל, אריין אין קאאפעראטיוו.

דער קאאפעראטיוו איז געווען איינגעטיילט אין צוויי גרויסע צימערן. איינעם גרעסערן צימער — א ברייטער, ווי א פעלד, — האט זיך געפונען דער ווארשטאט. ער איז געווען פול מיט עבודהניקעס. מען האט געהאלטן אין סאמע ארבעט־ברען. מען איז דא געשטאנען: ווער איבער א טיש, ווער איבער א שאפע, ווער איבער א בענקל. מאשינען האבן געהאלטן אין אייך גרילצן, אין איין דראזגען, אין איין דרעליעווען. הובלען האבן זיך געגליטשט איבער לויכטנדיקע ברעטער. דאלעטעס האבן זיך געעקבערט אין ארומגעטאקטע שטולן־פיסלאך. דער דיל איז געווען אנגעשאטן מיט פרישן, שמעקעדיקן גזועגעכץ, מיט ציכטיקע, געקרייזלטע סטרוזשקעס. אין איינעם א ווינקל האט זיך געהויכט א קופע געהילץ. פונעם געהילץ, פון די עבודהניקעס, פונעם גאנצן ווארשטאט האט געטראגן מיט פעד, מיט וואלד, מיטן געדוד פון פרילינגדיקער ערד. יוסף האט הנאהדיק אריינגעאטעמט די דאזיקע מחיהדיקע ריחות. דערביי, אן אנטציקטער, זיך צוגעקוקט צו די אר־בעטנדיקע חלוצים: יונגע בחורים, אן אויבער־בגדים, מיט הויך פארקאשערטע העמד־ארבל; די הענט — אדערדיקע, מוסקולעסטע; די פנימער — באטראפנט מיט שווייס; און די מיילער — פול מיט געזאנג.

יוסף האט גענומען אריינקומען אין מרכז. איז דא היימישער געווארן מיט יעדן אריינקום. זיך פארחברט מיט אלע דריי מרכזניקעס. באזונדערס, מיט יצחקן. מיט אים האט יוסף גאר אפט פארבראכט. געגאנגען צו אים אהיים — ערגעץ אין אלטשטאט, אין א קליין בחוריש צימערל. זיך פאר אים פארטרויט מיט אלע זיינע ספקות.

— ער, יוסף, — האט ער זיך פארטרויט פאר יצחקן — וויל שוין וואס שנע־

לער אַרבעטן. פיזיש. ביי לאַנדווירטשאַפט. אין אַ קבוצה. ער שרעקט זיך אָבער, יוסף. ער קען נאָך אַמאָל ניט טויגן פאַר ערדאַרבעט. ער איז ניט קיין גיבור... ער פאַרמאָגט דערצו שמאָלע פלייצעס, איידעלע הענט...

יצחק האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט. דערביי — פון עפּעס געטראַכט. ביז ער האָט איינמאָל צעוויקלט פאַר יוסף׳ן זייז, יצחקס, אַן אייגענעם פּלאַן:

יוסף איז אַ קולטורעלער בחור. אין אַזעלכע חברים — קולטורניקעס, קענער פון חלוציות, פונעם ציוניזם, פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, — נויטיקט זיך די „תנועה". דאַרף דערווייל יוסף פון דער אייגענער פיזישער הכשרה ניט קלערן. זאָל ער דעם־אַ ענין אָפּלייגן אויף שפּעטער. און דער־ווייל איבערנעמען דעם פּאָסטן פון אַ גלילשן „מורה נודד". דער־אַ פּאָסטן ווערט אינגיכן וואַקאַנט. דער גלילישער „מורה נודד", דער חבר אברהם, איז אינגיכן עולה. האָט שוין יצחק פון דעם געשמועסט מיט די איבעריקע מרכזניקעס: פאַר־געלייגט יוסף׳ן אויף אַברהמס אָרט. האָבן די מרכזניקעס צוגעשטימט. דאַרף מען איצט דעם דאָזיקן ענין דורכפירן עפנטלאַך, דורך אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג. מאַכט זיך אינגיכן אַזאַ געלעגנהייט. עס קומט אינגיכן פאַר די ניינטע קאָנפערענץ פון „החלוץ". זאָל יוסף צו דער־אַ קאָנפערענץ צוגרייטן אַ געהעריקן רעפער־ראַט — וועגן קולטורעלע אַרבעט אין די חלוצישע רייען. און דאָן, אויף דער קאָנפערענץ, נאָכן פאַרטראָג יוספס, וועט יצחק פאָרשלאָגן עפנטלאַך:

ערשטנס, צוציען יוסף׳ן צו דער מרכז־אָנפירונג. צווייטנס, אים באַשטימען פאַרן נייעם „מורה נודד" אין „גליל".

נאָך אַ געהעריקער אַריינטראַכטעניש האָט יוסף צוגעשטימט צו יצחקס פּלאַן. גוט. ער וועט דערווייל פון דער אייגענער פיזישער הכשרה ניט קלערן. ער וועט דערווייל ווערן אַ „מורה נודד". אין היגן „גליל". איבער אַלע צוועלף גלילשע קבוצות. און שפּעטער — וועט מען זען.

האָט ער זיך גענומען גרייטן צו דער ניינטער קאָנפערענץ. באַנייס געלייענט, געשטודירט; געגרייט צו דער קאָנפערענץ אַ געהעריקן רעפעראַט.

און אַזוי־אַ — אין לייענען, אין שטודירן, — איז אַוועק דער ווינטער.
און אַזוי־אַ — אין לייענען, אין שטודירן, — איז אָנגעקומען פרילינג — אַ נייער פרילינג.

און ענדע חודש ניסן איז פאַרגעקומען די ניינטע קאָנפערענץ פון „החלוץ". זי איז פאַרגעקומען, די קאָנפערענץ, אין יוספס היימשטאָט. יוסף האָט אויף

איר געהאלטן זיין צוגעגרייטן רעפּעראַט. ער איז געשטאַנען — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן — פאַר אַ פּילקעפּיקן עולם. ער האָט גערעדט. צומערשט — ניט דרייסט, ניט־זיכער. שפּעטער אָבער — דרייסטער, זיכערער. ביז ער האָט גע־ענדיקט מיט אַ געהעריקן דערפאָלג. און אין זעלבן אָוונט נאָך איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פונעם נייעם מרכז. און אין זעלבן אָוונט נאָך איז ער באַשטימט גע־וואָרן פאַרן נייעם „מורה נודד” אין „גליל”. און אויף מאָרגן נאָך דער קאָנ־פערענץ האָט עס יוסף געדאַרפט פאַרלאָזן די היים, אַפּפאָרן אין „גליל” און — — אָנהויבן אַ ניי לעבן.

צווייטער טייל

קאַפּיטל זעקס

די חברטע בלאט, די געהילף־סעקרעטארשע פון מרכז־החלוץ, האט געהאט איר קווארטיר אינעם חלוצישן צוזאמענוווינונג „עבודה״. דער דאזיקער צוזאמענוווינונג געפינט זיך אין אלטשטאט; אין איינס א טומלדיק געסלקע; אויף איינעם א געדיכטבאפעלקערטן הויף. ער פארנעמט דא — אויף א צווייטן שטאק — א גרויסע, צעוואלגערטע דירה, — א צעטיילטע אויף א סך פיצינקע, האלב און גאנץ פינצטערע חדרימלאך. די חדרימלאך זענען תמיד פול. עס האלט דא אין איין רוישן, אין איין רודערן. עס עסן דא, שלאפן, פארברענגען, — אחוץ די דרייצענדליק עבודהניקעס — אלערליי חלוצים — ארבעטנדיקע ביי פארשידענע פאכן; געקומענע פון דער פראווינץ אין ענינים פון „החלוץ״. און עס עסט און קווארטירט דא אויך זי, די חברטע בלאט, די געהילף־סעקרעטארשע פון מרכז.

איצט איז דער ערשטער פרימארגן נאך דער שליסונג פון דער ניינטער קאנפערענץ. עס איז א פריע פרימארגן־שעה. אלע אין צוזאמענוווינונג שלאפן נאך; כראפען; פייפן מיט די נעז. און בלויז זי, די חברטע בלאט, איז שוין א לענגערע ווײַלע וואך. עס ווארטן היינט אויף איר דרינגנדיקע ארבעטן. האט זי זיך אויפגעכאפט פריער ווי תמיד. איר ווילט זיך אבער א ווײַלע נאך ליגן, רוען. ליגט זי אזוי (אין א פינצטער צימערל; אין א שמאל, אייזערן בעטל; מיט איינער א שלאפנדיקער חברטע ביי דער זייט) און — חלומט אויף דער וואר. זעט אין דמיון איר אמאליק לעבן. דערמאנט זיך אן איינעם א הויכן ייד — א ציגיינעריש שווארצער, א געדיכטבאוואקסענער, — דער טאטע אירער. דערמאנט זיך אן צוויי לאנגפיסיקע בחורים — אירע עלטערע ברידער. דערמאנט זיך אן אן אלטינקער קינדיש אויסזעענדיקער באבע. און, לסוף, אן זיך זעלבסט — אזא ווי זי, לאהקע, איז געווען מיט העכער פיר יאר צוריק.

מיט העכער פיר יאר צוריק איז נאך לאהקע געווען אינדערהיים, אויפן טאטנס פארווארפענעם מאיאנטעק, הארט ביי דער פוילישער גרענעץ. אויפן דאזיקן מאיאנטעק איז לאהקע געבארן־געווארן — צו א גוססער מאמע, וואס האט באלד נאכן האבן צוגעמאכט אויף אייביק די אויגן. אזוי האט לאהקען שפעטער מיט יארן דערציילט די באבע אירע — דער מאמעס מאמע, וועלכע האט געוווינט ניט

ווייט פונעם פאַרוואָרפענעם מאַיאַנטעק; אין אַ קליין זאַמדיק שטעטעלע, ווו זי, לאַהקע, האָט געהאַט פאַרבראַכט די ערשטע אַכט יאָר פון איר יתומהדיק לעבן.

נאָכדעם — לאַהקען איז אַוועק דאָס ניינטע יאָר — האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. דער טאַטע אירער — ער האָט אַ צווייט מאָל ניט חתונה־געהאַט — איז אַוועק זיך שלאָגן מיטן דייטש. און זי, לאַהקע, צוזאַמען מיט דער באָבען, איז אַריבער צוריק אויפן מאַיאַנטעק — צו די צוויי עלטערע איבערגעבליבענע ברידערלאַך.

זענען זיי געזעסן אויפן מאַיאַנטעק. פיר יידישע שוצלאָזע נפשות. ניט־ווייט פון די פייערדיקע פאָזיציעס, פון די בלוטיקע שלאַכטן. איז זיי אויסגעקומען פיל איבערלעבן. ביז דער געגנט זייערער איז פאַרנומען־געוואָרן פונעם דייטש.

אין יענע „שיינע" מלחמה־יאָרן האָט לאַהקע שטאַרק ליב־געקראָגן דעם טאַטנס פאַרוואָרפענע נחלה. ליב־געקראָגן דעם היימישן פרוכט־גאָרטן; די אַרו־מיקע תבואה־פעלדער; דעם יונגן סאָסנאָוון וועלדל, וואָס הויכט זיך ניט־ווייט פון זייער היים. ליב־געקראָגן די היימישע צוויי קיעלאַך (מיט בלווילאַכע פאַרשפּיצ־טע הערנער; מיט ווייסע פלעקן איבער ברוין האָריקע פעלן). ליב־געקראָגן דעם איינציקן פערדל — אַ יונג אַגערל; אַ קאַרס; אַ דינפּיסיקס; מיט אַ סאַמעט־גלאַטן האַלדז; מיט גרויסע, קלוגע, גלאַנציק אַרויסגעקוליעטע אויגן.

איז אַזוי אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. די פיר יידישע שוצלאָזע נפשות זענען לסוף ניצול־געוואָרן פון אַלע מלחמה־געפאַרן. און דער טאַטע לאַהקעס, דער סאָלדאַט, — אויך ער האָט זיך נאָך דער מלחמה צוריקגעקערט אַ גאַנצער אַהיים.

איצט, נאָך דער מלחמה, איז שוין לאַהקע געווען אַ היפּשע מיידל. דערצו — זייער אַ געראָטענע. איז זי געוואָרן אויפן מאַיאַנטעק די גאַרע באַלעבאָסטע. האָט איעדן טאָג געמאָלקן די צוויי בהמהלאַך. האָט איעדן טאָג געשפּייזט די עופות. האָט געקאָכט וואַרעמעסן, וועטשערעס. האָט אַרויסגעהאָלפן די מאַנסלייט אין דער פעלד־אַרבעט. און נאָך געהאַט גענוג פרייע צייט אויף לייענען ביכער, אויף לערנען זיך — אָן קיינעמס הילף — ליטוויש, פּויליש, העברייש. איז אַזוי אַוועק אַ נייע שטיק צייט. לאַהקע האָט התמדהדיק געאַרבעט, געלערנט. ביז איר איז געוואָרן פופצן. און דאַן האָט זיך איר לעבן פאַרקירעוועט אין אַ שפּאָגל־נייער ריכטונג.

געשען איז עס אַזוי:

פון מאָל צו מאָל, אין אַ שעה אַ פרייער פון דער אַרבעט, פלעגט זיך לאַהקע אַרויפכאַפּן אויפן היימישן אַגערל. פלעגט זיך אַדורכרייטן איבער די היימישע ערטער. פלעגט אַוועקיאָגן אין ניט־ווייטן זאַמדיקן שטעטעלע, ווו סע האָט געהאַט געוווינט איר באָבע; ווו זי, לאַהקע גופא, האָט קינדווייז געהאַט פאַרבראַכט.

זי פלעגט אין שטעטעלע ארייניאגן ווי א ווינט.
דער „קארער'' אירער פלעגט דערביי אויפהויבן א געדיכטן שטויב.
פון די קלייניקע שטיבאלאך פלעגן ארויסיילן קינדער, ווייבער, בערדיקע ייִדן, — נאכקוקן נאכן אוועקרייטנדיקן מיידל:
מאטע־זוסעס טעכטערל.
דעם לאנדווירטס בת־יחידהקע.
איז אט:
איינמאל, אין איינעם א זומערדיקן נאכמיטאק, רייטנדיק באנייס דורכן שטעטעלע (לאהקע איז דאסמאל איבער עפעס געריטן זייער לאנגזאם), — האט זי עמעצער אפגעשטעלט. איינער א קליינגעוויקסיקער בחור. א שמייכלענדיקער, מיט א געפאקטן פארטפעל אונטערן ארעם.
דאס איז געווען דער חבר יצחק — א פארשטייער פון מרכז־החלוץ. ער איז אראפגעקומען אין שטעטעלע גרינדן א חלוצישן סניף. שפאנט ער אזוי איבער די שטילע זאמדיקע געסלקעס; קוקט זיך צו צום שטעטלשן ארום. רייט אים אן אנקעגן א יונגיטשקע מיידל — יידישלאך אויפן אויסזען; זיצנדיק מאדנע פריי אויף א שלאנק פערדל. איז אים די דאזיקע רייטערין געווארן טשיקאווע. האט ער זי פארהאלטן:
— ווער איז זי אזא?
— וואס איז דא, אין שטעטעלע, איר טאוונג?...
צווישן מרכזניק און לאהקען האט זיך דאן פארקניפט א געמיטלאכער שמועס. לאהקע האט אים דאן אויסדערציילט פון זיך; פון אירע קינדעריארן; פונעם טאטנס נחלה. און ער ווידער, יצחק, האט דערציילט פון דער „תנועה''; פון הונדערטער פריילאכע חלוצים, וועלכע ארבעטן ביי „חקלאות'', פירן א קבוצה־לעבן, זענען לסוף עולה.
א טיף־פארקלערטע האט זיך לאהקע דאן צוריקגעקערט אהיים. געטראכט דעם גאנצן וועג פון די פריילאכע חלוצים — הארעפאשניקעס ווי זי, לאהקע; ווי דער טאטע אירער; ווי די ברידער אירע; און דאך — עפעס גאר אנדערע; פון א שפאגל־נייעם מין...
נאכדעם — זי איז שוין געווען צוריק אינדערהיים, אויף די אלטבאקאנטע ערטער — האט דער גארער ארום איר געגומען אויסזען מאדנע פרעמד, אומהיימלאך... און דער טאטע אירער, די ברידער, די באבע, — אויך זיי האבן איר אויסגעזען פרעמד... און פארגלוסט האט זיך לאהקען צוריקרייטן אין שטעטעלע, צום קורצגעוויקסיקן מרכזניק, צו די פשוטע רייד זיינע — וועגן די פריילאכע חלוצים.

איז אַט:

פון דאַן אַן זענען עס לאַהקען ענג־געוואָרן די היימישע רחבותדיקע פעלדער. פון דאַן אַן האָט איר געגומען ציען אין ניט־ווייטן שטעטעלע. עס האָט זי געצויגן צו דער שטעטלשער חלוציש געשטימטער יוגנט. זי איז אַפט צו זיי גע־ריטן. געוואָרן לסוף אַ מיטגליד פונעם שטעטלשן סניף. געגומען אין דאָזיקן סניף אַקטיוו אַרבעטן. געשלעפּט די שטעטלשע חלוצים צו זיך אויפן מאַיאָנטעק — זיי לערנען „אויפן אָרט" די תורה פון לאַנדווירטשאַפט... און נאָכדעם — געווען איז עס אין איינעם אַ פרייליגגדיקן אינדערפרי — האָט לאַהקע פאַרלאָזט די היים; אַוועקגעפאָרן, אָן דער צושטימונג פון די אייגענע, אין „גליל".

האָט זי אַ פּאָר יאָר צייט פאַרבראַכט אין עטלאַכע גלילשע קבוצות. נאָכדעם איז זי באַשטעטיקט־געוואָרן צו עליה; זיך געגומען קלייבן אין וועג אַריין, קיין ארץ־ישראל. האָט אָבער דער מרכז־החלוץ, ער האָט זיך דאַן געהאַט געגויטיקט אין אַ מענטשן, זי פאַרהאַלטן. אַרבעט זי פון דאַן אָן אין מרכז. קען זיך אַלץ ניט אַרויסרייסן. קען אַלץ ניט עולה־זיין. ווייל מע וויל זי פון מרכז ניט אָפּ־לאָזן. זי, לאַהקע, איז אַ זעלטענע געהילף־סעקרעטאַרשע...

אין מרכז איז געווען אינדערפריענדיק שטיל.

די חברטע בלאָט איז דאָ איצט געזעסן איינינקע אַליין.

זי איז געזעסן (אינעם פאָדער־צימערל,ביים קליינעם אַרבעט־טישל) און גע־אַרבעט; געיאָגט מיט דער פּען.

זי האָט רעגיסטרירט אַנקעטעס פון נייע „החלוץ"־מיטגלידער.

זי האָט דערביי פון מאָל צו מאָל צוגעוואָרפן אַ בליק צו די אָנגעשטעלטע און אָנגעלייגטע קערבּ׳ קעסטלאַך, טשעמאָדאַנעס, — אַ נישקשהדיקער באַרג, וואָס הויכט זיך אין איינעם פון די צימערשע ווינקלען.

דער דאָזיקער געפּעק באַלאַנגט צו אַ כאַפּטע חלוצים, טעלעגראַפיש אַרויס־גערופענע (פון פאַרשידענע שטעטלאַך) אויף דרינגנדיקער אַרבעט.

זענען די דאָזיקע חברים אייליק אַראָפּגעקומען אין שטאָט, דירעקט אין מרכז אַריין. זיי דאַרפן היינט אוונט אָפּפאָרן אין „גליל". און דערווייל האָבן זיי דאָ איבערגעלאָזן דעם מיטגעבראַכטן געפּעק. כאַפּט איצט דער פאָדער־צימערל פונעם מרכז דעם אָנבליק פון עפּעס אַ וואָקזאַלכל — אָן אָנגעהורבעטן מיט „באַגאַזש". און די באַלעבאַטים פונעם דאָזיקן „באַגאַזש", די „פּאַסאַזשירן", — זיי דאַרפן זיך איינגיכן באַווייזן.

און אָט עפנט זיך די מרכז־טיר. סע שפּאַנט אַריין דער ערשטער „פּאַסאַ־

זשיר״. אַ לאַנגער בחור. אַ פאַרשטויבטער. אַ צעשויבערטער. ער קומט, דער דאַזיקער חלוץ, פון איינס אַ פיצינק פאַרוואָרפן שטעטעלע. ער איז אין דאָזיקן שטעטעלע אַ ,,בודד״. האָט מען אים איצט אַרויסגערופן אויף אַרבעט. אָט איז די טעלעגראַמע און אָט — אַ דאָקומענט פונעם שטעטלשן דאָקטער, אַז ער, דער דאָזיקער ,,בודד״, איז געזונט אויף אַלע אברים; איז מסוגל צו יעדער מין פיזי־שער פּראַצע.

נאָכדעם האָט די מרכז־טיר אַריינגעלאָזן אַ חברה טומלדיקע גלילניקעס — צירים צו דער ניינטער קאָנפערענץ, וועלכע פאָרן היינט אוונט צוריק אין ,,גליל״.

נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן די מרכזניקעס: יצחק, אפרתי, יהונתן. די צוויי מרכז־צימערלאַך זענען געוואָרן פולער, געפאַקטער. עס האָט גענומען קלאַפּן אַ שרייב־מאַשינקע. עס האָבן זיך גענומען מישן בלעטער פון אַ דיקן בוכהאַלטערסקן בוך. עס האָט זיך אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעשלענגלט אַ פּאַפּיראָס־רויכל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פיבערדיקער אַרבעט־טאָג.

יוסף האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט אויפן טאָג.

די פאַרגאַנגענע נאַכט איז ביי אים געווען אַ ,,ליל־שימורים״.

קומענדיק וויט נאָך חצות פון דער ניינטער קאָנפערענץ אַהיים, האָט ער נאָך אַ לענגערע צייט ניט געקענט איינשלאָפן.

די טיר האָט אים, ווי תמיד, געעפנט די מאַמע. זי האָט שוין געהאַט געוווּסט. די מאַמע, אַז יוסף שלאָפט די לעצטע נאַכט אינדערהיים. אַז מאָרגן פאָרט ער אַוועק. ערגעץ ווייט. אויף חלוצישער אַרבעט. האָט זי אים דאָסמאָל, עפענענ־דיק די טיר, באַטראַכט מיט אַ באַזונדערס טרויעריקן בליק. און, אַז איינגעשרומ־פּענע, אַן איינגעהאַרבעטע, זיך אַוועקגעשאַרט צו איר אַלמנהדיקן געלעגער.

יוסף — אַ פאַרפולטער מיט בילדער, מיט איינדרוקן פון דער קאָנפערענץ, — האָט זיך אויפגיך אויסגעטאָן; זיך אַריינגעשליידערט אין בעט; זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע; צוגעמאַכט די אויגן; געפּרוווּט איינשלאָפן.

עס איז אָבער ניט געקומען קיין שלאָף.

עס האָבן אים באַנייס גענומען באַאומרויקן פּנימער, בילדער פון דער קאָנ־פערענץ. זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ; געשוועבט, געפלאַטערט פאַר זיין בליק.

נאָכדעם האָט ער גענומען טראַכטן פון דער היים. ער האָט די היים דערזען מיט צוגעמאַכטע אויגן... אָט־אָ, אין אַ צווייט, בשכנותדיק בעטל, שלאָפן זיינע צוויי ייִנגערע ברידער. און דאָרט, איבערן וואַנט, אין צווייטן צימערל, וואַכט די מאַמע. דאָס בעטל אונטער איר הערט ניט אויף סקריפּען. זי האַלט זיך, די

מאַמע, איז איין אַרומוואַרפן. זי טראַכט, מן הסתם, פון אים, פון יוספן; פון דער לעצטער נאַכט זיינער אינדערהיים...

נאָכדעם האָט זיך יוסף פאַרקלערט וועגן זיך. אַט אַ שלאָפט ער דאָ די לעצטע נאַכט. און מאָרגן איז דער־אַ צייט וועט ער שוין זיין ווייט־ווייט. ער וועט זיך געפינען אין אַ יאָגנדיקן צוג, צווישן בײנאַכטיקע פעלדער... דער צוג וועט אים פירן אַלץ נענטער צום „גליל". ביז ער וועט אַהין אָנקומען. זיך דערזען אין די דאָרטיקע קבוצות. צווישן דאָרטיקע חלוצים, חלוצות...

אַט אַזוי האָט זיך יוסף — אַ וואַכער, אַ צעפיבערטער, — לאַנג אַרומגעוואַלגערט, ביז עס האָט געגומען טאָגן. און ערשט דאַן איז אויף אים אַראָפּ דער לאַנג־געגאַרטער שלאָף.

איצט, זיך אויפכאַפנדיק, איז שוין געווען שפּעט אויפן טאָג. אינעם פענצטער־ל אַנקעגן זיין בעט־ל האָט אַריינגעשיינט אַ צעבלויטער הימל. דערנעבן, אויף דער וואַנט, האָט געאָמרויקט אַ העלינקער זון־העזל. יינגערע ברידערלאַך־שוועסטערלאַך זענען שוין געווען אין חדר, אין שולע. און די מאַמע איז שוין געזעסן ביי דער ניימאַשין.

יוסף איז נאָך אַ לענגערע ווײַלע געבליבן אין בעט. געלעגן. זיך צוגעהערט צו דער שטעפּעריי פון דער ניימאַשין. געטראַכט פון דער האָרעוועדיקער מאַמע; פון איר גרויען קאָפּ; פון איר פרי־פאַרעלטערט געזיכט; פון אירע צערפולע אויגן. און אַז ער, יוסף, קען זי מיט קיינזאַך ניט העלפן. אַט פאָרט ער היינט אַוועק, פאַרלאָזט די היים, קען זיין, אויף תמיד.

נאָך מיטאָג איז ער געקומען אין מרכז. געקומען נעמען אַ פּעקל „ליטעראַטור" פאַר די גלילישע קבוצות. ווי אויך זיך געזעגענען מיט די מרכזניקעס, מיט דער חברטע בלאַט.

ער איז דאַסמאָל געקומען „חלוציש אָנגעטאָן". אויף די פיס — הויכע, יוכטענע שטיוול. און דער גוף — פאַרוויקלט אין כאַקי.

(די־אַ הלבשה האָט יוספן צוגעשטעלט דער חבר יצחק. ער האָט יוספן געעצהט אַראָפּוואַרפן פון זיך די „גרויסשטאָטישע קליידונג": די שליאַפּע, דעם „דג מלוח", די געפּרעסטע הויזן, די געפּוצטע שיך. דאָס דאָזיקע אָנטאָכץ — אַזוי האָט אים יצחק דערקלערט — שמעקט מיט באַלעבאָסלדיקייט, מיט קליינבירגערלעכקייט. און ער, יוסף, פאָרט דאָך אין „גליל", צו חלוצישע האָרעפּאַשניקעס. דאַרף ער זיך אָנטאָן, ווי איינער פון זיי... האָט אים יוסף געפאָלגט.

אַריינגעקראָכן איז דער „חלוצישער הלבשה״. זיך דערבײַ באַבליקט אינעם הײַ־מישן שפּיגל. און, אַ צופרידענער מיטן נײַעם אַנטאָן, אַוועקגעשפּאַנט אין מרכז.)

אין מרכז איז געשטאַנען אַ יאַריד. בײַדע צימערלאַך זענען געווען פול. אַלע זיך־ערטער זענען געווען פאַרנומען. מען איז געזעסן צו צוויי, צו דרײַ אויף אַ בענקל. מען איז געזעסן אויף די פענצטער־ברעטלאַך, אויף שטיקלאַך אָפּגעלײַ־דיקטע טישן, אויפן אַנגעהורבעטן געפּעק. אַ סך זענען געשטאַנען. מען האָט גערעדט, געשמועסט, זיך איבערגערופן; געזויגן פּאַפּיראָסן; געלאָזן דורך ציין, דורך נאָזלעכער קנײַלכלאַך רויך.

יוסף האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם. איז צו צום טישל פון דער חברטע בלאָט. זי דערזען זיצן אויף איין שטול מיט נאָך אַ בחורה. ער האָט זיך באַ־גריסט מיט דער געהילף־סעקרעטאַרשע; זיך דערבײַ באַקאַנט מיט דער שכנטע אירער: אַ פרײַלאַך־אויגיקע; אַ זוניק־פאַרברוינטע; אַ שוואַרצגעלאָקטע; מע רופט זי חביבה.

די חברטע בלאָט האָט דערווײַל אויפגערוקט אײַנעם אַ שופלאַד, אַרויסגע־קראָגן אַ פּעקל „גלילישע ליטעראַטור״. זי האָט דעם פּעקל איבערגעגעבן יוספן, אים דערבײַ אָנגעוויזן אויף איר שכנטע; אַ זאָג־געטאָן:

— די דאָזיקע שכנטע אירע, חביבה, פאָרט הײַנט אוונט אין „גליל״. זי פאָרט מיטן זעלבן אַכט אַזייגער־צוג, וואָס ער, יוסף. עס פאָרן אויך אַנדערע חלוצים. אַ היפּשע כאַפּטע. וועט שוין אומעטיק יוספן ניט זײַן...

קאַפּיטל זיבן

דער אַכט אַזייגער־צוג (ווו סע געפינען זיך אַ היפּשע חברה חלוצים, חלוצות; אויך יוסף און חביבה) האָט נאַרוואַס גערירט. יוסף האָט זיך נאַרוואַס צעזעגנט מיט דער מאַמען. זיך מיט איר צעקושט. איר צוגעזאָגט שרייבן בריוו, געדענקען די היים.

און אָט האָט דער צוג גערירט. יוסף האָט אויפגערוקט אַ פענצטער. געגנ־מען אַרויסבליקן אינדרויסן. גענומען נאָכבליקן די מאַמע זיינע. זי שווימט אָפּ, די מאַמע, אויף צוריק, אויף צוריק. . . און מיט איר צוזאַמען נעמען זיך דערווייטערן:

דער איבעריקער עולם אויפן פּעראָן;
דער פּעראָן גופא;
די נייע צווייסטאָקיקע וואָקזאַל־געביידע;
די גאַרע היימשטאָט.

דער צוג פאַרשנעלערט זיין לויף. אַרום־און־אַרום ווערט גערוימער, לופטיקער. ביז עס צעוויקלען זיך — אַזש ביז די ווייטע, אוונטיק פאַרהילטע האָריזאָנטן, — פרילינגדיק באַגראָזטע פעלדער.

דער אָוונט איז אַ בלויער, אַ וואַרעמער, אַן אויסגעשטערנטער. איבער יוספס פנים פאָכן לינדע ווינטלאַך. פרישן אים די באַקן, דעם שטערן; ברענגען אים צו די נאָזלעכער האַרבלאַך זיסע ערד־גערוכן.

יוסף שטייט אַלץ אין אָפענעם פענצטער. דעם קאָפּ — אַרויסגעבויגן אינדרויסן. ער בליקט אין אָוונט אַריין. עקבערט, אַ פאַרחלומטער, די אָוונטיקע טיף. . . נאָכדעם, אַן ארומגענומענער מיט עפּעס אַ שטילער פרייד, שטעקט ער דעם קאָפּ זיינעם צוריק אַריין אין וואַגאָן, קערט זיך אָפּ פון פענצטער, נעמט באַטראַכטן די אַרומיקע חלוצישע מיטפאָרער.

עולם — זעט ער — איז אין אַ געהויבענער שטימונג. מע זיצט איבער צעעפנטע קערב, קעסטלאַך, רוקזעק, טשעמאָדאַנעס. מע זיצט און מע וועטשערעט. מע בייט זיך דערביי מיט היימישע מאכלים (מיטגעגעבענע אויפן וועג פון מאַמעס, פון שוועסטער). מע ווערטלט זיך דערביי. מע באַגלייט די בשותפותדיקע וועטשערע מיט פריילאַכע לידער, מיט טופּעניש פון יונגע, קרעפטיקע פיס.

יוסף קען שוין די דאָזיקע אַלע חברים. ער געדענקט שוין איעדנס נאָמען.

ער ווייס שוין פונוואַנען איעדער איינער קומט. אַ טייל פון זיי — מיטגלידער פון שטעטלשע החלוץ־סניפים, דעלעגירטע צו דער ניינטער קאָנפערענץ, — פאָרן איצט צוריק אַהיים. אין פּיצינקע שטעטאַלאַך. אויף לאַנגווייל. אויף פּוסטע־פּאַס. אויף וואַרטן אומגעדולדיק, דער מרכז־החלוץ זאָל אין איינעם אַ טאָג אַרויס־רופן אויף הכשרה.

די איבעריקע חלוצים — גלילשע צירים; נייע הכשרהניקעס, — פאָרן איצט אין „גליל״. אָט מיט די־אָ פּאַרט אַהין אויך ער, יוסף; אויך זי, חביבה.

חביבה.

יוספן ווערט עפּעס מאָדנע גוט פון דעם־אָ נאָמען.

ער נעמט טראַכטן פון דער דאָזיקער בחורה.

ער האָט זיך מיט איר באַקענט בלויז מיט עטלאַכע שעה צוריק. און אָט פאָרן זיי שוין צוזאַמען אין „גליל״. אָטאָ זיצט זי, חביבה; אים, יוספן, אַנקעגן. זי זיצט און עסט, שמועסט, לאַכט, זינגט און וואַרפט צו אים, צו יוספן, פרייל־אַכע, פאַרטרוילאַכע בליקן — —

— — — אין יענעם פרילינגדיקן אָוונט, אין יאַגנדיקן צוג, האָט יוסף געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט חביבהן. אין יענעם אָוונט האָט אים חביבה דערציילט פון זיך, פון איר גאַרן ביז איצטיקן לעבן.

געוועזן איז שוין קרוב צו האַלבנאַכט. דער צוג האָט געיאָגט איבער טוייקע פעלדער, דורך צעגרינטע וועלדלאַך, פאַרביי נאַכטיק פאַרוויגטע דערפאַלאַך. די וואַגאַנישע רעדער האָבן געהאַלטן אין איין שווינדלען, אין איין רודערן. אַלע אין וואַגאָן זענען שוין געלעגן פאַרוויקלט אין טיפן שלאָף. אַנגעהוליעטע חלוצים האָבן געשמאַק געכראַפּעט; געפייפט מיט די נעזן. און בלויז זיי ביידע, יוסף און חביבה, זענען געזעסן וואַכע. געזעסן פּנים צו פּנים. זיך איינס דעם אַנדערן אַריינגעבליקט אין די אויגן. און זי, חביבה, האָט דערביי דערציילט.

... איבדערהיים האָט מען זי גערופן ליבקע — אַ נאָמען נאָך אַ פרומער באָבע; אַ נאָמען, מיט וועלכן ליבקע איז באַקרוינט־געוואָרן מיט קאַרגע אַכצן יאָר צוריק. האָט זי מיטן דאָזיקן נאָמען אירן געענומען וואַקסן... געוואַקסן, זיך דערצויגן אין איינס אַ הי־לענדיש שטעטעלע.

דאָס שטעטעלע זייערס — ווי די מערסט היגע יידישע שטעטאַלאַך: אַ פּי־צינקס, אַ בלאָטיקס; מיט שמאָלע, געדרייטע געסלקעס; מיט הילצערנע, הויקערדיקע שטיבאַלאַך; מיט אַ היפּשן פּירעקיקן מאַרק. פון איין זייט מאַרק — אַ ווייסער קלויסטערל, אַ באַרינגלטער מיט ציכטיק־ליכטיקע בעריאַזעס. פון דער צווייטער זייט — אַ פּאָר מאַכיקע בתי־מדרשים. דערביי — די שטעטלשע באָד, וועלכע

ווערט געהייצט איין מאל א וואך: אלע דאנערשטיק. אהינטערן באד — א פלאך טייכל: א זיגזאגיקס; א ברודיקס, וו שטעטלשע מיידלאך, ווייבער פראלן וועש. און אהינטערן טייכל — א היפשער בארג, אויף וועמענס רוקן ס'עס רוט דאס „ריינע ארט".

שווימען אזוי שטעטלשע יארן, שטילע, גלאסענע, פארמלחמהדיקע. שטעטלשע בעלי־מלאכות — שוסטער, שניידער, שמידן, סטאליארעס, — ארבעטן ביי זייערע פאכן. קרעמער ווידער שטייען אין די קלייטן. מלמדים קנעלן מיט קונדסים. דער רב פסקנט שאלות. און דער טאטע ליבקעס — א טאטע מיט א בכבודער בארד, מיט פרומע אויגן און מיט בלויליך־בלישטשנדיקע חלפים, וואס רוען אין לאנגע, סאמעט־געבעטע שיידן, — מאכט אפט א ברכה אויף א הון, אויף א האן, אויף א קו, אויף א קעלבל און צומאל — אויף א ווילדן, עקשנותדיקן בוהאי...

האט פלוצים א קלאפ־געטאן די מלחמה. אויפגעהויבן אין שטעטלע א מהומה. צעבויטעט דאס גארע איינגעשטעלטע לעבן.

עס האבן זיך אנגעהויבן אומרויקע טעג — פולע מיט זארג, מיט וואלקנדיקע פארגעפילן.

נאכדעם איז געקומען א באפעל ארויסצושיקן אלע יידן, אין משך פון פירונ־צוואנציק שעה.

האט זיך אין שטעטלע אויפגעהויבן א בהלה. מען האט גענומען יאגן אין וועג אריין — צו דער ווייטלאכער באן־סטאנציע. מען האט געיאגט מיט פורן, מיט בוידן, צופוס... און אט איז דער וואקזאל. אט ווארט שוין אן עשעלאן. אט זיצט מען שוין אינעווייניק — אין פארהאקטע „טעפלושקעס". מע פארט. מע טרייסלט זיך. אין דער ווייטער אומבאקאנטער וועלט אריין.

זענען צוזאמען מיטן גארן שטעטלע געפארן אויך זיי: ליבקע, טאטע־מאמע, ברידער־שוועסטער. האבן זיי זיך אזוי אפגעטרייסלט טעג און נעכט. ביז זיי זענען אנגעקומען אין איינער א גרויסער רוסישער שטאט.

אין דער־א שטאט — וואראניעזש — איז זייער לעבן אוועק „אויף קרומע רעלסן". עס איז, ערשטנס, געווען שלים מיט פרנסה. און, צווייטנס, האט מען גענומען אונטערקרענקען. עס האבן געקרענקט די עלטערע, די יינגערע; און א פאר פון זיי, פון די יינגערע, זענען לסוף אוועקגעשטארבן.

נאכדעם — געווען איז שוין די צייט פונעם בירגערקריג — איז געקומען די רייט פונעם טאטן. ער, דער טאטע ליבקעס, דער פרומער שוחט, האט זיין לעבן פארענדיקט גאר שוידערלאך. אים האבן אוועקגעקוילעט די „ווייסע".

געשען איז עס אין איינער א הארבסטיקער נאכט. א נאכט פון שיכרות, פון בלוט, פון פארגוואלטיקטע לייבער, פון אויסגעפליקטע בערד. האבן זיך אין יענער

נאָכט צו זיי אין שטוב אַרײַן אַרײַנגעריסן אַ כאַפּטע באַנדיטן. געשלאָגן גרויס און קלײַן. געפּליקט קישנס, קאָלדרעס. געבראָכן מעבל, געפעס. און לסוף, ביז־גאָר צעחיהטע, אָוועקגעקוילעט דעם טאַטן מיט אײנעם פון זײַנע כשרע, בלויאַד־בלישטשנדיקע חלפים...

קורץ נאָך יענער בלוטיקער נאַכט האָבן זיך די לעבנגעבליבענע צוריקגעקערט אַהיים — אַהער אין לאַנד. עס האָבן זיך דאָן אַהער צוריקגעקערט די מערסט יידישע מגורשים. זיך דאָ באַנײַס אײַנגעאָרדנט, פאַרפעסטיקט. האָט דאָ אויך די מאַמע ליבקעס געגומען עפּעס טאָן: געעפנט אויפן שטעטלשן מאַרק אַ קלײַטל.

אין די מאַמעס געשטאַנען אין קלײַטל. און די קינדער — זיי האָבן שוין גע־האָט פאַרזוכט אין ווייטן וואַראַניעזש „טעם וויסנשאַפט" — האָבן דאָ ממשיך געווען די לימודים. האָט אַן עלטערער ברודער באַזוכט דעם אוניווערסיטעט — אין דער היגער קרױנשטאַט. און די ייִנגערע קינדער, צווישן זיי אויך ליבקע, האָבן זיך געלערנט אין דער שטעטלשער פאָלק־שולע.

האָט ליבקע לסוף געענדיקט די דאָזיקע פאָלק־שולע. אָוועקגעפאָרן אין קרױנ־שטאָט, צום עלטערן ברודער — אַ סטודענט אויפן יורידישן פאַקולטעט.

איז זי אין קרױנשטאָט אַנגעקומען אין אַ העברעיישער גימנאַזיע. געוואָרן אַ גימנאַזיסטקע. דערצו — אַ גאַנצע „באַרישניע". זיך גענומען (צו דרײַצן יאָר) פּודערן דאָס פּנימל, מאַניקירן די נעגל, אונטערציִען די ברעמען, צופאַרבן די ליפּן... און שפּעטער־צו (צו פערצן יאָר) שוין געפירט אַ ליבע, געשריבן אַ טאַגבוך, געחלומט פון פּאַריז...

וואָלט פון איר, מן הסתם, געוואָרן, וואָס פון אַנדערע מיידלקעס: אַ קלײַנ־בירגעריִן, אַ פּוסטעפּאַסניצע, וואָס פירט אַ גרויען, נודנעם לעבן... איז אָבער איר מזל אַן אַנדערער... האָט זי דער מזל אירער אַרויפגעפירט אויפן וועג פון חלוציות.

געשען איז עס אַזוי:

אין גימנאַזיע, וווּ ליבקע האָט געלערנט, האָט זיך גענומען טומלען מיט אײַ־נעם אַ יוגנט־קרײַזל — „פלוגת החלוץ הצעיר". אַ קרײַזל פון יונגיטשקע בחורים, בחורות, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ערנסטע ענינים: לייענען וויכטיקע ביכער; פירן היציקע דיסקוסיעס; חלומען פון פּראָדוקטיווער אַרבעט; און גרייטן זיך צו הכשרה, צו אַ לעבן אין אַ קבוצה, צו אַ חלוצישן המשך אין ארץ־ישראל.

האָט זיך דער־אַ יוגנט־קרײַזל געהאַלטן אין אײַן אויסברייטערן; אַרײַנגענומען אין זיך אַלץ נײַע מיטגלידער; און לסוף, אויך זי, ליבקען.

האָט ליבקע אַנטײַלגענומען אין דעם קרײַזל; געהאַט צו טאָן מיט נײַע חברים. און די דאָזיקע חברים אירע האָבן זיך צו איר באַצויגן גאָר־גאָר אַנדערש — ניט ווי

צו קיין „באַרישניע”; ניט ווי צו קיין „זי”... זיי האָבן זיך צו איר באַצויגן חבריש, פשוט. און די־אַ באַציונג זייערע איז ליבקען שטאַרק געפעלן־געוואָרן. זי האָט גענומען אַנדערש אויף זיך קוקן. איז געוואָרן ערנסטער. האָט זיך אויפגעהערט פּודערן דאָס פּנים, פאַרבן די ליפּן, מאַניקיורן די נעגל, אונטערציען די ברעמען. האָט זיך גענומען שעמען מיטן גאָלדענעם רינגעלע, וואָס איינער אַ גימנאַזיסטל האָט איר געגעבן אַ מתנה...

זי דאַרף מער ניט — אַזוי האָט זי זיך געזאָגט — אַזעלכע מיני שמאַכטעס. זי וויל מער ניט צעטרענצלען איר יוגנט אויף פּוץ, אויף קליידלאַך, אויף קאָקעטעריי...

איז זי געוואָרן מיט יעדן טאָג ערנסטער, באַוווסטזיניקער. ביז זי האָט לסוף באַשלאָסן — צוזאַמען מיט אַ היפּשער כאַפּטע חברים — צו פאַרלאָזן די גימנאַזיע, אַוועקצופאָרן אויף הכשרה.

און אַט איז געקומען דער דאָזיקער טאָג. ליבקע האָט איבערגעריסן די לימודים. פאַרלאָזן דעם זיבעטן קלאַס גימנאַזיע. אַוועקגעפאָרן (אינמיטן לערן־יאָר...) אַהיים. געקומען, געמאָלדן, אַז זי פאָרט אין „גליל”, אין אַ קבוצה, אויף הכשרה, אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

האָט זיך אין שטוב אויפגעהויבן אַ טומל. די מאַמע האָט זיך צעוויינט, צעיעלהט. ברידער־שוועסטער האָבן ליבקען גענומען איינריידן, איבעררעדן:

— וווהין וועט זי עס פאָרן? קען זי דען אַרבעטן פיזיש? לעבן אין אַ קאָלעקטיוו?... און אַז די רייד זייערע האָבן קנאַפּ־וואָס געהאָלפן — ליבקע איז געבליבן שטאַל און אייזן — האָט מען טעלעגראַפיש אַרויסגערופן דעם עלטערן ברודער — דעם געענדיקטן יוריסט.

איז דער ברודער אַנגעלאָפן אַן אויפגעבראַכטער; גענומען קלאַפּן אין טיש:

— עס איז אַ חוצפה צו פאַרלאָזן אינמיטן לערן־יאָר אַ גימנאַזיע!... און דער „החלוץ”, די קבוצה, ארץ־ישראל זענען ניט קיין תכלית!... זאָל זי בעסער, ליבקע, נעמען אַ ביישפּיל פון אים, פונעם עלטערן ברודער. אַט איז ער שוין אַ געענדיקטער, אַן אַדוואָקאַט; פאַרמאָגט שוין אַן אייגענע ביוראָ... קען זי דאָך, ליבקע, טאָן דאָס זעלביקע: ענדיקן אַן אוניווערסיטעט, באַקומען אַ דאָקטער־דיפּלאָם, ווערן גאָר אַן אינזשעניער...

ליבקע אָבער איז געבליבן פאַרעקשנט:

— זי דאַרף ניט קיין דאָקטעריי. זי קלערט ניט פון דיפּלאָמען. זי זעט שוין, ליבקע, אויסגעצייכנט די גליקן פון די „געקאַנטשעטע”. זיי טוען זיך איצט אַרומדרייען פּוסטעפּאַס. רייסן זיך עמיגרירן. ווו נאָר סע לאָזט זיך. מע לויפט קיין אַפריקע, קיין מעקסיקע, קיין טשילי, קיין אורוגוואַי. און אויך אַדאַ גופא, אין

ליבקעס היימשטעטל, זעט זי זיי, ליבקע, די דאַזיקע געענדיקטע. אַ שטייגער: לייזערל, דעם רב׳ס זון; אַ פרישׁ אויסגעבאַקענער יוריסט. איז וואָס־זשע טוט ער דאָ, לייזערל? גאַרניט. זיצט באַנייס אויפן טאַטנס קאַרק. עסט באַנייס בחינמדיקע קעסט... וויל זי דעריבער פונעם ברודערס אַרגומענטן ניט הערן. פאַרט זי דעריבער אין ,,גליל״, אויף הכשרה, אויף לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרבעט.

און אַזוי איז געווען.

ליבקע האָט אויסגעפירט.

ליבקע איז אַוועקגעפאָרן.

און די היימישע אירע האָבן זיך ערב איר אָפּפאָר איבערגעבעטן. וואָרעם זיי קענען זי, ליבקען, אויסגעצייכנט. זיי ווייסן איר עקשנות. זי וואָלט סייווי אַוועקגעפאָרן. אַפילו אַנטלאָפן. ביינאַכט. איז אייז העמד... ווי סע האָט געטראָפן מיט איינער אירער אַ חברטע... האָבן זיך די שטובּיקע איבערגעבעטן. זי נאָך אַרויסבאַגלייט ווי געהעריק. מיטגעגעבן קליידלאַך, עסנוואַרג, געלט. די מאַמע האָט באַנייס געוויינט, געכליפּעט. ברידער־שוועסטער זענען געווען צע־טראָגן... און בלויז זי, ליבקע, האָט זיך געפילט גוט... זיך פריילאַך מיט אַלעמען צעזעגנט:

— שלום!

— להתראות!...

— — — און אַט איז זי אין ,,גליל״, אין איינער פון די גלילשע קבוצות. און דאָס ערשטע, וואָס זי טוט דאָ, — זי אַנדערשט איבער איר נאָמען... זי וויל מער פון איר היימישן נאָמען, פון ליבקע, ניט וויסן. דער דאָזיקער נאָמען אירער דערמאָנט איר אָנעם פּיצינקן היימשטעטעלע, אָנעם שטעטלשן מאַרק, וווּ סע טוען זיך אַרומדרייען פאַרחושכטע יידן, פאַרזאָרגטע יידענעס. טאָפּ־טשען אין בלאָטע; נישטערן אין פויערשע פורלאַך; דינגען זיך ביז צו היי־זעריקייט, ביז צו חלשות איבער אַ צענדליק אייער, איבער אַ בינטל פלאַקס, איבער אַ פּאָר קעזלאַך... דער דאָזיקער נאָמען אירער דערמאָנט איר אָנעם היגן גרויען לענדל — דעם באַזוימטן מיט טונקעלע, מרה־שחורהדיקע האָריזאָנטן... דער דאָזיקער נאָמען אירער דערמאָנט איר אָנעם גאַנצן גלותדיקן לעבן, דעם דלותדיקן, דעם באַדנלאָזן, דעם אויסגאַנגלאָזן... וויל זי פון דעם־אַ נאָמען אירן, מיט וועלן ־מען זי האָט אָפּגעלעבט קאַרגע זעכצן יאָר, מער ניט וויסן. האָט זי דעם ,,ליבקע״ פאַרביטן אויף ,,חביבה״. עס קלינגט עפּעס העלער, האָפּערדיקער, חלוצישער... אָבער מיטן בייטן דעם נאָמען ווערט מען נאָך ניט קיין נייער מענטש. צום

נייעם נאָמען פאַדערט זיך נייער תּוך . . . און דאָס־אָ, נייעם אינהאַלט, האָט חביבה צוביסלאַך געפונען אינעם קבוצהשן לעבן, אין דער גייסטיקער און פיזישער הכשרה.

אינאַנהויב איז איר דאָס לעבן אין קבוצה, די אַרבעט אין פעלד געווען ניט־גרינג. די קבוצהשע חברים אירע האָבן זיך צו איר באַצויגן קאַלטלאַך, מיט ווייניק צוטרוי. מען האָט פון איר, דער גימנאַזיסטקע, אָפּגעחוזקט; קריטיקירט איר אַרבעט:

— זי האַלט דעם רידל ווי אַ מלמד . . .

— מיט אַזעלכע פינגער, ווי אירע, — בלאַסע, דינע, איידעלע, — איז גוט בלויז קלאַוויר־שפּילן . . .

חוץ דעם, האָט חביבה׳ אויפן מאַיאַנטעק, וווּ זי האָט דאַן געאַרבעט, געהאַט אויסצושטיין פונעם פּריצ׳ס אינספּעקטאָר. אַ ריזיק־הויכער יעקע. מיט אַן אָנגעגאָסענעם קאַרק. מיט אַ בולדאַגישן פּרצוף. מיט אַ פּאָר שטעכיקע קוקערס. אַ מיאוסע בריאה. אין גלאַנציקע שטיוואַלאַך. מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט . . . אַן אָנגעפּרעסענער נפש, וואָס טוט זיך גאַנצענע טעג אַרומדרייען צווישן פּראַצעווענדיקע „לאַנדקנעכט׳׳; האַלט זיי אין איין יאָגן, אין איין אונטערטרייבן:

—אימער שנעלער !

— אימער פאָרווערטס ! . . .

האָט זיך דער דאָזיקער יעקישער אינספּעקטאָר צו איר, צו חביבהן, צוגעטשעפּעט. זי געגומען צושטעלן צו סאַמע שווערסטע אַרבעטן. זיך דערביי רציחהדיק געבייזערט:

— דאָנערוועטער !

— סאַקראַמענטאָ ! . . .

נאָכדעם — געווען איז שוין העכער אַ חודש פון זינט חביבה האָט גענומען אַרבעטן — האָט זיך צו איר צוגעטשעפּעט אַ נייע אָנשיקעניש: „הכשרה׳׳ . . . אַ „חלוצישע׳׳ קרענק אַזאַ . . . מע שטעקט זיך אַן מיט דעם אין אומהיגיענישע קיי־שטאַלן, פערד־סטאַדאַלעס. די הענט, די פיס, דאָס גאַנצע לייב ווערן באַדעקט מיט פרישטשיקלאַך. עס בייסט מוראַדיק. מע מוז זיך כסדר קראַצן . . . האָט זיך אויך חביבה אָנגעשטעקט מיט דער־אָ „הכשרה׳׳. באַדעקט־געוואָרן מיט געשווירן. זיך געמוטשט אַ לענגערע צייט קראַצן . . . און, נאָך אַלעמען, — זיך ערשט אַרייַנגעלייגט אין שפּיטאָל; אָפּגעלעגן עטלאַכע וואָכן.

— — — האָט גענומען אין „גליל׳׳ פאַרגיין אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ חודש נאָך אַ חודש. זענען לסוף אַוועק פירונצוואַנציק חדשים. צוויי קיילאַכדיקע יאָר. צוויי יאָר אין „גליל׳׳. צווישן טייערע חברים, חברות . . איז חביבה פאַר דער־אָ צייט געוואָרן אַ פולע חלוצה. איר גוף האָט זיך אָנגעגע־

גאַסן מיט קראַפּט, מיט זאַפט. איר פּנים איז געוואָרן פאַרברוינט פון דער זון. אירע הענט, אירע פיס, — פאַרסמאַליעט פון פעלדישע ווינטן... זי איז געוואָרן, חביבה, אויס „באַרישניע״, אויס „גימנאַזיסטקע״. זי איז געוואָרן אַן עכטע פויערטע, אַן אמתע „חקלאית״... זי האָט שוין איצט געאַרבעט באַגלייך מיט די „אַלטע גוואַרדייצעס״ — די געניטע, אויסגעפּרוווטע חלוצים. באַגלייך מיט זיי געזייט, געשניטן, געבונדן, געדראָשן, געמאָלקן קי, געריטן אויף פערד... און ניט בלויז אַרבעטן האָט זיך חביבה אין קבוצה אויסגעלערנט. זי האָט זיך אויך אויסגעלערנט פירן אַ קבוצהשן לעבן: חבריש, געמיינזאַם, קולטורעל... זי איז געוואָרן, חביבה, אַ קולטורנער מענטש. און די חברים אירע האָבן עס גוט באַמערקט. זי געגומען ליב־האָבן. זי געגומען אַלץ מער שעצן. ביז עס איז געקומען פאַריקער פאַר פּסח; זי, חביבה, איז באַשטעטיקט־געוואָרן צו עליה; האָט פאַרלאָזט דעם „גליל״; אוועקגעפאָרן אַהיים — זיך צוגרייטן אין וועג אַריין, קיין „ארץ״...

זענען אָבער דערווייל ניטאָ קיין סערטיפיקאַטן. זיי דאַרפן — אַזוי שמועסט מען — איינגיכן אָנקומען. עס קען אָבער אַמאָל געדויערן. עטלאַכע חדשים. אפשר מער. איז חביבהן שווער־געוואָרן זיצן אינדערהיים; וואַרטן אויפן סערטיפיקאַט. האָט זי אָנגעשריבן דעם מרכז אַ בריוו:

— זי וויל צוריק אין „גליל״, אין קבוצה, — ביז דער סערטיפיקאַט אירער וועט אָנקומען...

האָט זיך דער מרכז ניט געיילט מיטן ענטפער. ווי ס׳ע טרעפט אַמאָל... איז זי אַליין אַראָפּגעקומען אין שטאָט. אויסגעפּועלט ביי די מרכזניקעס אַ צוריקרייזע אין „גליל״ — ביז דער סערטיפיקאַט אירער וועט אָנקומען. פאָרט זי איצט צוריק אין „גליל״. אָט וועט יוסף מאָרגן פרי דערזען דעם דאָזיקן „גליל״...

קאַפּיטל אַכט

דער „גליל".

באלד ווי דער צוג פארלאזט די סטאנציע ק., אין דער ריכטונג פון דער אל־טער דייטשישער פארט־שטאט מ., נעמט זיך די לאנדשאפט בייטן.

עס פארשווינדן די פלאכע, זאמדיקע פעלדער — באדעקטע דא, דארט מיט שטרויענע דערפאלאך, מיט שינדלדיקע שטעטלאך.

עס פארשווינדן די קרומע, צעהויקערטע שליאכן — באוואכטע דא, דארט מיט אלטע, איינגעבויגענע צלמים.

עס ווערן ערגעץ נעלם די צעשויבערטע בעריאזע־וועלדלאך.

עס באגעגענען זיך מער ניט פויערים אין לייוונטענע מלבושים.

עס טרעפן זיך מער ניט דארע בהמהלאך — מיט איינגעפאלענע קליבעס, מיט טארבעדיקע אייטערס.

עס זעען זיך מער ניט קורצגעוואקסענע פערדלאך — מיט ארויסשטארטשנ־דיקע ריפן; מיט שיטערע ווידלען.

עס ווערט ערגעץ פארשוווּנדן דאס גארע איינטאניקייט פון א קליין לענדל — א מאגערס, א באזוימטס מיט גרויע, מרה־שחורהדיקע האריזאנטן.

און עס נעמען זיך באווייזן נייע לאנדשאפטן — גלעטנדיקע דאס אויג מיט א פילקאליריקער צעווארפנקייט.

עס באווייזן זיך:

זארגעוודיק באארבעטע פעלדער — גרינטלאך צעקעמטע; סימעטריש צע־קעסטלטע; פארזייטע מיט גילדערנעם ווייץ, מיט בראנזענעם קארן, מיט האבער און גערשטן, מיט ריבן און קארטאפל, מיט אנדערע תבואות און ירקות.

עס באווייזן זיך:

ברייטע שאסייען — גראדע, גלאטגעפלאסטערטע, באוואכטע מיט רייען עפל־ביימער, בארנביימער, פלוימענביימער.

עס לויפן אן:

צארט־געבאליעטע בעריאזעס; הויכע, שלאנקע סאסנעס; געדיכט צעצווייג־טע דעמבעס, קליאנען.

סע שווימען פארביי:

דופטנדיקע סעדער — שפּעדיק באַשטעקטע מיט פּרוכט.
סע שווינדלען אָדורך:
רייכע מאַיאַנטקעס — איינגעטונקטע אין גרינס; מיט ווייסגעקאַלכטע, רויט־באַדאַכטע פּאַלאַצלאַך. מאַיאַנטקעס, באַאַרבעטע מיט דער הילף פון נייסטע מאַשי־נעס. מאַיאַנטקעס, ווו קו און פערד, עוף און חזיר זענען פעט, אויסגעקאָרמעט; און מענטש, רייכער דייטשישער פריץ, לעבט זיך רויק, זאָרגלאָז; לעבט זיך אויפן חשבון פון הונדערטער ניכנעדיקע „לאַנדקנעכט".
דער צוג אײַלט דאָ צווישן גערעטן אויפגעגאַנגענע תבואה־פעלדער; צווישן הויכע, גלייכע וועלדער־וועגנט. סע שווימען אַפּט אַן קלייניקע באַן־סטאַנציעלאַך — מיט ציכטיקע וואַקזאַלכלאַך; מיט העפלאַכע, ווילהעלמיש באַוואַנצטע וואַקזאַל־שעפן.
דער צוג יאָגט דאָ מיט אַ האַפּעדיקן ריטם; וויגט זיך; טראַסקעט; און נענטערט זיך צום ים — צו די באַלטישע, געזאַלצענע, בלוילאַך־גרינלאַכע וואַסערן.
אַט אַדעם־אַ הויך־קולטיווירטן ערד־פאַס (ביי די ברעגעס פונעם באַלטישן ים);
אַט אַדעם־אַ שפּעדיק צעפּרוכפּערטן פלאַכלאַנד האָבן עס די חלוצים פונעם היגן לענדל באַקרוינט מיט אַן ארץ־ישראלדיקן נאָמען:
דער „גליל".

דער „גליל".
אַמאָל, אין די פאַר־מלחמהדיקע יאָרן, האָט דער דאָזיקער קאַנט געהאַט באַ־לאַנגט צו מזרח־פּרייסן. האָט דאָ דער מיזאַמער דייטש באַאַרבעט זיינע פעלדער, באַוווינט זיינע שטעט, געגעסן זיין ווורשט, געטרונקען זיין ביר, געדרייכערט זיינע ציגאַרן; באַזוכט זיינע הויכע, שמאָלע גאָטישע געבעט־הייזער; געדינט געטריי דעם האַר אין הימל און דעם „קאַיזער" אויף דער ערד.
האָט אַ קלאַפּ־געטאָן די מלחמה.
דעם קאַיזערס געטרייע חיילות זענען אַוועק פאַרטיידיקן דאָס פאַטערלאַנד. אַוועק זיך שלאָגן מיטן שונא. מיטן רוס, מיטן פראַנצויז, מיטן ענגלענדער. אַוועק־מאַרשירט (געפירטע פון גאַוהדיקע יונקערס — זינדלאַך פון זאַטע פּריצים, פון בייכיקע פאַבריקאַנטן) מיט ריטם אין טראַט, מיט געזאַנג אין מיילער, מיט „דויטש־לאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס".
האָט אָבער דער „קאַיזער" פאַרשפּילט דעם קריג. קאַפּיטולירט צו די שונאים זיינע. און זיי, די זיגער, האָבן גענומען צעפּליקן זיין לאַנד. אָפּגעריסן פונעם לאַנד זיינעם איין שטיק נאָכן אַנדערן. אָפּגעריסן און צעטיילט, אָפּגעריסן און

צעחלקט. האט מען לסוף אפגעפליקט אויך אט דעם־א ערד־פאס — א מתנה דעם קליינעם בשכנותדיקן לענדל:

— האב אויך דו א פעטערן ביסן!

— האב אויך דו „א צוגאנג צום ים״!...

האט זיך דאס קליינע, מאגערע לענדל שטארק דערפרייט מיטן דאזיקן קול־טיווירטן ערד־פאס. זיך גענומען מיט דעם צאצקען, קרוינדלען. גענומען אהער אריינשיקן — פון אלע לאנד־ווינקלען — טויזנטער בירגער. האבן זיך דאן אהער אוועקגעלאזן (פון קליינינקע, פארווארלאזטע שטעטאלאך; פון ארעמע, קליינקרע־מערשע טאטע־מאמע; פון א גלותדיק, באדנלאז לעבן) אויך חלוצים. זיך אוועק־געלאזן צו א נייער וואר; צו א וואר פון הארטער טאט, פון עקשנותדיקן איבערבוי.

אין דער ערשטער אהער אראפגעקומען (באלד ווי די אלטע דייטשישע פארט־שטאט, מיט איר גארן ארומיקן „געביט״, איז אריבער אין רשות פונעם אויפגע־קומענעם לענדל) דער חבר אפרתי — דער לייביקער, באברילטער מרכזניק. אראפ־געקומען אנקניפן באקאנטשאפט מיט איינפלוסרייכע „ציוניסטיש געזאנענע״ יאהודים. האבן די יאהודים אויפגענומען זייער „אסט־יודישן גלויבנס־גענאסע״ גאר־גאר קאלט. האבן אויף אים געקוקט „פון אויבן אראפ״. האבן זיך סקעפ־טיש באצויגן צו זיינע חלוצישע פלענער — פארשפרייטן דא־הי א נעץ פון חלוצי־שע קבוצות.

דער חבר אפרתי האט זיך אבער ניט געלאזט אנטמוטיקן. האט געהאלטן די אייז־קאלטע יאהודים אין איין צעווארעמען. זיי צעווארעמט מיט זיין אימפעטיקן טעמפעראמענט, מיט זיין רעדנערשן טאלאנט... ביז ער האט זיי „געוואונען״ פאר דער „אסט־יודישער״ חלוצים־באוועגונג.

די יאהודים האבן אים דאן באזארגט מיט רעקאמענדאציע־בריוו צו באקאנטע, ארומווינענדיקע פריצים — רייכע דייטשישע גוטבאזיצער. און די דאזיקע יעקעס זענען באלד געווארן „פריינט פונעם ציוניזם, פונעם חלוציזם״. בפרט, ווען עס מאכן זיך ביליקע ארבעט־הענט: די חלוצים זענען גרייט ארבעטן פארן קלענסטן לוין; אבי זיך אויסלערנען די תורה פון לאנדווירטשאפט; אבי מוכשר־ווערן צו עליה, צו „ארץ״... זענען אויך די יעקישע פריצים געווארן „ציוניסטיש געזא־נען״: גענומען איינלאדן צו זיך אויף די מאיאנטקעס יידישע „לאנדקנעכט״. און אזויארום זענען דאן אויפן היגן באדן אויפגעקומען די ערשטע צוויי חלוצישע קבוצות.

נאכדעם — דער דערפאלג פון די־א צוויי קבוצות האט זיך צעטראגן איבערן גארן „געביט״; די דייטשישע פריצים האבן געשעפט נחת פון זייערע „יודישע, טיכטיקע לאנדקנעכט״ און די צעווארעמטע יאהודים האבן אין דער אלטער דײי־

טשישער פּאַרט־שטאַט אָוועקגעלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ בית־החלוץ, — איז אַהער אַראָפּגעקומען אַ צווייטער מרכזניק: דער חבר יצחק.

ער איז דאָ באַלד אַוועק איבערן „געביט“. אים אויסגעמאָסטן אינדערלענג־אינדערברייט. אַנגעשפּאַרט ביז די ווייטסטע, פאַרוואָרפנסטע מאַיאַנטקעס. גע־גרינדעט צען נייע חלוצישע קבוצות. און אַזויאַרום האָט זיך פּאַרפעסטיקט דער „גליל“. אַ „גליל“ פון צוועלף חלוצישע קבוצות (ווי אַמאָל, אין מדבר, די צוועלף יידישע שבטים...). יעדע קבוצה — מיט איר נאָמען און צונאָמען. יעדע קבוצה — „אויף איר מחנה און פאַן“. צוועלף חלוצישע קבוצות, באַנאָמענטע מיט די נעמען פון די מאַיאַנטקעס, וווּ די־אַ קבוצות געפינען זיך:

יאַקן,
דומפּן,
קישקין גערגע,
קאַלאַטן,
פּרעקולן,
לומפּענען,
עקיטן,
מעדיקן,
גרוימען,
שאַטעלן,
לאַפּינין,
פּאַלאַמפּן.

... ציען זיך ברייטע, גראַדע, גלאַטגעפּלאַסטערטע שאָסייען, שניידן דורך זאַרגעוודיק באַאַרבעטע פעלדער און — שנירלען זיך אַריין אין דער אַלטער דייטשי־שער פּאַרט־שטאַט מ.

ליגט זיך די אַלטע דייטשישע פּאַרט־שטאַט אַ צעחלקטע אויף זויבערע גאַסן, אויף ציכטיקע מערק, אויף רחבותדיקע האַלעס. ליגט זי זיך, די אַלטע דייטשישע פּאַרט־שטאַט (אַ באַבויטע מיט וווינונגען, מיט בענק, מיט שולעס, מיט קינאָס, מיט געבעט־הייזער, מיט תפיסות, מיט שפּיטעלער, מיט פאַבריקן, מיט געשעפטן, מיט רעסטאָראַנען) און בליקט זיך אַרויס צו די בלוילאַד־גרינלאַכע וואַסערן פונעם באַל־טישן ים.

הויכט זיך אויף איינער פון די שטאָטישע גאַסן אַ דריישטאָקיקער בנין — אַ ברייטצעשטרעקטער, מיט אַ „מזרחדיקן“ דאַך; אַ בנין — אַ גר צווישן אַלע אַרו־מיקע בנינים; אַ בנין — אַ פרעמדער מיט זיין ווייס־בלויער געפאַרבנקייט, מיט

זיינע אכט ריזיקע קוואדראטנע אותיות, וועלכע האלטן אין איין אראפלויכטן פון איבער זיין הויכן און ברייטן אריינגאנג:

בית־החלוץ.

ווערט דא, אין „גליל״, דערציילט די געשיכטע פונעם דאזיקן בית־החלוץ, אז ערד, אזוי:

באלד ווי די צעוואַרעמטע יאהודים האבן אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט פאר דער־א געביידע, האט זיך פאַרינטערעסירט אין דער דאזיקער אונטערנעמונג דער אלטער הער יאקאבזאן זעלבסט. ער, דער דאזיקער הער יאקאבזאן (איינער פון די רייכסטע, חשובסטע תושבים אין מ.; א הויכער, שלאנקער יאהודי, מיט א לאנ־גער, זויבערער, שניי־ווייסער בארד) האט זיך מיט זיין גארער יאהודישקייט אריינ־געווארפן אינעם אויפבוי פונעם בית־החלוץ. ער איז געווארן מיט יעדן טאג אלץ וויניקער מערב־ייד און אלץ מער „אסט־יודע״. ער האט זיך מיט יעדן טאג אלץ מער צעוואַרעמט. ער האט טאגטעגלאך גענומען אראפקומען אויף דער שמאלער, געדרייטער, ניט־איבעריק זויבערער שלאכטערשטראסע. גענומען דא „מיט די אייגענע אויגן״ אכטונג־געבן אויפן זיך־בויענדיקן בנין. געקומען אהער מיט אלץ נייע עצות, אנווייזונגען. אראפגעקומען צומאל גלאט אזוי: זיך ארומדרייען א ווײלע ארום דעם אנגעוואלגערטן געהילץ; ארום די אנגעשטעלטע צעמענט־זעק־לאך; ארום די אנגעלייגטע ציגל־רייען; ארום די וואפנע־קאסטנס, די הויכע ריש־טאוואניעס, די פארקאלכטע ארבעטער, דעם גארן הארמידער פון א בנין, וואס האלט זיך אין בויען.

און דער בית־החלוץ האט זיך געבויט. זיך געריסן אינדערהויך. זיך גע־שטרעקט אינדערברייט. געוואקסן לויט די אנווייזונגען פונעם אלטן הער יאקאב־זאן. און אויסגעוואקסן א וואונדערלאכער בנין. א צעטיילטער אויף רחבות־דיקע שטאקן. א צעקעסטלטער אויף הויכע, געררוימע, פילפענצטערדיקע צימערן. א באזארגטער מיט א זעלטענעם מטבח. א באווארנטער מיט די מאדערנסטע איינ־ריכטונגען.

נאכדעם — דער גארער בנין איז שוין געווען פארענדיקט — האט זיך דער אלטער הער יאקאבזאן א נעם־געטאן צו זיין אויסשטאטונג. אנגעקויפט א שלל בעטן, טישן, שטולן, שאפעס. זיי געלאזט צעשטעלן אין אלע צימערן. באהאנגען די הויכע, ברייטע פענצטער מיט לאנגע, טיולענע גארדינען. באפוצט די וויס־בלויע ווענט מיט פארטרעטן פון ציוניסטישע פירער, פון העברייישע און יידישע שרייבער. געלאזט אויך אויפמאלן איבערן אריינגאנג אין גרויסן זאל פאר פאר־זאמלונגען א ריזיקן דריי־ווערטערדיקן לאזונג — א הייס באליבטן ביי די חלוצים:

העבודה היא חיינו...

נאכדעם — אלע צימערן זענען שוין געווען באשטאט, באווארנט, — האט

זיך דער אַלטער הער יאַקאָבזאָן אַ נעם־געטאָן צום מטבח.

— אַ גוט איינגעאָרדנטע קיך, אַ באַזאָרגטע מיט אַלעם נויטיקן, — אַזוי האָט ער אָווטאָריטעטנע דערקלערט — איז איינס פון די וויכטיקסטע לעבנס־באַדינגונגען... דאַרף מען דעריבער דעם חלוצישן מטבח ווי געהעריק באַזאָרגן, באַוואָרענען.

האָט דער אַלטער הער יאַקאָבזאָן אַנגעקויפט אַ שלל טעפּלאַך, פענדלאַך, טשייניקעס, גלעזער, לעפל, מעסער, גאָפּל, זעלצערלאַך — — — און אַ מאַשינקע אַזאַ אויף שניידן מיט איר ברויט. און אַ שעפל אַזאַ אויף וויקן דערין פלייש. און ברעטלאַך אַזעלכע צו האַקן אויף זיי פּאַרפל, צו בראָקן אויף זיי לאָקשן...

נאָכדעם — אויך דער מטבח איז שוין געווען באַוואָרנט — האָט זיך דער אַלטער הער יאַקאָבזאָן אַ נעם־געטאָן צום סאַמע עיקר: באַזעצן דעם בית־החלוץ מיט „אַ שטאַטישן קיבוץ”, פון שטאַטישע פאַכלייט: שלאָסער, בוי־אַרבעטער, עלעקטרא־מאָנטיאָרן, קראַנקנשוועסטער — — — האָט דער אַלטער הער יאַקאָבזאָן באַזאָרגט די דאָזיקע בחורים, בחורות מיט אַרבעט־ערטער. און איינע אַ הכשרה־ניצע איז געוואָרן די אויפזעערין איבערן גאַנצן בית־החלוץ; אים גענומען האַלטן ריין, אויפגעקליבן, איז אַ היימישער, געמיטלאַכער אַטמאָספערע. און פון דאַן אָן איז דער בית־החלוץ געוואָרן דער צענטער פונעם גאַנצן „גליל”, דער הויפּט־נערוו פון אַלע צוועלף גלילישע קבוצות. געוואָרן דאָס אָרט, ווו עס טוען זיך צונויפקלייבן (אויף פגישות, אויף ועדים, אויף שימחות, אויף באַנקעטן) אַלע גלילישע הכשרהניקעס. און געוואָרן אויך דאָס אָרט פאַר יעדן נייעם חבר, חברה (וועלכע קומען אַראָפּ אין „גליל” אויף הכשרה) צו באַקומען דעם ערשטן חלוצישן קבלת־פנים, דעם ערשטן חלוצישן מאַלצייט און דעם ערשטן חלוצישן נאַכטלעגער.

קאַפּיטל נײַן

דער חבר אברהם, דער גלילשער "מורה נודד", װעמען יוסף האָט געדאַרפֿט פֿאַרבײַטן, איז געװען אײנער פֿון די חשובֿסטע חלוצים אין לאַנד. ער איז שױן געװען ניט קײן יונגער, האָט פֿאַרמאָגט אַן ערנסטן פּנים; קלוגע, דורכנעמענדיקע אױגן; אַ לאַנגן, עטװאָס אײַנגעבױגענעם גוף; און אַ היפּש ביסל זילבער אינעם שװאַרצן צעקודלטן קאָפּ.

צו דער אידייע פֿון חלוציות איז אברהם געקומען זײַער פֿרי, נאָך פֿאַרן קריג. דאָס היגע לאַנד איז נאָך דאַן געװען אַ טײל פֿון דער גרױסער רוסישער אימפּעריע. פֿון קײן חלוצישער באַװעגונג האָט מען נאָך אין די היגע קאַנטן ניט געהאָט גע־הערט. איז אברהם געזעסן אינדערהײם (אין אַ פּיצינק שטעטעלע, בײַ אַ טאַטן אַן אָרעמען האַלצהענדלער, אַ משׂכּיל); געלײענט העברײיִשע ביכער; און געחלומט פֿון דער יונגיטשקער קבֿוצה דגניה, װאָס בײַם ברעג פֿונעם װײַטן װוּנדערלאַכן כּנרת.

שפּעטער מיט עטלאַכע יאָר, עס האָט שױן געבושעװעט די מלחמה, איז אברהם געװאָרן אַ "חלוץ בפּועל". געװען איז עס אױף דרום־אוקראַינע, װוּ אברהם, טאַ־טע־מאַמע און אַן אײנונײַנציק שװעסטער זענען מגולגל געװאָרן אַלס "בעזשענ־צעס".

אין יענער אומרויִקער צײַט האָט שױן אברהמס טאַטע מער ניט געהאַנדלט. די מאַמע װידער האָט אַפּט אונטערגעקרענקט. און אין שטוב בײַ זײ האָט גע־הערשט נױט. איז אברהם אַװעקגעפֿאָרן אױף אַרבעט, אַלס באַטראַק, אין אײנער אַ נאָענטער ייִדישער קאָלאָניע. ער האָט דאָ זײַער שװער געפּראַצעװעט און געשיקט אַהײם די מערסט פֿון זײַן קאַרגן פֿאַרדינסט.

עס איז אַזױ אַװעק אַ שטיק צײַט. עס האָט אױסגעבראָכן די רעװאָלוציע. עס איז פּראָקלאַמירט געװאָרן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע. עס האָט אַ װאַקס־געטאָן אַ חלוצישע באַװעגונג — גענומען אַרומכאַפּן טױזנטער הערצער, מוחות. אין דער קאָלאָניע, װוּ אברהם האָט געאַרבעט, זענען צוגעקומען נײַע ייִדישע באַטראַקעס — חלוציש געשטימטע, פֿון אַרומיקע שטעט און שטעטלאַך. איז אברהם געפֿאַלן אױף אַ פּלאַן: אָרגאַניזירן אַ קבֿוצה.

די־אָ קבוצה — די ערשטע קבוצה, וואָס אברהם האָט אָרגאַניזירט — איז איינמאָל באַזוכט געוואָרן פון יוסף טרומפּעלדאָר. ער, טרומפּעלדאָר, איז דאַן אַרומגעפאָרן איבערן אויפגעשטורעמטן לאַנד. האָט וועראַבירט חברים פאַר דער יונגער חלוצישער באַוועגונג. האָט באַזוכט ערטער, וווּ חלוצישע קעמערלאַך זענען שוין געווען טעטיק. איז ער אין איינעם אַן אַוונט אַראָפּגעקומען צו אברהמען אין קבוצה. אַ נאַכט אַ גאַנצע פאַרבראַכט מיט חברה. דערציילט פון דער „תנועה". געזונגען לידער, ניגונים. און גאַנצפרי — אַן אַרויסבאַגלייטער פון זיין פּאָר פאַרליבטע אויגן, — אַוועקגעפאָרן.

טרומפּעלדאָרס באַזוך האָט אברהמען שטאַרק דערמוטיקט. ער האָט זיך מיט נייעם אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. האָט אָרגאַניזירט אַ צווייטע קבוצה, אין אַ צווייט, בשכנותדיק קאָלאָניע, ווו עס איז אַראָפּגעקומען אַרבעטן זיין איינונייינציק שוועסטער.

די צייט איז דערווייל געפלאָסן. אברהם האָט שוין געהאַלטן ערב צוזאַמענ־שטעלן אַ דריטע קבוצה. האָט זיך צעפלאַקערט דער בירגערקריג. אוקראַינע איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט באַנדעס. די באַנדעס האָבן גענומען בושעווען אויך אין די יידישע קאָלאָניעס. און די פּאָר קבוצות, וואָס אברהם האָט אָרגאַניזירט, זענען לסוף צעפאַלן געוואָרן.

אַ שטיקל צייט נאָכדעם איז שוין אברהמס משפחה געווען צוריק אין דער אַלטער היים — אינעם היגן לאַנד. זיי האָבן זיך באַנייס באַזעצט אינעם קליינעם היימשטעטל און אברהם האָט דאָ צוזאַמענגעשטעלט אַ סניף החלוץ; אַ סניף, וואָס איז די ערשטע צייט באַשטאַנען בלויז פון צוויי מיטגלידער: פון אים, דעם חבר אברהם און פון דער שוועסטער זיינער, די חברטע באַסל...

שפּעטער־צו, די היגע חלוצישע באַוועגונג איז ווי געהעריק אויסגעוואַקסן, איז אברהם אַוועקגעפאָרן אין לאַנדווירטשאַפטליכן קאָאָפּעראַטיוו „כבוש". ער איז דאָ באַלד געוואָרן איינער פון די אָנפירנדיקע חברים. האָט דאָ ווי געהעריק אַוועקגעשטעלט די קולטורעלע אַרבעט. האָט פאַרוואַנדלט דעם־אָ „משק עצמי" אין איינעם פון די וויכטיקסטע חלוצישע פּונקטן אין לאַנד.

נאָכדעם, מיטן אויפקום פון „גליל", — אברהם איז שוין דאַן געווען אַ מיט־גליד פון מרכז, — איז ער געשיקט געוואָרן אין „גליל"; אַלס „מורה נודד". האָט ער צוויי יאָר צייט אַרומגעוואַנדערט איבערן „גליל". צעמענטירט די קבוצות. אָנגעפירט מיט די קולטורעלע ענינים. געהויבן דעם חלוצישן מוט, די חלוצישע באַגייסטערונג. און באַליבט געוואָרן ביי אַלע גלילשע חברים.

איצט האָט אברהם באַשלאָסן עולה־זיין.

די שוועסטער זיינע, באַסל, איז שוין לאַנג אין „ארץ" אין עין חרוד. און

אויך אויף אים, אויף אברהמען, ווארט אן ארט אין עין חרוד. איז ער באשטע־טיקט געווארן צו עליה. זיך גענומען גרייטן אין וועג. אפגעווארט בלויז דעם שטעלפארטרעטער זיינעם — דעם נייעם „מורה נודד״: מע דארף אים באקענען מיט די גלילשע חברים, מיטן גלילשן לעבן.

עס איז געווען א בלויער, זוניקער אינדערפרי; אויף מארגן נאך יוסעפס פאר־לאזן די היים.

דער צוג, ווו סע האבן זיך געפונען די פארנדיקע אין „גליל״ חלוצים, חלוצות; אויך יוסף און חביבה, — האט זיך גענומען דערנענטערן צו דער אלטער דייטשי־שער פארט־שטאט מ.

חברה — מען איז שוין געווען פונלאנג אויפגעשטאנען; מען האט שוין אפילו געהאט ארייגעכאפט א פריילאכן, בשותפותדיקן פרישטיק, — האבן זיך גענומען גרייטן צום באלדיקן אויסשטייג.

מען האט צוגעשלאסן קערב, קעסטלאך, טשעמאדאנעס. מען האט פארצויגן „מיילער״ פון אנגעשטאפטע רוקזעק.

די בחורים האבן ארומגעזען זייערע קארטענע הויזן, זייערע כאקינע העמד־לאך: צוגעשפיליעט קנעפלאך, אפגעטרייסלט דעם שטויב.

די בחורות ווידער האבן געבראכט אין ארדענונג די ציצענע בלוזקעס, די לייוונטענע קליידלאך, אין וועלכע מען איז אדורכגעשלאפן (אויף הארטע וואגא־נישע בענק) א צוגישע טרייסלדיקע נאכט.

פוןביידע זייטן צוג האבן דערוויל גענומען יאגן ערשטע פארשטאטישע בנינים. עס האבן געהאלטן אין אייך פארביישווינדלען: קוימענס פון פאבריקן, פון זאוואדן; סקלאדן פון געהילץ, פון קוילן; לאנגע רייען משא־וואגאנעס; שווארצע, פארויכערטע לאקאמאטיוון.

דער צוג האט געיאגט מיט א פארשנעלערטן אטעם. זיך פארגאנגען אין לאנגע, אנזאגנדיקע פייפן. געוויגט־געוואקלט די זיצנדיקע און שטייענדיקע פא־סאזשירן.

יוסף — דער באגאזש זיינער, א היפשער טשעמאדאן, איז שוין געווען באנייס פארפאקט. צוגעשלאסן, — איז געשטאנען ביי איינעם פון די וואגאנישע פענצטער. ארויסגעבליקט אינדרויסן. באטראכט איעדן פארבייאגנדיקן פאבריק־קוימען, איעדע פארביישווינדלענדיקע געביידע. זיין הארץ האט געברויזט מיט דערוואר־טונג. אין אלע זיינע אברים האבן פריידיק צוגעזונגען צום ריטם פון די צוגישע טראסקענדיקע רעדער.

לסוף, נאך א לענגערער יאגעניש, נאך אן עפטערער פייפעניש, האט זיך דער

צוג געגומען האַמעוועז. און, אַ שווער פאַרסאַפעטער, ווי ער וואָלט זיך געהאַט איינגעמידט פון דער לאַנגער, דורך דער נאַכטיקער נסיעה, — געגומען צושווימען צום מ.—ער וואָקזאַל.

מען האָט אויסגעשטיגן.

עס איז געווען גאַנצפרי.

די שטאָט איז נאָך געלעגן אַ פאַרשלאָפענע, אַ פאַרשטילטע.

אויף די קנאָפּ־נאָד באַפעלקערטע גאַסן האָבן געווייעט קילבלאַכע ים־ווינטלאָך.

זיי האָבן זיך אנגעהאַנגען, די ים־ווינטלאָך, אַן טרעפּלאָך פון אַקאַרשט קור־סירנדיקע טראַמווייען.

זיי האָבן זיך אנגעשטויסן אַן טירן, אַן פענצטער פון נאַרוואַס צעעפנטע גע־שעפטן.

זיי האָבן געגלעט די פּנימער, די הענט פון ערשטע גייער, שפּאַצירער.

די באַהאַנגענע מיט געפּעק חלוצים האָבן אַוועקגעשפּאַנט אין דער ריכטונג פונעם גלילשן בית־החלוץ.

די צירים פון די קבוצות — פונלאַנגשוין באַקאַנטע מיט די גאַסן פון דער אַלטער דייטשישער פּאַרט־שטאָט — זענען געגאַנגען אינפאַרויס. און די נייע הכשרהניקעס, באַטרעטנדיק דעם היגן באָדן צום ערשטן מאָל, האָבן נאָכגעשפּאַנט.

יוסף — אַ מאָדנע הייטערער, אויפגעלעבטער, — האָט געשפּאַנט אין איין שורה מיט חביבהן. ער — אַ באַלאָדענער מיטן היפּשן טשעמאָדאַן. זי — אַ באַ־זאַטלטע מיט אַן אנגעשטאָפּטן רוקזאַק. זיי זענען געגאַנגען אין פוס. און יוסף, אַ ביז־גאָר נייגעריקער, האָט דערביי באַטראַכט דעם פרעמדן, טשיקאַווען אַרום.

דערווייל האָט די שטאָט געגומען אויפלעבן. געגומען מער יאָגן, רוישן. מיט טראַמווייען. מיט אויטאָס. מיט וועליסאָפּעדן. מיט פערד־און־וועגענער.

די גאַסן זענען געוואָרן באַפעלקערטער. מיט מאַנסלייט. מיט פרויען. מיט קינדער. די מערסט — בלוי־אויגיקע, בלאָנדהאָריקע.

די גאַסן האָבן זיך געצויגן. לאַנגע. גראַדע. ברייטע. ציכטיקע. איינגע־טונקטע אין פרישן גרינס. מיט רייען גאַטיש געבויטע געביידעס. מיט רייך־פּאַר־פּוצטע געשעפטן — באַזאַרגטע מיט צוציענדיקע שוי־פענצטער.

יוספס נייגעריקע בליקן האָבן זיך אַלע ווייל אויף עפּעס אַנדערש פאַרהאַלטן. דאָ — אויף אַ טשיקאַוו געבויט מויערל; מיט אַ רויט־קאַכלנעם, שטאַרק משופּע־דיקן דאַך. דאָ — אויף אַ ביז־גאָר הויכער, גאָטיש געבויטער קירכע. און דאָ — אויף אַ גלאַט פּאַרקעמטן פּאַרק, מיט יונג באַבלעטערטע ביימער, וועלכע פאַרמאָגן אַלע איינע און די זעלבע גלייך פאַרשאָרענע קעפּ.

אזוי איז פאַרגאַנגען אַ שטיק צייט. ביז עס האָט זיך באַוויזן דער יידישער פּערטל.

דאָ־אָ האָבן זיך גענומען ציען שמאָלע, ניט איבעריק ריינע, ניט איבעריק באַביימערטע געסלקעס. דאָ־אָ האָבן זיך גענומען ווייזן טונקעלע פּנימער, שוואַרצע אויגן, קרומלאַכע נעזן; שילדן מיט פּירקאַנטיקע אותיות איבער אַריינגענג פון געשעפטן; זעקסשפּיציקע מגן־דודס אויף טירן פון געבעט־הייזער.

די חלוצים האָבן אַלץ געשפּאַנט. געשניטן אַ געסלקע נאָך אַ געסלקע. ביז זיי האָבן זיך אַריינגעקירעוועט אין דער שמאָלער, געדרייטער שלאַכטערשטראַסע.

אָט אַדאָ־אָ, אויף דער־אָ „שטראַסע״, נומער זעקס, איז עס ברייטלאַך געשטאַנען — רויק אָפּגעוואַרט די זיך־דערנענטערנדיקע חלוצים — דער הויכער, צעשטרעקטער, אין ווייס און אין בלוי געפּאַרבענער בית־החלוץ.

אין בית־החלוץ האָט געהערשט אַן אינדערפריענדיקע שטילקייט.

די קיבוצניקעס זענען שוין געווען ביי דער אַרבעט. געבליבן זענען בלויז: די חברטע צפּורה, די אויפזעערין אויפן בית־החלוץ; און דער חבר אברהם, דער גלילשער „מורה נודד״.

די חברטע צפּורה — אַ קורצגעוויקסיקע, אַ פולבלאַכע, מיט אַ מאַמעדיקן פּנים, מיט יאַדערדיקע הענט און פיס, — האָט זיך געפונען אין מטבח: זיך געעסקט אַרום טעפּ, אַרום פענדלאַך, אַרום אַן איינגעהייצטן אויוון. און דער חבר אברהם — ער האָט זיך אַפריער מיט אַן אָוונט צוריקגעקערט פון אַ טור איבער די קבוצות — איז נאָך געלעגן אין בעט; אויפן צווייטן שטאָק; אינעם גרויסן „חדר השנה״.

מיטן אָנקום פון די חלוצים האָט זיך די שטילקייט צעטרייסלט. חברה, באַפרייטע פונעם מיטגעבראַכטן געפּעק, האָבן גענומען פאַרפולן אַלע צימערן; האָבן גענומען אַרומהילכן מיט טופּענדיקע טריט, מיט גערייד און געלעכטער.

יוסף, חביבה, — אויך זיי זענען אַוועק שפּאַנען איבער די רחבותדיקע צימערן.

חביבה, אַ פונלאַנגשוין באַקאַנטע מיטן בית־החלוץ, האָט יוספן אַרומגעפירט פון איין צימער אין צווייטן. אים באַוויזן דעם חלוצישן אינוועטאַר: איעדן מעבלשטיק, בילד, כּלי. אים דערביי דערציילט וויאַזוי דער דאָזיקער דריישטאָקיקער בנין האָט זיך געהאַט געבויט.

בינו־לבינו איז דער חבר אברהם אַראָפּ פון בעט. האָט זיך אָנגעטאָן. זיך אָנגעשוכט. אָוועקגעיילט אין וואַש־צימער. און שפּעטער אַ ווײַלע — שוין געשטאַנען אונטן, אויפן ערשטן שטאָק, אינעם גרויסן זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען.

ער איז דאָ געשטאַנען אַ באַרינגלטער פונעם אָנגעקומענעם עולם.

ער האָט געדריקט הענט פון צירים.

ער האָט באַטראַכט פּנימער פון נייע הכשרהניקעס.

ער האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן גאַנג פון דער ניינטער קאָנפערענץ (אויף וועלכער ער האָט, צוליב זיין פּאַרנומענקייט, ניט געקענט פאָרן).

— — — און, בעת אברהם שטייט אַזוי און שמועסט, קומען צו יוסף און חביבה. זיי האָבן שוין באַוויזן אַרומקוקן דעם גאַרץ בית־החלוץ. און איצט קומען זיי צו צום גלילשן „מורה נודד״, צום חבר אברהם.

די „וואַנדערנדיקע לערער״, דער אַלטער און דער נייער, באַקענען זיך.

דער עולם וואָס באַרינגלט זיי, נעמט זיך פאַנאַנדערגיין; נעמט זיך באַנייס צעשיטן איבערן גאַרן בית־החלוץ.

ביז זיי ביידע, אברהם און יוסף, בלייבן די איינציקע אין זאַל.

זיי שטייען איינער אַנקעגן אַנדערן.

זיי באַטראַכטן זיך.

יוסף — ער איז היפּש נידעריקער פון אברהמען — טוט צו אים אַרויפבליקן אַן אומדרייסטער. ער וויל עפּעס זאָגן, יוסף. ער פילט זיך אָבער מאָדנע אָפּ־העגנטיק. ווייס ניט, פונוואָס אַנהויבן, וויאַזוי אַנהויבן.

אברהם ווידער באַטראַכט דעם שטעלפאַרטרעטער זיינעם, דעם נייעם „מורה נודד״, מיט איינעם אַ פאַרשנדיקן בליק.

די דאָזיקע באַטראַכטעניש געדויערט אָבער בליציק קורץ. די אויגן אברהמס ווערן באַלד ווייכער, האַרציקער. דער פּנים זיינער — מילדער, צוגעלאָזענער. און אָט טוט ער אַ נעם יוספן אונטערן אָרעם. נעמט מיט אים אַרומשפּאַנען. נעמט צו אים ריידן — מיט פאַרטרויונג אין שטים:

— ער, אברהם, האָט שוין פון יוספן געהערט. מען האָט אים וועגן יוספן מיטגעטיילט פון מרכז. ער האָט אויך באַקומען — פון חבר יצחק — אַ פּריוואַטן בריוו. אין דאָזיקן בריוו רעכנט יצחק אויס אַלע מעלות יוספס . . . איז טאַקע גוט, וואָס יוסף איז שוין אַ היגער, אַ גלילער. וואָרעם אברהם, ווי יוסף ווייס שוין, מן הסתם, פאַרלאָזט אינגיכן דעם „גליל״. האָט ער דעריבער מיט יוספן פיל פונוואָס צו שמועסן. פונעם מצב אין די היגע קבוצות. פון דער קולטורעלער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, וואָס יוספן שטייט דאָ פאָר צו פירן. וועט זיך דעריבער אברהם שנעל אָפּפאַרטיקן מיט די נייע, נאָרוואָס געקומענע הכשרהני־קעס: זיי צעשיקן אויף אַרבעט, איבער די אַרומיקע קבוצות. מע וואַרט שוין אויף זיי אומגעדולדיק. עס וואַרטן אויף זיי די פריצים: זיי נויטיקן זיך איצט, אינעם פרילינג־סעזאָן, אין מערערע „הענט״. און עס וואַרטן אויך די קבוצהני־קעס. וועט אברהם, כדי איינאָרדענען די־אַ נייע חברים, צונויפרופן אַ זיצונג פונעם היגן „ועד הפועל״. אַזעלכע זיצונגען ווערן דאָ, אין „גליל״, אין בית־

החלוץ, דורכגעפירט אלע שבת. און גראד איצט, אין א מיטן וואכנטאג, געפינען זיך אין בית־החלוץ אלע מיטגלידער פונעם דאזיקן „ועד הפועל״: ער, אברהם, און די גלילשע צירים, די נארוואס געקומענע פון דער נייגטער קאנפערענץ. וועט אברהם צונויפרופן דעם עולם און דורכפירן די־א זיצונג. און באלד נאך דער זיצונג — עולם וועט זיך צעגיין און צעפארן „אהיים״, אין די ארומיקע, נענטערע און ווייטערע קבוצות, — וועלן זיי ביידע, אברהם און יוסף, ווי געהעריק א שמועס־טאן.

דער חבר אברהם האט אפגעלאזט יוספס ארעם. האט א רוף־געטאן איינע א בחורה. זי געפעטן צונויפרופן דעם עולם. אהער־א, אין גרויסן זאל פאר פאר־זאמלונגען. אויף אן עקסטרע זיצונג פונעם גלילשן „ועד הפועל״.

עולם האט זיך גענומען צונויפזאמלען. מען האט זיך אויסגעזעצט ארום איינעם א לאנגן טיש. און די זיצונג האט זיך געעפנט.

עס האט גענומען א ווארט דער חבר אברהם, דער יושב־ראש פון דער זיצונג. ער האט געגומען אויספרעגן איעדן איינעם פון די נייע הכשרהניקעס, פונוואנען ער קומט, מיט וואס ער האט זיך באשעפטיקט אינדערהיים.

נאכדעם האבן גענומען ווערטער אנדערע מיטגלידער פונעם „ועד הפועל״.

נאכדעם האט זיך פארפירט א שמועס וועגן די גלילשע ארבעט־באדינגונגען.

יוסף איז די גאנצע צייט געזעסן אנאזייט, זיך צוגעקוקט צום גאנג פון דער זיצונג, זיך צוגעהערט צום נייעם טשיקאווען שמועס.

די זיצונג האט זיך לסוף געשלאסן. די נייע הכשרהניקעס זענען שוין אלע געווען באזארגט מיט ארבעט־ערטער. און איצט האט זיך עולם גענומען קלייבן „אהיים״ — אין די ארומיקע, נענטערע און ווייטערע קבוצות. מען האט זיך באנייס באלאדן מיטן מיטגעבראכטן געפעק: מיט קערב און קעסטלאך, מיט רוק־זעק און טשעמאדאנעס. מען האט זיך צעזעגנט מיט אברהמען, מיט יוספן און, אייגציקווייז, פארלאכווייז, אינדרייען, אין מערערע גרופקעס, — פארלאזט דעם בית־החלוץ.

לסוף איז צו זיך געזעגענען אויך חביבה. א באזאטלטע מיטן אנגעשטאפטן רוקזאק. א באגלייטע פון א פאר נייע הכשרהניקעס, מיט וועמען זי לאזט זיך איצט צו זיך אין קבוצה — אין „קבוצת פרעקולן״.

— די־א קבוצה — האט זיך חביבה א וואנד־געטאן צו יוספן — געפינט זיך פון שטאט אויף דער צוויינצוואנציקסטער ווארסט. עס פירט אהין א ברייטער שאסיי — א גראדער, א גלאטגעפלאסטערטער, איבער וועלכן סע שפאנט זיך מחיהדיק גוט... איז אט: אין א דריי שעה ארום, ווארעמעס־צייט, וועלן זיי

שוין זיין „אויפן אָרט״. וועלן זיי זיך צומערשט אָפּרוען. נאָכדעם — אָפּעסן וואַרעמעס. און באַלד נאָך וואַרעמעס — אַרויסגיין אין פעלד אַרויס, אויפן צווייטן האַלבן אַרבעט־טאָג, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע קבוצהניקעס. דאַרף מען, הייסט עס, שפּאַנען. שלום, חבר יוסף. להתראות בקבוצת פּרעקוֹלד... זאָל טאַקע יוסף וואָס שנעלער באַזוכן די־אָ קבוצה — איר, חביבהס, גליילשע „היים״.

אין בית־החלוץ איז באַנייס געוואָרן שאַ־שטיל.

די זון — זי איז שוין געשטאַנען הויך אינעם אויסגעבליטן הימל — האָט גענומען העלער אַריינשיינען. האָט זיך צעלייגט איבער די געפאַרבענע דילן, איבערן צעשטעלטן מעבל, איבער די צעהאַנגענע בילדער. גענומען איינהילן דעם גאַנצן בית־החלוץ אין אַ בלענדנדיקן ליכט.

אברהם און יוסף זענען שוין באַנייס געווען אויף די פיס. געשפּאַנט דורך די אָפּגעליידיקטע צימערן. אברהם — אינפאַרויס, צוברומענדיק עפּעס אַ ניגון. און יוסף — פונהינטן, טראַכטנדיק פון דער נאַרוואַס געשלאָסענער זיצונג, קלערנ־דיק פון דער אָקאָרשט אָוועקגעגאַנגענער חביבה.

זיי זענען, אַזוי־אָ שפּאַנענדיק, אַריין אין מטבח. זיך געוואַשן די הענט. זיך צוגעזעצט צום טיש. און די חברטע צפורה — אַ צעהיצטע, אַ פאַרויטלטע, — האָט זיי דערלאַנגט אַ „חלוצישן פרישטיק״: פרישן ברויט מיט הערינג, שוואַר־צע שמעקעדיקע ציקאָריע.

אברהם איז שוין געווען שטאַרק הונגעריק. האָט ער גענומען קייען אויף אַלע ציין. און יוסף — ער האָט שוין אין צוג עפּעס איבערגעביסן — האָט אברהמען צוביסלאַד צוגעהאַלפן. זיך דערביי צוגעקוקט צו דער אַרומיקער, ליכטיקער און זויבערער קיך; צו די שפּיגלדיקע כלים אויף די ווענט; צו דער חברטע צפורה, וואָס טוט זיך אַרומעסקן, ווי אַ געניטע, לאַנגיאָריקע באַלעבאָסטע.

זיי האָבן אַזוי־אָ — איין עסן, איין טרינקען — פאַרבראַכט אַ היפּשע ווײַלע. נאָכדעם — זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, פאַרלאָזט די קיך, אַרויס אינדרויסן, — אין הויף פונעם בית־החלוץ.

דער חבר אברהם האָט דערביי אַהער אַרויסגעבראַכט אַ פּאָר רידלען. האָט איינעם גענומען זיך, דעם צווייטן דערלאַנגט יוספן. און געבעטן אים, יוספן, נאָכ־שפּאַנען.

יוסף — אַ ביז־גאָר נייגעריקער — איז אים נאָכגעגאַנגען.

זיי האָבן, אַזוי־אָ שפּאַנענדיק, דורכגעשניטן די גאַרע לענג פונעם היפּשן הויף. זענען צוגעקומען צו אַ נידעריקן הילצערנעם פּלויט. אין פּלויט איז גע־

ווען אַ קליין טירל. אברהם האָט זי אויפגעמאַכט. אַרייַנגעלאָזן יוספן אין אַ מין גאָרטן. אַליין אַרייַן אין גאָרטן. זיך דאָ אַ רגע אַרומגעבליקט. זיך אַ ריב־געטאָן די הענט. און אַ זאָג געטאָן:

— אָט דעם־אָ גאָרטן וועלן זיי איצט ווי געהעריק באַאַרבעטן. וועלן צעגראָבן די קנאָפּ־נאָר צעגראָבענע ערד. וועלן אויסווירעזן די קוים־נאָר מערקבאַרע בייטן. און פאַרטיפערן די פלאַכע רינאַלאָד, וואָס צעווישן די בייטן.

— — — און אַזוי־אָ, אויסווירענדיק די בייטן, פאַרטיפערנדיק צעווישן די בייטן די פלאַכע רינאַלאָד, האָט דער חבר אברהם פאַרצויגן דעם פונפריער באַשטימטן שמועס.

— דער־אָ גאָרטן — ער האָט אָנגעוויזן אויפן אַרומיקן שוואַרצערדישן באָדן — איז זיין, אברהמס, „שאַפונג״. ער האָט פאַרוואַנדלט דעם־אָ באָדן אין אַ גאָרטן צוליבן קיבוץ בית־החלוץ. די פאַרדינסטן פונעם קיבוץ זענען זייער געמיינע. נויטיקט זיך דער קיבוץ אין זייטיקער הילף. איז אברהם געפאַלן אויף אַ פּלאַן. דער הויף פונעם בית־החלוץ איז אַ היפּש גרויסער. דערצו — אַ לחלוטין פוסטער. וועט אברהם אַפּצאַמען אויף אַ גאָרטן פאַר פאַרשידענע ירקות אַ שטיק בית־החלוץ־הויף.

איז — אָט איז דער גאָרטן. אברהם באַאַרבעט אים איעדן פרילינג. צעגראָבט. צעאַקערט. צעווירעט אין בייטן. פאַרזעצט מיט דער נויטיקער זריעה. גיט אַכטונג אויף דער באַוואַסערונג, אויפן בהדרגהדיקן וווקס פון די פלאַנצן, פון די פּרוכטן. און בעת אברהם געפינט זיך אין וועג, שפּאַנט איבער די קבוצות, פון איין קבוצה אין דער אַנדערער, איז זיך עמעצער פונעם בית־החלוץ מתעסק מיטן גאָרטן. און אַזויאַרום גיט דער דאָזיקער גאָרטן דעם קיבוץ בית החלוץ אַ היפּש ביסל גאָרטנוואַרג: ציבעלעס און רעטאַכער, מערן און בוריקעס, קאַרטאָפל און אוגערקעס, קרויט און אַנדערע ירקות.

חוץ דעם — האָט זיך אברהם פאַרשניטן מיטן רידל אין דער פעטער צעגלאַנצטער גאָרטן־ערד — טוט ער זיך אַפּגעבן מיטן דאָזיקן גאָרטן צוליב נאָך אַ טעם: צוליב דער ליבשאַפט זיינער צו ערדאַרבעט; צוליבן צובונד זיינעם צו לאַנדווירטשאַפט.

אַפריער, ווען אברהם האָט זיך געהאַט געפונען אינעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו „כבוש״, פלעגט ער זיך פאַרנעמען ניט בלויז מיט „תרבות״, ניט בלויז מיט קולטור־ענינים. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט „חקלאות״, מיט ערדאַרבעט. האָט געאַרבעט באַגלייך מיט אַלע כבושער חברים: אין פעלד, אין גאָרטן, אין קי־שטאַל, אין פערד־סטאַדאָלע. קומענדיק אַבער אַהער, אין „גליל״,

אַלס „מורה נודד״, האָט זיך דער קאָנטאַקט זיינער מיט דער ערד איבערגעריסן. ווייל דאָ, אין „גליל״, פאַרנעמט ער זיך, אַברהם, בלויז מיט מוח־אַרבעט. לערנט מיט חברים עברית. אָרדנט איין „פגישות״. פירט אָן מיט אַלע איבעריקע קולטור־רעלע ענינים. טרעפט דעריבער אָפט, אַז ער, אַברהם, פאַרבענקט זיך נאָך זיין פריי־ערדיקער באַשעפטיקונג: נאָכן רידל, נאָכן הייגאָפּל, נאָך דער קאָסע . . . דאָס טרעפט באַזונדערס, ווען ער געפינט זיך אין די קבוצות, וווּ חברה פראַצעווען זייער שווער, ביי אַלערליי לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטן. און בלויז ער, אַברהם, איז דער „גייסטיקער טוער״, דער „מורה נודד״...

פאַרדריסט עס אים.

טוט עס אים וויי.

איצט אָבער, אַז ער באַשעפטיקט זיך מיטן דאָזיקן גרינס־גאָרטן, טוט ער אויף צוויי גוטע זאַכן: אי ער טוט אַרויסהעלפן דעם קיבוץ בית־החלוץ, אי ער פאַר־נעמט זיך (כאָטש אין אַ קליינעם מאַסשטאַב) מיט זיין באַליבטער ערדאַרבעט.

דער חבר אַברהם איז ביי די־אַ ווערטער אַנשוויגן־געוואָרן. אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין איינע פון זיינע הויזנקעשענעס. אַרויסגענומען אַ געקווייטלט טאַשנ־טיכל. זיך אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן פּנים, דעם האַלז און נאַקן. זיך נאָכדעם באַנייס אַ נעם־געטאָן צום רידל און — צום איבערגעהאַקטן שמועס.

— אָבער ניט פונעם ירקות־גאָרטן האָט ער דאָ בדעה צו שמועסן. דער עיקר שמועס קומט ערשט איצט. דאָס איז אַ רייד וועגן יוספס קולטורעלער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט. ער, אַברהם, קען דאָ נאָך, אין „גליל״, פאַרבלייבן צוועלף טעג. אַ פּאָר טעג שפּעטער גייט אָפּ די שיף זיינע; די שיף, וואָס דאַרף אים אָוועקפירן פון גלות, וואָס דאַרף אים ברענגען קיין „ארץ״. וועט ער דע־ריבער צוזאַמען מיט יוספן פאָר די־אַ צוועלף טעג באַזוכן אַלע צוועלף גלילשע קבוצות. כדי יוסף זאָל זיך ווי געהעריק באַקענען מיט אַלע היגע הונדערט און פופציק הכשרהניקעס.

חוץ דעם, באַזוכנדיק די קבוצות, וועלן זיי אויך „אָפּשטאַטן וויזיטן״ די דייטשישע און יידישע פּריצים, אויף וועמענס מאַיאָנטקעס די חלוצים אַרבעטן. זאָל זיך יוסף באַקענען מיט די־אַ פּריצים. אים וועט שפּעטער אויסקומען צו האָבן מיט זיי צו טאָן.

און איצט, רעדנדיק פון די היגע פּריצים, מיט די מאַיאָנטקעס זייערע, לוינט אַ באַריר־טאָן דעם מצב פון דער היגער פּוילישער הכשרה.

אין דער־אַ הינזיכט זענען די היגע מאַיאָנטקעס ניט „איינע און דיזעלבע״.

פאַראַנען דאָ מאַיאָנטקעס, וווּ די חלוצים פראַצעווען זייער שווער, באַגלייך מיט די דייטשישע לאַנגיאָריקע „לאַנדקנעכט״. אַ שטייגער, דער מאַיאָנטעק

„יאקן". דער פריץ פונעם דאזיקן מאיאנטעק — מע רופט אים הער מיללער — איז אַ שטרענגער יעקע. דערצו — אַ געוואלדיקער עקספּלואַטאַטאר. פון די דייטשישע „לאַנדקנעכט" זיינע האַלט ער אין איין שינדן די הויט. און חלוצים פאַרלאַנגט ער תמיד הויכגעוויקסיקע, ברייטפּלייציקע, אייזנפעסטע... זיינער אַ „לאַנדקנעכט" — אַזוי דערמאַנט ער שטענדיק אברהמען, וועט ער, אברהם, קומט צו אים צוליב עפּעס, — מוז זיין הויך און ברייט; באַדאַרף אַ סך „פּרעסן" און אַ ים אַרבעטן... באַשטייט טאַקע די גאַרע „קבוצת יאקן" פון לויטער הויכע און ברייטע חלוצים. און זיי רופן זיך צוליב דעם אין „גליל" מיט אַ טרעפלאַכן צונאָמען:

„יאַקינער גרודניקעס"...

ווידער זענען דאָ פאַראַן מאַיאַנטקעס, אַ שטייגער, „דומפּן", ווו די אַרבעט־באַדינגונגען זענען נישקשהדיקע. דער דומפּענער פריץ — מע רופט אים הער אייטמאַן — איז אַ צוגעלאָזן מענטשל. ער איז צו זיינע דייטשישע „לאַנדקנעכט" ניט שלעכט. ער באַציט זיך אויך פריינטלאַך צו די יידישע „לאַנדקנעכט". און אים אַרט ווייניק־וואָס, אַוואָסערע „יודכענס" עס אַרבעטן ביי אים: הויכגעוויקסיקע, אַדער קליינגעוויקסיקע, אייזנפעסטע, אַדער שוואַכערע... געפינען זיך טאַקע די מערסט קליינינקע און שוואַכינקע גליל־ניקעס אין דער־אַ „קבוצת דומפּן". און זיי רופן זיך צוליב דעם אין „גליל" מיט אַ פּאַסיקן צונאָמען:

„דומפּענער ליליפּוטן"...

און אַזוי — מיט אַלע איבעריקע קבוצות. איעדע קבוצה — מיט איר באַזונדערן פריץ, מיט אירע ספּעציפישע אַרבעט־באַדינגונגען. איז גוט, אַז יוסף, דער נייער פאַרשטייער פון דער חלוצישער „צענטראַלינע", זאָל זיך נענטער באַקענען מיט יעדן היגן פריץ, מיט יעדן היגן מאַיאַנטעק. אים וועט עס שפּעטער צונוצקומען. ער וועט אַזויאַרום בעסער וויסן, אין וואָסער אַ קבוצה איינאָרדענען נייע הכשרהניקעס, אַדער איבערבייטן אַלטע.

און איצט — וועגן אַ צווייטער פּראָבלעם: וועגן מצב פון דער היגער גייסטיקער הכשרה. אין דער־אַ הינזיכט לוינט זיך יוספן פאַרגעדענקען פאָלגנדעס:

איעדן יאָר בייטן זיך אין „גליל" איבער די מערסט הכשרהניקעס. די אַלטע ווערן באַשטעטיקט צו עליה, זענען לסוף עולה. און די ערטער זייערע ווערן פאַרנומען פון נייע — געשיקטע פון מרכז, פון די סניפים. איז אַט: צווישן די־אַ נייע הכשרהניקעס זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע זענען נאָך קנאַפּ־וואָס באַהאַוונט אינעם מהות פון חלוציות, וועלכע זענען נאָך קנאַפּע חלוצים. עס קומען אַפט אין „גליל" ווייניק צוגעפּאַסטע חברים, חברות. ווערן דאָ אַזויאַרום „וועלטן פאַר זיך". נעמען שטערן דעם נאָרמאַלן קבוצה־גאַנג. באַווירקן שעדלאַך אַנדערע

חברים — — — דאַרף דעריבער יוסף, דער „מורה נוהד״, שטיין „אויף דער וואַך״. דאַרף זיך געפינען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אַלע צוועלף קבוצות. דאַרף איבערדערציען איעדן גליל'ניק באַזונדער. איבערהויפּט, דעם נייעם, ווייניק באַוווּסטזיניקן עלעמענט.

ווידער וועט דאָ יוסף אויסקומען זיך אָפּגעבן מיטן קיבוץ בית־החלוץ. די־אָ קיבוצניקעס זענען אין „גליל״ פאַררעכנט פאַר „אינטעליגענטן״, פאַר געניגטע צו „בורזשואַזע זאַמאַשקעס״. אין דער־אָ פאַררעכענונג איז טאַקע פאַראַן אַ טייל אמת. וואָרעם דער קיבוץ בית־החלוץ איז אַ שטאָטישער. ווערט ער באַווירקט (ווילנדיק, צי ניט־ווילנדיק) פונעם שטאָטישן לעבן. פירן זיך טאַקע די קיבוצניקעס היפּש „אינטעליגענט״: טראָגן (אַפילו אינדערוואָכן) „דגים מלוחים״; פּרעסן זיך צו אָפט די הויזן; פּוצן זיך צופיל די שיך...

דאָס אָבער איז ניט אַזוי סכנהדיק. שלימער איז אין אַנדערע הינזיכטן. די שטאָט מ. איז אַ בית־גאָר „מאָדערנע״; פאַרמאָגט אַלערליי „מאָדערנע פאַרווייליגונגען״: קינאָס מיט ביליקע „בילדער״; קאַווע־הייזער מיט קליינבירגערלאַכע פּוסטעפּאַסניקעס; פּאַרקן, וווּ מע שפּילט „לייכטע״ מוזיק. היינט איז דאָ פאַראַן אַ ים — אַ באַזוימטער מיט ברייטע זאַמדיקע ברעגעס. און די־אָ ברעגעס ווערן זומערצייט פאַרפלייצט מיט באַלעבעסדיקע קוראָרטניקעס, קוראָרטניצעס. דאָס אַלץ לאַקט, ציט, כּשופט. און הגם אויך אַזעלכע פאַרגעניגנס זענען ניט קיין חטא. און הגם ער, אברהם, איז בכלל ניט קיין קעגנער פון דער מאָדערנער שטאָט (פאַרקערט: ער האַלט גאָר, אברהם, אַז מיר, חלוצים, דאַרפן זיך אָפּגעבן ניט בלויז מיט לאַנדווירטשאַפט, ניט בלויז מיטן אידילישן דאָרף־לעבן. מיר דאַרפן זיך אָפּגעבן אויך מיט שטעט — מיט אייגענע, ארץ ישראלדיקע... מיר דאַרפן זיי בויען, באַוווינען און — — געניסן פון אַלע זייערע מאָדערנעקייטן). מיר דאַרפן אָבער וויסן וווּ אייך, וווּ אויס. און מאַכן פונעם שטאָט־לעבן אַ קולט, אַ פעטיש טויג אודאי ניט. בפרט, ווען מיר האַלטן ערשט אינאָנהויב וועג, וועלכער „איז מבטיח״ צו זיין אַ היפּש שווערער, שטייניקער, דאָרנדיקער.

וועט יוסף דעריבער אויסקומען באַזונדערס זיך אָפּצוגעבן מיטן דאָזיקן שטאָטישן קיבוץ. העכערן דעם גייסטיקן ניוואָ פון זיינע חברים. דורך אָפטע עקסקורסיעס זיי ענגער פאַרקניפּן מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות, מיטן חלוצישן פויערים־לעבן.

אַט מיט דעם פאַרענדיקט דערווייל דער חבר אברהם זיין איצטיקן שמועס. עס וועט נאָך, מן הסתם, אויסקומען צו שמועסן. פאַראַן נאָך פונוואָס. דערווייל

אבער איז שוין האלבער טאג און די חברטע צפורה מוז שוין אודאי ווארטן מיט א „חלוצישן ווארעמעס".

נאד ווארעמעס — די זון האט שוין געהאט פארלאזן די מזרחדיקע העלפט פונעם הימל — האבן זיך די „וואנדערנדיקע לערער" געגומען קלייבן אין וועג. אברהם האט זיך באלאדן מיט א געפאקטן פארטפעל: „ליטעראטור" פאר די גלילשע קבוצות. און יוסף האט אפגעקליבן פון זיינע מיטגעבראכטע זאכן א קליין פעקעלע: א האנטוך, זייף, א ציין־בערשטעלע, ציין־פאסטע, אייניקע אנ־דערע, נויטיקע פארן טעגלאכן געברויך חפצים. נאכדעם — אלץ איז שוין געווען גרייט צום וועג — האט אברהם מודיע־געווען דער חברטע צפורה, אז זיי לאזן זיך ארויס איבער די גלילשע קבוצות. זיי וועלן זיך צוריקקערן אין בית־החלוץ צום קומענדיקן שבת.

און אט געפינען זיי זיך איז וועג. די שטאט ליגט שוין ווייט פונהינטן. און אינפארויס וויקלט זיך א ברייטער שאסיי. א גראדער. א גלאטגעפלאסטערטער. א באוואכטער פוןביידע זייטן מיט יונג באבלעטערטע ביימער.

אויפן שאסיי איז שטיל — זוניק און שטיל. עס יאגט נאר ווען פארביי א פלינקער אויטא. עס ראלט נאר ווען אדורך א פערד־און־בריטשקע. עס קומט נאר ווען אנקעגן אן איינזאמער פוסגייער — ציט פון קאפ די הוט, גריסט זיך העפלאך מיט די אומבאקאנטע שפאנער.

און ווידער שטיל.

מע שפאנט.

שווייגנדיקערהייט.

עס ווילט זיך עפעס ניט ריידן. עס ווילט זיך בלויז גיין, שפאנען. דער־ביי — באטראכטן דעם זיך־וויקלענדיקן שאסיי, די יונג באבלעטערטע ביימער, די שווארצע, פעט־צעגלאנצטע, נארוואס צעאקערטע ערד־שטחים. — אנא, אינ־דערוויט, עסקט זיך ווער אויף א שטיק באדן. און דארט, איז א צווייטער זייט, הויערט א ווינטמיל — מיט א פארחלומטן פליגל . . . און אטא שווימט צו א ישוב: אן עדה רויטבאדאכטע בנינים — איינגעטונקטע אין גרינס; בארינגלטע מיט א ברוינגעפארבענעם פלויט. אויפן פלויט באווייזט זיך א גאלאגאנער האן. טוט א האפערדיקן פאטש מיט די פליגל. צעקרייט זיך אין דער צעפרילינגטער וועלט אריין.

און ווידער שטיל.

דער שאסיי ציט זיך.

די „וואנדערנדיקע לערער" שטעלן טריט.

אברהם ברומט דערביי עפּעס אונטער. און יוסף איז אַרומגעכאַפּט מיט עפּעס אַ טיפער פרייד. ער פילט זיך דאָ, יוסף, אומגעווײנלאַך גוט. עס „רעדט״ דאָ איצט צו אים די אַרומיקע צעגרינטע און צעאַקערטע ערד. זי טוט דאָ צו אים ריידן ווי אַמאָל — אין „יענע״ ווייטפאַרשוומענע יאָרן.

(...אין יענע יאָרן (בלוטיקע, פייערדיקע) איז די ערד געווען פאַרווילדעוועט, פאַרוויסטעוועט; צעאַקערט פון קוילן און סנאַריאַדן; באַוואַקסן מיט קופּעס הרוגים; באַפּאַקט־באַקרעציקט מיט נבלות פון פערד, פון הינט, פון קעץ.

אין יענע יאָרן (אינעם ריזיקן, אויפגעשטורעמטן לאַנד) האָט זיך די ערד גע־וואָרפן אין פיבער, זיך געקאָרטשעט אין קראַמפן. אַרום־און־אַרום האָבן געבושע־וועט באַנדעס. אַרום־און־אַרום האָט געהערשט הונגער, טיפוס. און ער, יוסף, אַ וואַגלענדיקער דורך הונגער און קעלט, דורך מחלות און טויט־שרעק, האָט זיך אַפּט געטוליעט צו דער פאַרוואָרלאָזטער ערד: געזוכט ביי איר שוץ, רעטונג — — —

און די דאָזיקע ערד האָט אים ניט איין מאָל באַשיצט פון באַנדיטישע הענט, פון נישטערנדיקע קוילן. און די דאָזיקע ערד — אַליין אַן אויסגעדיייווערטע, אַ צע־טראַמפּלטע, אַ פאַרשוועכטע, — האָט אים ניט איין מאָל צוגעדריקט, צוגעטוליעט צו דער אויסגעסאַכנעטער ברוסט. אים, אַ הונגעריקן, באַשאַנקען מיט אַן איבער־געבליבענעם עפּל פון אַ חרובן פּרוכט־סאַד; מיט אַ ווערימדיקן קרויט־היפּטל פון אַ צעטראָטענעם ירקות־גאָרטן; אָדער גאָר מיט אַ בינטל גאַליק־ביטערע גרעזער...

אַט אין יענער ווייטפאַרשוומענער צייט האָט עס יוסף ליב־געקראָגן די מאַמע־דיקע ערד. זיך איינגעליבט אין אַלע אירע וועגן און אומוועגן, אין אַלע אירע ברייטן און לענגן. און זי גייט אים פון דאַן אָן, די ערד, נאָך — סיי אויף דער וואָר, סיי אין חלום. כשופט אים מיט אירע צעגרינטע רחבותן. רייצט אים מיט אירע פעכיקע וועלדער. קוויקט אים מיט אירע האָניקדיקע גערטענער — — — און איצט, אַראָפּקומענדיק אין „גליל״, זעט ער זי, די ערד, באַנייס. אָטאָ שפּרייט זי זיך. אַן ערד אַ פרידלאַך־צעשמייכלטע; אַ גרייטע פאַרן אַקערער, פאַרן זייער. אַן ערד אַ פרילינגדיק־צעגראָזטע. אַן ערד, מיט וועלכער עס טוען זיך באַהעפטן צענדליקער יונגע, מוטיקע פּיאָנערן. אַן ערד מיט וועלכער אויך ער, יוסף, וועט זיך איצט באַהעפטן. וועט זיך מיט איר צונויפקניפּן. וועט דאָ אָנהויבן אַ נייעם גאַנג, אַ נייעם זיין — — —)

עס איז שוין געווען ווייט נאָכמיטאָג. די „וואַנדערנדיקע לערער״ האָבן שוין

געהאַט אַדורכגעמאַכט אַ מהלך פון צוועלף וויאָרסט. און איצט האָבן זיי זיך געַ־נומען פאַרקירעווען אויף אַ זייטיקן וועג — אַ שמאָלן, אַ ניט־געפלאַסטערטן, אַ באַוואַקסן פון ביידע זייטן מיט הויכע, שלאַנקע, יונג צעגרינטע טאָפּאָלן.

זיי זענען דאָ אַוועק מיט באַנייטער גרינגקייט אין טראָט; און דער חבר אברהם — ער האָט דעם גאַנצן וועג געהאַט געשוויגן — האָט דאָ פאַרצויגן אַ נייעם שמועס.

— אָט דער־אָ מאַיאַנטעק — האָט ער אַנגעוויזן יוספן אויף אַ גרופּע רויט־באַדאַכטע געביידעס, וועלכע זוניקן זיך אינדערטיף פונעם שמאָלן וועג, — רופט זיך „קישקין גערגע״. ער באַלאַנגט צו אַ יידישן פריץ, הער דובין, — איינער פון די דריי יידישע פּריצים אין „גליל״, וועלכע באַשעפטיקן חלוצישע אַרבעטער.

אינאַנהויב — האָט אברהם ממשיך געווען זיין שמועס — האָט דער דאָזיקער הער דובין קיין יידישע „לאַנדקנעכט״ צו זיך אויפן גוט ניט געוואָלט אַרויפנעמען. קיין חלוצים — האָט ער דערקלערט דעם פאַרשטייער פונעם מרכז, דעם חבר יצחק, וועלכער איז צו אים אַראָפּגעקומען איינאַרדענען אַ גרופּע חלוצים, — קען ער ניט באַשעפטיקן. ער קען עס ניט צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, האַלט ער, דער הער דובין, אַז חלוצים — „יידישע קינדער״ — זענען צו שוואַך צו אַרבעטן ביי לאַנד־ווירטשאַפט... זיי וועלן ביי אים אויפן גוט אַוועקלייגן די לעצטע ביסל כוחות. און ער, דער הער דובין, פאַרמאָגט אַ שוואַך האַרץ: וועט ער עס ניט קענען צוזען... און, צווייטנס, האָט ער עפּעס פאַר חלוצים מורא: זיי זענען דאָך קאָלעקטיוויסטן, סאָציאַליסטן; קענען זיי אים נאָך „צעפּטרן״ זיינע דייטשישע „לאַנדקנעכט״... וויל ער זיי דעריבער ביי זיך אויפן גוט ניט האָבן...

דער הער דובין — האָט דער חבר אברהם ממשיך געווען — האָט אָבער דאָך צוגעשטימט צום חבר יצחקס פאַרשלאַג. דאָס איז געווען אַ שטיקל צייט שפּע־טער. דער הער דובין האָט זיך דאַן דערוווסט, אַז צוויי אַנדערע יידישע פּריצים אין „גליל״, די הערן ליפשיץ און שיינבערג, באַשעפטיקן יע חלוצים און אַז זיי זענען מיט די יידישע „לאַנדקנעכט״ ביז־גאָר צופרידן... האָבן אים די חלוצים אויפגעהערט שרעקן... האָט ער זיי גענומען באַשעפטיקן אויך ביי זיך.

און איצט — האָט אברהם פאַרענדיקט דערציילן — אַרבעטן אויפן דאָזיקן קישקין גערגער מאַיאַנטעק אַנדערהאַלבן צענדליק גליליניקעס. דער „גליל״ רופט זיי, די דאָזיקע חלוצים, „די קישקין גערגער חכמים״... און דאָ טאַקע — די „וואַנדערנדיקע לערער״ זענען שוין אַרויף אויפן מאַיאַנטעק און דער חבר אברהם האָט אַנגעוויזן אויף איינס אַ קליין הילצערן שטיבל, וואָס שטייט אויף אַ היפשן

שטח אָפּגערוקט פון אַלע איבעריקע הויף־געביידעס, — געפינט זיך עס די קבוצה פון די־אַ „קישקין גערגער חכמים".

עס איז שוין געווען נאָך „וועספּער".
אויפן קישקין גערגער מאַיאָנטעק האָט געבּרענט די אַרבעט.
די „לאַנדקנעכט", סיי די יידישע סיי די ניט־יידישע, זענען געווען שטאַרק פאַרנומען. מען האָט געאַרבעט אין די קי־שטאַלן, אין די פערד־סטאַדאָלעס, אויף די אַרומיקע פעלדער, גערטענער. מען האָט געהאַלטן אין דערענדיקן די לעצטע עטלאַכע, ביז־גאָר איינמידנדיקע אַרבעט־שעהן פון אַ לאַנגן פרילינגדיקן טאָג.
די „וואַנדערנדיקע לערער" זענען אַריין אין קבוצה. האָבן זיך באַלד ביים אַריינגאַנג, אין מטבח, אָנגעשטויסן אויף אַ חלוציש „פּאָרל": אַ בחור מיט אַ בחורה.
דאָס „פּאָרל" האָט דאָ געוואַשן גרעט, אין אַ גרויסער בלעכענער באַליע, — אַן אַרויפגעשטעלטער אויף צוויי צונויפגערוקטע בענקלאַך. די בחורה — אַ מיטל־געוויקסיקע, אַ שלאַנקע; מיט אַן איידל געשניצט געזיכט; מיט אַ קורץ נעזל און מיט אַ פּאָר גרויסע, בלויע אויגן, גוטמוטיק אַרויסבליקנדיקע פון אונטער אַמערי־קאַנער ברילן, — האָט זיך געעסקט אַרום אַ פּאָר ווייסע געלאַטעטע תחתונים: זיי געריבן אויף אַ גלעזערנעם געקאַרבירטן וואַש־ברעטל. און דער בחור — אַ הויכער, אַ טונקל־הויטיקער; מיט ברוינע אויגן; מיט אַ ברייט צוגעפּלאַטשט נאָז און מיט אַ שוואַרצעקרייזלט טשופּרינע — האָט געהאַלטן אינמיטן אויסדרייען אַ גרינקאָ־ליריקע העמדל.
מיטן אַריינקום פון די אורחים האָט דאָס „פּאָרל" איבערגעריסן די אַרבעט. האָט זיך אָפּגעווישט די הענט. אָפּגעשטעקט דעם חבר אברהם אַ ברייטן „שלום". און הערנדיק פון אברהמען, אַז דער באַגלייטער זיינער איז יוסף, דער נייער „מורה נודד", — זיך גענומען פאַר אים פאַרשטעלן:
— חברטע רבקה — אַ קישקין גערגער „חכמה"; אַרבעט היינטיקע וואָך אין קבוצה, אַלס „תורנית".
— חבר יאַנקל — אַ יאַקינער „גדודניק"; אַן „עולה". פאָרט איגיכן קיין „ארץ". מיט דערזעלבער שיף, וואָס אברהם. און דערווייל, ביזן אָפּפאָר, מאַכט מען אַ טור איבער די קבוצות, צעזעגנט מען זיך מיטן „גליל".
די „וואַנדערנדיקע לערער" האָבן זיך צוגעזעצט אָפּרוען פונעם לאַנגן צופור־סיקן וועג. נאָכדעם האָט זיך אברהם, צוזאַמען מיט יאַנקלען און רבקהן, אַ נעם־געטאָן אָנשיילן אַ פּאָר טעפּ בולבע: וועטשערע פאַר דער קבוצה. און יוסף — פאַר אים איז דאָ דערווייל ניט געווען קיין אַרבעט — האָט גענומען אַריינבליקן אין

די ווייטערדיקע קבוצהשע צימערלאך; גענומען באטראכטן דעם חלוצישן האב־און־גוטס.

. . . ער האט אריינגעבליקט אין איין צימערל, אין א צווייטן. הערביי — גע־טראכט פון זיין איצטיקן זיין דא.

אט איז ער אין א קבוצה. דאס ערשטע מאל אין לעבן . . . אטא שטייט ער אין מיט פון איינעם פון די צימערלאך. א העלפט פון דער־א ,,קאנורע" איז פאר־נומען פון א טיש און א פאר בענקלאך. אין דער צווייטער העלפט שטייען א פאר בעטן — פארשפרייטע מיט גרויע, הארטע קאלדרעס. אלע פיר ווענט זענען דא באהאנגען מיט מלבושים, מיט פאטא־בילדלאך. און אין איינעם א ווינקל געפינט זיך א פאליצקע מיט צייטונגען, מיט ביכער.

ער איז צו צום פאליצקע. גענומען אריינבליקן אין די צייטונגען: ,,דבר", ,,הארץ". נאכדעם — אין די ביכער: טשערניכאווסקיס שירים, בערדיטשעווס־קיס דערציילונגען. און אט איז א דיק בוך מיט א גוט באקאנטן נאמען: ,,חולמים ולוחמים". יוסף האט שוין דעם דאזיקן בוך געלייענט. געפיבערט ביים לייענען מיט די העלדן, מיט די געשעענישן. איצט בליקט ער אין בוך אריין בא־נייס. מישט די בלעטער. כאפט דא א שורה, דארט א זאץ. און נאכדעם, מיטן בוך אין האנט, שפאנט ער צו צום צימערלס איינציקן צעעפנטן פענצטערל.

ער נעמט ארויסבליקן אינדרויסן.

ער דערזעט:

א שטיק פעלד — פריש צעאקערט; פארגאסן מיט פארנאכטיקער זון. און אינמיטן פעלד, ארום א ברוין פערדל, א צוגעשפאנטס צו א צעגלאנצטן אייקערארייזן, עוסקן זיך א פאר בחורים. זיי ווארפן זיך דערביי דורך מיט ווערטער. די ווער־טער — העברייישע — דערטראגן זיך צו יוספס אנגעשפיצטן געהער. יוסף כאפט זיי זשעדנע אויף. און ער טראכט דערביי, א מאדנע פריידיקער, פון די־א פאר בחורים:

— חלוצים.

— ,,קישקיו גערגער חכמים" . . .

די זון האט גענומען פארגיין. זיך גענומען מיט איינעם א לעצטן, לאנגן, ראזלאכן שטראל אריינשפיזלען אין קבוצהשן מטבח. זיך צוגעשפיזלט צו דער טונקל באלויכטענער פליטע. גענומען דא באשיינען צוויי גרויסע פולע טעפ, —

זיך־קאָכנדיקע איבער אַ פּאָר פֿאַרויכערטע פֿייערקעס.

אין די טעפּ האָט זיך געקאָכט די קבוצהשע וועטשערע: אַ וועטשערע אַ ביז־גאָר יום־טובדיקע: „כדורים מיט נשמות״.*)

דער חבר אברהם (ער איז דאָ איצט געזעסן צוזאַמען מיט יוספֿן; זיי האָבן, צוזאַמען מיט יאַנקלען און רבקהן, איבערגעוואַשן דעם קבוצהשן געפֿעס) האָט גע־פּונען פּאָר נויטיק צו דערקלערן די חשיבות פֿון דעם־אָ טשיקאַווען מאכל — פֿון די „כדורים מיט נשמות״ — יוספֿן.

— פֿאַר דער אַרבעט זייערער — האָט זיך אברהם אַ ווענד־געטאָן צו יוספֿן, ווישנדיק דערבײַ אַ צינענעם טעלער, — באַקומען די היגע „לאַנדקנעכט״ אַ גאָר נישטיקן געלט־געהאַלט. דערפֿאַר אָבער באַקומען זיי אַ היפּש ביסל פּראָדוקטן: מעל, קאַרטאָפֿל, מילך; פֿון צייט צו צייט — אויך פֿלייש. עס פֿעלט אָבער אויס — פֿאַר אַזעלכע שווערע האָרעפּאַשניקעס, ווי ערדאַרבעטער, „חקלאיים״, — איינס אַ ביז־גאָר נויטיק אַרטיקל: פֿעטס. אין דער־אָ הינזיכט זענען די היגע פּריצים מוראדיק קאַרג. פּוטער, אָדער עכטן שמאַלץ גיבן זיי דאָ אינגאַנצן ניט. און אַפֿילו מאַרגאַרין — אַ פֿעטס־סוראָגאַט, אויף וועלכן די יעקעס זענען גרויסע אויס־ברייַנגערס, — אַפֿילו דער מין פֿעטס ווערט דאָ, אין „גליל״, אַרויסגעגעבן בלויז אַ פֿונט אַ וואָך אויף אַ גאַנצער קבוצה. ליידן דעריבער די היגע הכשרהניקעס פֿון אַ „פּערמאַנענטן פֿעטס־מאַנגל״. און זיי מוזן זיך אַ גאַנצע וואָך צופֿרידנשטעלן מיט פּיסנע זופּן, אָדער מיט געוויינלאַכע „כדורים״ — אָן „נשמות״... אײַן מאָל אַ וואָך אָבער, באַקומענדיק דעם פֿונט מאַרגאַרין, מאַכט דאָ איעדע קבוצה אַ געהויבענעם יום־טוב: גרייט צו אַ מיטאָק, אַ וועטשערע פֿון „כדורים מיט נשמות״... און גראָדע היינט — האָט זיך אברהם אַ נעם־געטאָן איבערווישן אַ צווייטן טעלער — האָט די „קבוצת קישקין געדגע״ אַרייַנגעקראָגן דעם טייערן פֿונט מאַרגאַרין. וועלן מיר היינט געניסן פֿון אַ געהויבענער וועט־טשערע: פֿון „כדורים מיט נשמות״...

די זון איז לסוף פֿאַרגאַנגען.

דער מערב־ראַנד האָט זיך צעפֿאַרבן אין רויט, אין גאָלד, אין ראָז, אין פֿיאָלעט. נאָכדעם — געגומען בלייכן, בלאַסן. ביז ער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין איין שטיק טונקעלער, פֿאַרבענקט־פֿאַרחלומטער בלויקייט.

די קבוצה האָט זיך גענומען אייַנהילן אין ערב־אָוונט.

דורך די צעעפֿנטע פֿענצטערלאַך האָבן גענומען אַרייַנדופֿטן ווייניק־האַרבע

*) קניידלאַך פֿון קאַרטאָפֿל פּאַרפּר אָוועטע מיט פֿעטס.

פעלד־גערוכן, צעפרילינגטע גארטן־ריחות, וואס ווערן צו אוונט־צו דינער, שארפער, רייצנדיקער.

די קבוצהשע וועטשערע איז שוין געווען פארטיק.

דער טיש (איינעם קליינינקן „חדר־האוכל״) איז שוין געווען באשטעלט מיט טעלער; באלייגט מיט לעפל־גאפל; באזארגט מיט מוציאס שווארצן אייגנגעבאקענעם ברויט. אין יעדן טעלער האט שוין געווארט א חלק הערינג — באפעפערט, באַרינגלט מיט עטלאכע רייפלאך הארב־גערוכיקער, פריש צעגלאנצטער ציבעלע.

און אט דערהערט זיך א האפערדיק געזאנג. עס נעמען זיך באווייזן די קבוצהשע חברה. באשטיוולטע. באשוכטע. באקלומפטע. מיט סימנים פון שטויב, פון ערד אויף די בגדים, אויף די הענט, אויף די פנימער. מע נעמט זיך צומערשט צום נידעריקן, בייכיקן וואסער־פעסל, וואס שטייט אין מטבח, אין איינעם פון די ווינקלען. מע גיסט אויף זיך שפעדיק. מע טוט פון זיך אפוואשן, אפרייבן די סליאדן פונעם לאנגן, פופצנ׳שעה׳קן ארבעט־טאג.

נאכדעם ווישט מען זיך ווי געהעריק ארום. מע שטעקט אפ דעם חבר אברהם א געהעריקן „שלום״. און אברהם ווידער נעמט פארשטעלן פאר יוספן, פארן נייעם „מורה נודד״, איעדן איינעם פון די קישקין גערגער „חכמים״.

— אט דעם־א — טוט ער א פאטש איינעם א קורצגעוויקסיקן, ברייטפלייצעדיקן קבוצהניק איבערן פלייצע, — רופט מען יהודה. ער איז דער קישקין גערגער מילך־פירער. איעדן פארטאג, די גארע קבוצה שלאפט נאך, זיצט ער שוין, יהודה, אויף די קאזלעס. טרייבט אין שטאט אריין א קישקין גערגער פערדל. פירט אהין צוואנציק פולע, שווערע, צינענע, בייכיקע קאנען: דעם פריצ׳ס מילך. און חוצן מילך־פירן איז יהודה, פארשטייט זיך, אויך א „חקלאי״: ארבעט, איעדע צווייטע העלפט פונעם טאג, אויף די קישקין גערגער פעלדער, גערטענער, — באגלייך מיט אלע איבעריקע קבוצהניקעס.

און דער־א — ציינט אן אברהם אויף א צווייטן בחור, מיט א קאנטיקן פנים, מיט א פאר קארע, שמייכלענדיקע אויגן — איז דער חבר עזריאל. ער איז פונדערהיים א זייגערמאכער. און דא, אין „גליל״, אין די קבוצות, פאריכט ער טאקע, ווו נאר א קאליעגעווארן ווערקזייגער... ער טוט דא אבער נאך עפעס: פארנעמט זיך, גלייך מיט אלעמען, מיט לאנדווירטשאפטלאכער הכשרה.

דער־א ווידער — אברהם האט אנגעוויזן אויף א הויכן גריד־אויגיקן יאט — איז חבר ארקע: דער בעסטער פון אלע פיר קישקין גערגער „שפאנאקעס״.

און די־א שכנטע ארקעס — האט אברהם פארגעשטעלט פאר יוספן א דינע, שלאנקע, בלאנדהאריקע בחורה, — איז מינעלע די זינגערקע. אפריער, איידער זי איז געווארן א חלוצה, האט זי געזונגען אין דער היי־לענדישער מלוכהשער

אַפּערע . . . און איצט, אין „גליל״ מעלקט זי, ־מינעלע, קי. איעדן טאָג. גאַנ־צענע אַכצן שטיק . . .

אַט אַזוי האָט דער חבר אברהם פאַרגעשטעלט איעדן איינעם פון די קישקין גערגער „חכמים״ פאַרן נייעם „מורה נודד״, פאַר יוספן. און נאָכדעם, יוסף איז שוין געווען באַקאַנט מיט דער גאַרער קבוצה, האָט מען זיך אויסגעזעצט אַרום גע־גרייטן טיש.

מען האָט זיך אַ נעם־געטאָן צו דער וועטשערע.

מען האָט אַפּעטיטנע געריבן דעם ערשטן געריכט. דערביי — זיך געטיילט מיט איינדרוקן, מיט איבערלעבונגען פונעם פאַרגאַנגענעם אַרבעט־טאָג.

נאָכדעם האָט די „תורנית״ די חברטע רבקה, געבראַכט־צוטראָגן דעם צווייטן געריכט : די „כדורים מיט נשמות״. אַרום טיש איז געוואָרן גאַר־גאַר לעבעדיק. חברה האָבן התמדהדיק געשלונגען די הייסע, מחיהדיקע קניידלאַך. די קניידלאַך זענען גיך פאַרשווונדן געוואָרן. די חברטע רבקה האָט דאַן דערלאַנגט „הוספות״. עולם האָט געריבן די „הוספות״. און די בכבודיקע געסט, אברהם און יוסף, האָבן צוגעהאַלפן.

די וועטשערע איז געווען פאַרענדיקט.

אויפן אָפּגעליידיקטן טיש האָט שוין געברענט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. געוואָרפן אויף די אַרומיקע ווענט לאַנגע, משונהדיקע שאָטנס. און עולם — אַ זאַטער, אַ צעוואָרעמטער, — האָט זיך גענומען מכין־זיין צו אַ „שיחה״.

און אַט האָט אברהם גענומען ריידן. וועגן מצב אין „ארץ״. סיי אין די שטעט, סיי אין די קאָלאָניעס.

נאָכדעם איז ער אַריבער צו וויכטיקע געשעענישן אין אַנדערע לענדער. צום שטרייק פון די קוילנגרעבער אין ענגלאַנד. צום שוואַרצבאַרד־שאָס אין פּאַריז. צו סאַקאָ און וואַנזעטי, די צוויי אַנאַרכיסטן, וועלכע שמאַכטן אומשולדיקע אין איינער פון די אַמעריקאַנער תפיסות.

נאָכדעם האָט גערעדט יוסף. באַריכטעט וועגן דער נײַנטער קאָנפערענץ פון „החלוץ״.

נאָכדעם האָט אברהם פאַרגעלייענט אַן אַרטיקל פון אַ נייסטן „דבר״. און יוסף ווידער האָט גערעדט וועגן ברענער — אין צוזאַמענהאַנג מיט ברענערס פינפטן יאָרצייט.

נאָכדעם איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, נאָנט צו האַלבנאַכט. די „שיחה״ איז שוין געווען געשלאָסן. און עמעצער פונעם עולם האָט אַריינגעדרייט דאָס לעמפּל. אַרום טיש איז געוואָרן טונקל. און חברה, צוזאַמענגערוקטע, צונויפגעקוועטשטע;

קאָפּ צו קאָפּ און אַקסל צו אַקסל, — האָבן גענומען פאַרחלומט זינגען:

יפים הלילות בכנען,

צוננים הם וקרים — — —

נאָכדעם האָט מינעלע די זינגערקע געזונגען סאָלאָ.

נאָכדעם איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבנאַכט און די „תורנית‟, די חברטע רבקה, האָט געבראַכט־צוטראָגן אַ גרויסן לאַבן ברויט, אַ טאָפּ מילך. עולם — באַנייס אַז אויסגעהונגערטער — האָט זיך אַ נעם־געטאָן צו אַ חלוצישן „קום זיץ‟. *) מען האָט געריבן אויףביידע באַקן שוואַרצן ברויט. מען האָט געזופּט אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז קאַלטן, רויען מילך. און באַגלייט די שפּעטנאַכטיקע סעודה מיט נייע לידער, מיט פרישע ניגונים.

אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ נייע שטיק צייט. ביז דער חבר אברהם האָט אַ בליק־געטאָן אויף זיין קליין געלענק־זייגערל, זיך דערביי אַ הויב־געטאָן פון אָרט, אַ פּאַטש־געטאָן אין טיש:

— חברה, לישון! דער זייגער איז שוין צוויי.

אינדערפרי — די זון האָט נאָרוואָס גענומען אַרויסשיקן ערשטע, ראָזלאָד־גילדערנע שטראַלן — האָט זיך צעקלונגען דער קבוצהשער וועקזייגער. זיך פאַר־גאַנגען אין אַ לאַנגער, געדרייטער גרילצערײ. גענומען עקבערן די קבוצהשע לופט. גענומען אַלאַרמירנדיק צעוועקן דעם כראָפּנדיקן עולם.

אין די פינף קבוצה־בעטן — צוויי אין „חדר־האוכל‟ און דריי אין „חדר־השנה‟ — האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערודער.

חברה האָבן זיך אײַליק אָנגעטאָן. געצויגן אויף זיך הויזן. אַרויפגעוואָרפן אויף זיך קליידלאַך, בלוזקעס, פּידזשאַקעס. נאָכדעם האָבן גענומען טופּן באַשוכטע, באַשטיוולטע און באַקלומפּעטע פיס. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ גיסעניש פון וואַסער; אַ רייבעניש פון צייך־בערשטלאַך; אַ קלינגעניש פון גלעזער און שאַלן; אַ קייעניש, אַ זופּעניש. לסוף זענען אַלע פאַרשידענע קלאַנגען פאַרשטילט געוואָרן. עס זענען אויך פאַרשטומט געוואָרן די אַרויסגערעדטע אויף אַלערליי קולות ווערטער, זאַצן. חברה האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אינדרויסן אַרויס — צו אַ טאָג פון נייער חקלאישער פּראַצע.

יוסף — אויך אים האָט אויפגעוועקט דער קבוצהשער וועקזייגער; אויפגע־

*) א מין עקסטרע צובייסן.

וועקט מיטן ערשטן צעגרילצטן קלאַנג. אים אויפגעריסן די אויגן. אים באַוויזן אַ באַגינענדיקן „חדר האוכל״. אים באוויזן אַ צעוואָרפענע בעט, ווו ער, יוסף, בשכנות מיט צווי מיטשלאָפער: יהודה און עזריאל, — האָט געהאַט פאַרבראַכט די ערשטע נאַכט אין אַ קבוצה.

דאָס איז געווען אַ משונהדיקע נאַכט — אַ ביז־גאָר אומרויקע, צערודערטע.

יוסף האָט אין דער־אַ נאַכט כמעט ניט געשלאָפן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס באַלד נאָך אברהמס ווערטער „חברה, לישון! דער זייגער איז שוין צוויי״. עולם האָט זיך דאַן צעלייגט אין די בעטן. צו צוויי, צו דריי אין אַ בעט... און אים, יוספן, האָט דאַן צו איינער פון די צוויי בעטן, וואָס אין „חדר־האוכל״, צוגעפירט דער חבר עזריאל; אים דאָ פאַרגעלייגט אַן אָרט:

— צום וואַנט, אינמיטן, אָדער ביים ברעג...

אין דער דאָזיקער בעט — האָט יוסף דאַן אַ בליק־געטאָן — ליגט שוין עמע־צער: דער חבר יהודה, דער קורצגעוויקסיקער, ברייטפּלייצעדיקער מילד־פּירער. און איצט דאַרפן זיך דאָ איינאָרדענען נאָך צוויי שלאָפער: דער חבר עזריאל און ער, יוסף, גופא. די בעט אָבער — זעט יוסף — איז ניט קיין ברייטע. אָרט פאַר דרייען איז דאָ שווערלאָך פאַראַן. איז ווי וועט דאָ זיין? אי ער, יוסף, וועט אַזויאַרום ניט שלאָפן, אי ער וועט אויך שטערן די צוויי שכנים זיינע, יהודהן און עזריאלן, וועלכע דאַרפן זיך, נאָך אַ לאַנגן אַרבעט־טאָג, ווי געהעריק אויס־שלאָפן... איז יוסף געשטאַנען ביים בעט אַן אומאַנטשלאָסענער.

לאַנג אָבער אַזוי שטיין האָט ער ניט געקענט. ער האָט זיך געמוזט אויף עפּעס באַשליסן: דער חבר עזריאל האָט שוין געהאַלטן אינמיטן זיך אויסטאָן. האָט ער זיך באַשלאָסן לייגן „ביים ברעג״.

אים האָט אָבער באַלד גענומען קוועטשן דער האַרטער בעט־ראַנד. אים האָט, חוץ דעם, גענומען אַרן די הויכע כראָפּערײַ פון זיינע צוויי בעט־שכנים. זיי ליגן שוין, יהודה און עזריאל, אין די אָרעמס פון שלאָף. כראָפּן דערביי אויף הויכע אָקטאַוועס. און אַ גאַנץ נישקשהדיקע כראָפּעניש דערטראָגט זיך צו יוספן אויך פון די איבעריקע קבוצהשע בעטן. די גאַנצע קבוצה פּראַוועט שוין נאַכט און בלויז ער, יוסף, ליגט אַ וואַכער...

עס איז אַזוי אַוועק אַ היפּשע ווײַלע. יוסף האָט אַלץ ניט געשלאָפן. געלעגן מיט אָנגעשפּיצטע חושים, מיט אויפגעריסענע, אַריינגעבויערטע אין דער אָרומי־קער פינצטערניש אויגן. און, אַזוי־אַ ליגנדיק האָט אים עפּעס גענומען שווערן אונטערן האַרצן. די שווערעניש — דערפילט ער — נעמט שטייגן. עס נעמט אים דערביי קראַמפּן אין בויך, שניידן אין די געדערים.

אים האבן, אפנים, געמוזט פארשאטן — אזוי טוט ער, א צעשראקענער א טראכט — די „כדורים מיט נשמות״; אדער דער קבוצהשער, ניט ווי געהעריק אויסגעבאקענער ברויט; אדער דאס רויע מילך, וואס ער, יוסף, האט אין זיך, ביים „קום זיץ״, אריינגעגאסן; אדער אלע קבוצהשע געריכטן צוזאמען . . . אזוי, צי אנדערש, — עס ווערט אים, יוסףן, ערגער, צרהדיקער. סע פארשארפן זיך די בויך־קראמפן. סע פארשפיצט זיך די געדערים־שניידעניש. און — — — סע נעמט אים לסוף הויבן פון בעט.

זיך אויפהויבן אבער, ארויסגיין אינדרויסן ארויס, גלוסט זיך אים ניט. ער קען נאך אזויארום צעוועקן די בעט־שכנים זיינע; די איבעריקע שלאפנ־דיקע קבוצהניקעס. און דאס איז יוסף[ן] א שאד. זיי דארפן זיך אויס־שלאפן, אויסרוען; זיך אנעמען מיט קרעפטן פאר א נייעם ארבעט־טאג . . . ווערט ער זיך, אויב אזוי, איינהאלטן . . . זיך פאמעלאך איבערקערן מיטן פנים אראפ. צודריקן דעם טוטווייעדיקן בויך צום הארטן שטרוי־זאק . . . און, אזוי־א, ליגן, ליגן . . . ביז דאס שניידעניש וועט איבערגיין. ביז די קראמפן וועלן אויפהערן...

דער דאזיקער „מיטל״ האט אבער קנאפ־וואס געהאלפן. דאס שניידעניש האט ניט געוואלט אויפהערן; איז, פארקערט, געווארן שארפער, אומדערטרעגלא־כער. יוסף איז אלץ געלעגן מיטן פנים אראפ; זיך גראנגלט מיטן ווייטאק. ביז ער האט זיך, אזוי־א ליגנדיק, דערטראכט צו א צווייטן „מיטל״: זיך גענומען „פארגעסן אין זכרונות״. גענומען אפפרישן אין זכרון דעם גאנצן פארגאנגענעם טאג — דעם ערשטן טאג, וואס ער, יוסף, האט פארבראכט אין „גליל״.

. . . דער אנקום זיינער אין דער אלטער דייטשישער פארט־שטאט; אין בית־החלוץ. דאס באקענען זיך מיטן חבר אברהם. די זיצונג פונעם „ועד הפועל״. דאס געזעגעניש מיט חביבהן. די ארבעט אינעם ירקות־גארטן. אברהמס באַ־לערנדיקער שמועס. דער לאנגער שפאציר אהער אין קבוצה. דער ערשטער איינ־דרוק פון די קישקין געגער „חכמים״. די פריילאכע, בשותפותדיקע וועטשערע. די „שיחה״ — — — ביז יוסף האט גענומען איינשלאפן.

איצט, באגינען, זיך אויפכאפנדיק מיטן ערשטן צעגרילצטן קלאנג פונעם קבוצהשן וועקזייגער, האט זיך יוסף דערשפירט ניי־געבארן. דער קורצער, פעס־טער, חלומלאזער שלאף האט אים וווּנדערלאך אפגעפרישט; ווי אויך פארטריבן דאס פיינלאכע געדערים־שניידעניש. און אים גלוסט זיך איצט וואס שנעלער זיך אנטאן, זיך ארומוואשן, אפעסן און — זיך ארויסלאזן אין פעלד ארויס — צו א לאנגן טאג פון שווערער, חקלאישער פראצע.

נאך „קליין מיטאק״, דער קבוצהשער וועקזייגער האט געהאט געוויזן צען

אינדערפרי, זענען די „וואַנדערנדיקע לערער", אברהם און יוסף, אוועק באַזוכן דעם הער דוביז — דעם יידישן פריץ פון קישקין גערגע. זיי האָבן דורכגעשניטן אַ רחבותדיקן צעוואַלגערטן הויף — אַ באַבויטן מיט הילצערנע, שטיינערנע און ציגלנע געביידעס; און זענען צו צו אַ צווייִשטאָקיק, ווייס־געטינקעוועט פּאַלאַצל.

די טיר האָט זיי געעפנט אַ יונגע, חנעוודיקע דייטשקע; אָנגעטאָן אין אַ ווייסן שירצל, אין אַ זויבערן טשיפּיקל. זי האָט זיי אַריינגעלאָזט אין אַ קליין געגלאָזט קאָרידאָרל, דורכגעפירט אַ ריי פאַרפּוצטע צימערן, אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסן, פּרעכטיקן זאַל אַריין, און געבעטן אַ ווײַלע צוואַרטן:

— דער הער דוביז ענדיקט פרישטיקן.

די „וואַנדערנדיקע לערער" האָבן גענומען וואַרטן.

אברהם — ער האָט שוין היפּשע עטלאָכע מאָל דעם דאָזיקן פּאַלאַצל געהאַט באַזוכט; זיך דאָ געפילט בן־ביתדיק, — האָט זיך גענומען „מאַכן באַקוועם": זיך אַריינגעזעצט אין אַ ברייטן, גרין־פּליושענעם פּאַטער־שטול; פּאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס; אַ נעם־געטאָן פון אַ דערבײַיִק טישל אַ דייטשישן אילוסטרירטן זשורנאַל; אים גענומען בלעטערן.

יוסף ווידער — אים האָט דאָ אַלץ אויסגעזען אומגעוויינלאַך ביי — איז אַ ווײַלע געשטאַנען אינמיטן זאַל: באַטראַכט דעם גאַנצן „טשודנעם" אַרום.

ער האָט צומערשט באַבליקט דעם ריזיקן, גרין־פּליושענעם טעפּיך, וואָס שפּרייט זיך איבערן גאַנצן שטח פונעם זאַלישן דיל.

נאָכדעם האָט דער בליק זײַנער אַ שוועב־געטאָן צום זאַלישן סופית — אַ הימלדיקן הויכער, בלויער, אויסגעוועלבטער; אַ באַמאָלטער מיט אַ זון, מיט אַ לבנה, מיט שטערן; און אַ באַהאַנגענער מיט דריי גרויסע, בליציק אַראָפּלויכטנ־דיקע זשיראַנדאָלן.

נאָכדעם איז יוסף צו צו איינער פון די זאַלישע ווענט — גענומען אויף דער־אַ וואַנט באַטראַכטן כל־המיני צעהאַנגענע כלי־זיין: ביקסן, שווערדן, קינזשאַלן, רעוואָלווערן — — — ער איז דאָ געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע. געגאַפט צום „גע־ווער־אַרסענאַל". באַוווּנדערט דעם הער דוביז:

— ער מוז, אפנים, זײַן אַ גאַר וואָזשנער שיסער...

נאָכדעם איז ער צו צו אַ צווייטער וואַנט, ביי וועלכער סע שטייען צוויי שאַ־פעס, — פון שוואַרצן געשניצטן האָלץ; מיט געגלאָזטע טירן.

דורכן גלאָז — זעט יוסף — בליקן אַרויס פּאַליצקעס מיט ביכער. אויף די ביכער־רוקנס — דייטשישער, גאָלד־געליישטער שריפט: נעמען פון באַרימטע

פאעטן, פילאזאפן:

געטע,

שילער,

קאנט,

היינע,

העגעל,

ניטשע — — —

יוסף — אַ שטיקל ידען אינעם יעקישן לשון (גענאַשט פון מענדעלסאָנס „ביאור״...), פאַרהאַלט זיך דאָ אַ לענגערע ווײַלע. שטייט און באַטראַכט די ביכער. איז דערבײַ אַנטציקט פונעם הער דובין:

— ער מוז אַוודאי זיין אַ גרויסער מלומד...

נאָכדעם שפּאַנט ער צו צו אַ דריטער וואַנט — אַ באַהאַנגענע מיט בילדער, מיט פּאָרטרעטן, מיט אויסגעהאַפּטענע האַנטעכלאַך, טישטעכלאַך, פאַרשידענע שטיקלאַך צײַג. ער נעמט דאָ צומערשט באַבליקן דעם צעהאַנגענעם אויסגענייאַכץ אויסגעהעפטאַכץ. כל־המיני צאַצקעלאַך, פויגאַלאַך, בלימאַלאַך. און אָט איז אַ לענגעכיק האַנטעכל, אָן אויסגעהאַפּטענס מיט גאָטישע בוכשטאַבן. יוסף בויגט זיך נענטער צו. לייענט אויפן האַנטעכל איבער אַ קורץ, געגראַמט סענטענץ:

„אלע מארגען אַנע זאָרגען״.

ער טוט דערבײַ באַנייס אַ בליק איבערן זאַל:

— אין אַזאַ מין זאַל — טוט ער אַ טראַכט — איז דער־אָ סענטענץ זייער צוגעפּאַסט... אין אַזאַ מין זאַל איז טאַקע „אלע מארגען אַנע זאָרגען״...

ער נעמט זיך דאַן צו אַ צווייט האַנטעכל, אויף וועלכן עס איז אויסגענייט — מיט גאָלדענע, געצירקלטע אותיות — אַ צווייט סענטענץ:

„אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס״.

ער לייענט עס באַזאַכט איבער. פאַרטראַכט זיך באַנייס:

— עפּעס גאָר־גאָר חלוציש... „העבודה היא חיינו״... דער הער דובין מוז גאָר זיין אַ חלוץ...

נאָכדעם האָט זיך יוסף אַ נעם־געטאָן צו די צעהאַנגענע בילדער: פאַרשידענע לאַנדשאַפטן; שטיל־לעבנס, — געמאָלענע אין אוילפאַרב, געצייכנטע מיט קויל. און אָט זענען צוויי בשכנותדיקע פאָרטרעטן, אין באַגולדעטע ראַמען. אויף איינעם פון זיי — אַ וואַלד אום ווינטער. און פונעם וואַלד, אויף אַ ווייסן, שלאַנקן פערד, טוט אַרויסרייטן אַ מיטליאַריקער מאַנצביל. אַ פולגופיקער. מיט אַ פליישיקן פּנים. מיט בלאַנדע, געדיכטע ברעמען איבער קליינינקע, כיטרענקע אויגאַלאַך. אַלכסונדיק איבערן רייטערס פּלייצע הענגט אַ יעגערישע ביקס. און

פון ביידע זייטן פערד, אויף וועלכן דער רייטער רייט, לויפן אין גאַלאָפּ (מיט לאַנגע, דינע, רויט אַרויסגעשטעקטע צינגער) אַ פּאָר גוואַלדאַוונע כלבים.

אויפן צווייטן בילד — נעמט זיך יוסף צוקוקן — איז אויסגעמאָלט אַ נידע־ריקע, פעסלדיקע יידענע. אַ שטייענדיקע לעם אַ קליין טישל. אנגעטאָן אין אַ בלוי־זיידן קלייד. טיף דעקאָלטירט. מיט אַנטבלויזטע אַקסלען. די צורה אירע איז פון אַ „יאַ־טעבע־דאַם". און אין דער רעכטער האַנט האַלט זי אַ בוקעט געלע בלימאַלאַד.

יוסף האָט זיך צומערשט גוט אָנגעקוקט מיט די דאָזיקע צוויי בשכנותדיקע פּאָרטרעטן. נאָכדעם — אָנגעצייגט אויף זיי דעם חבר אברהם; אַ פרעג־געטאָן:

— ווער איז דאָס דאָזיקע „פּאָרל"?

דער חבר אברהם האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, צו צו יוספן:

— אָט דער־אָ — ער האָט אָנגעוויזן אויפן רייטער — איז דער קישקין גער־גער פריץ, דער הער דוביין. ער איז דאָ אויסגעמאָלט ווי אַ יעגער. דאָס רייט ער פון „אָכאָטע". פונעם אייגענעם, קישקין גערגער וואַלד. ער זיצט אויפן פערד אַן „אויסגעגאָסענער". ער איז אַן אויסגעצייכנטער רייטער. אַ זון פון אַ בעל־עגלה. ער האָט אָבער ניט געוואָלט ממשיך־זיין דעם טאַטנס אַרבעט. זיך גע־ריסן צו עפּעס „העכערס". און בעת דער מלחמה האָט זיך דערצו געמאַכט אַ געלעגנהייט. אַ סך מענטשן זענען דאַן רייך געוואָרן, פון פאַרשידענע שפּעקולאַציעס. האָט זיך אַ נעם־געטאָן שפּעקולירן אויך ער, דער הער דוביין. און סע האָט אים אָפּגעגליקט. ער איז רייך־געוואָרן. זיך אָנגעקויפט הייזער, נחלאות, דעם קישקין גערגער מאַיאָנטעק. און פון דאַן אָן, ווי סע פּאַסט פאַר אַ פּריץ, האָט ער זיך גענומען פירן „קולטורעל". זיך אויך, ווי דער שטייגער איז, באַזאָרגט מיט אַ גרויסער ביבליאָטעק. הגם ער איז דער זעלבער עם־הארץ, וואָס אין די בעל־עגלהשע יאָרן: קען קוים אונטערשרייבן דעם אייגענעם נאָמען...

— און די־אָ ווידער — דער חבר אברהם האָט זיך אַ נעם געטאָן צום צווייטן פּאָרטרעט; צו דער אויסגעמאָלטער יידענע, — איז דעם הער דובינס פּלוניתטע: אַ געוועזענע דינסטמויד, וואָס טוט זיך גרויסהאַלטן מיט איר איצ־טערדיקער פריצישקייט... דער חבר אברהם האָט געוואָלט צוגעבן נאָך עפּעס.

האָבן זיך אָבער דערהערט שווערע, זיך דערנענטערנדיקע טריט. עס האָט זיך אויפגעעפנט די זאַל־טיר. און עס האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ הויכער, פול־גופּיקער מאַנצבל, אַ ביז־גאָר ענלאכער אויפן פּאָרטרעט, וואָס יוסף האָט נאָרוואָס געהאָט באַקוקט.

מען האָט זיך דערלאַנגט הענט.

דער הער דוביין האָט די שטייענדיקע געסט געבעטן זיצן. ער האָט זיך

דערבײַ אַלײן אַרײַנגעזעצט אין אײנעם פֿון די ברײטע, גרין־פּליושענע פֿאָטער־שטולן. ער האָט פֿאַרלײגט אַ פֿוס איבער אַ פֿוס און — אַנגעשטעלט אויף אַברהמען אַ וואַרטנדיקן בליק.

דער חבר אַברהם האָט געגומען דערקלערן די סיבה פֿון זײַן איצטיקן באַזוך:

— ער פֿאַרלאָזט אינגיכן דאָס היגע לאַנד. פֿאָרט קײן ארץ־ישראל. וועט שוין דאָרט בלײַבן. איז ער געקומען נעמען אַפּשײד. און אײַנײַנוועגס, מיט־געבראַכט דעם הער גרין, דעם נײַעם „מאַן פֿון צענטראַלינע״, זײַן אַברהמס, שטעל־פֿאַרטרעטער. זאָל זיך דער הער דוביז מיט אים באַקענען.

דער הער דוביז האָט בײַ די־אַ וואָרטער אַברהמס אַ שיק־געטאָן אַן אַפּשאַצנ־דיקן בליק אין יוספֿס זײַט. נאָכדעם, אַ צעשמײכלטער — געגומען אַ וואָרט:

— איז פֿאָרט שוין דער הער „אַבראַהאַם״ נאַך פּאַלעסטינע . . . אַ שאַד, אַ שאַד. עס איז אָבער ניכטס צו מאַכן. מאַן מוס דאָך אַמאָל פֿאָרן . . . אַט גלוסט זיך אים גופֿא, דעם הער דוביז, צו מאַכן אַ רײַזע אין לאַנד פֿון אונזערע „גראַספּאַטערס״ . . . ער קען עס אָבער דערווײַל ניט באַהױפּטן. קען זיך ניט אָפּרײַסן פֿון די פֿאַרשידענע געשעפֿטן. ער האָפֿט עס אָבער דורכצופֿירן. און דערווײַל ווינטשט ער דעם הער אַבראַהאַם אַ גליקלאַכע רײַזע.

דער הער דוביז האָט זיך בײַ די־אַ ווערטער אויפֿגעהויבן פֿונעם פֿאָטער־שטול. האָט צוגעשפּאַנט צו אַ קלײן, שײן־געשניצט שאַפֿקעלע. האָט עס אויפֿגעעפֿנט. האָט אַרויסגעקראַגן אַ בײַכיקע קאַראַפֿינקע, אַ פּולס מיט אַ געלבלאַכער פֿליסיקײט. האָט אויך אַרויסגעקראַגן דרײַ דיך־פּיסיקע, קריסטאַליק־געשליפֿענע גלעזלאַך.

מען האָט אויסגעטרונקען „לחיים״. לכבוד דעם הער „אַבראַהאַם״. צו זײַן רײַזע „נאַך פּאַלעסטינאַ״.

נאָכדעם, נאָכן „לחיים״, האָט דער הער דוביז מכבד־געווען די געסט זײַנע מיט גראָבע, שמעקעדיקע האַוואַנאַ־ציגאַרן. אַלײן פֿאַרױכערט אַזאַ מין ציגאַר. זיך באַנײַס אַרײַנגעזעצט אין פֿאָטער־שטול. געגומען לאָזן פֿון מויל און נאָז בלוילאַד־גרויע רויך־קנוילן און — זינגען אַ לויב־געזאַנג זײַנע חלוצישע „לאַנד־קנעכט״:

— זײ זענען ווילע „יונגלינגען״, פּרעכטיקע „מעדכענס״. ער, דער הער דוביז, איז מיט זײ העכסט צופֿרידן. ער האָט זײ ממש ליב . . . און באַזונ־דערס איז אים ליב „די מינעלע״ — אַ זעלטענע „באַורין״ . . . אײנע בלויז, די קלײנע „זוזאַנאַ״, איז אַ „פּאַולפּעלצע״; אַרבעט עפּעס צו פּאַמעלאַך . . . ער, דער הער דוביז, ווי דער הער „אַבראַהאַם״ ווײס שוין, האָט ניט ליב זיך צו פֿאַר־לאָזן אויפֿן אינספּעקטאָר . . . ער גיט אַלײן אויף די „לאַנדקנעכט״ אַכטונג, — באַמערקט ער אָפֿט, ווי די קלײנע „זוזאַנאַ״ פֿוילט זיך אונטער . . . וויל ער

דעריבער בעטן דעם הער אַבראַהאַם, ער זאָל אים איבערבייטן די דאָזיקע „זוזאַנאַ"
אויף אַן אַנדער „מעדכען"...

דער חבר אברהם האָט צוגעזאָגט דעם הער דובין איבערצובייטן די „זוזאַנאַ".
דערביי — אַ ווונק־געטאַן צו יוסףן.

מען האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער; זיך גענומען געזעגענען:

— אויף ווידערזען, הער דובין.

— אויף ווידערזען, מיינע הערשאַפטן...

עס זענען פאַרגאַנגען צוועלף טעג.

די „וואַנדערנדיקע לערער" האָבן פאַר דער־אַ צייט אַרומגעקרייזט דעם גאַנצן „גליל". האָבן באַזוכט אַלע צוועלף גלילשע קבוצות. האָבן איעדן טאָג פאַר־בראַכט אויף אַ נייעם מאַיאַנטעק. האָבן איעדן אָוונט דורכגעפירט אַ נייע „שיחה". האָבן איעדע נאַכט געשלאָפן אויף אַ ניי געלעגער. און יוסף, דער נייער „מורה נודד", האָט זיך אַזויאַרום באַקענט מיט אַלע הונדערט און פופציק גליליקעס. זיך באַקענט:

מיט די „חכמים" פון קישקין גערגען; מיט די „גדודניקעס" פון יאקן; מיט די „ליליפוטן" פון דומפן; מיט די „שנעבאַלאַד" פון קאַלאַטן; מיט די „הור־וויציסטן" פון עקיטן; מיט „חברה טראַסק" פון מעדיקן; און אַפילו מיט די הכשרהניקעס פון „קבוצת פאַלאַמפּן" — די ווייטסטע, פאַרוואָרפנסטע קבוצה, וואָס פאַרמאָגט צוליב איר ווייטקייט אַ צוגעפּאַסטן צונאָמען:

„קאַמטשאַטקע"...

און אויפן דרייצנטן טאָג (ער איז אויסגעפאַלן אינעם ערשטן מאַי) איז גע־געבן־געוואָרן אַ באַנקעט — לכבוד דעם חבר אברהם, צו זיין אָפּפאָר קיין „אַרץ".

דער באַנקעט איז געגעבן־געוואָרן אינעם גלילשן בית־החלוץ.

די חלוצים זענען אין דעם־אַ טאָג, צוליבן ערשטן מאַי, געווען פריי פון דער אַרבעט.

האָט מען זיך גענומען ציען פון גאַנצפרי אָן אין שטאָט אַריין. געשטראָמט פון אַלע צוועלף קבוצות. געשפּאַנט מיט גרינגקייט אין טראָט, מיט מונטערקייט אין גוף.

דערווייל האָט זיך געגרייט דער באַנקעט. די בחורות פונעם בית־החלוץ־קיבוץ זענען שוין פון גאַנצפרי אָן געווען פאַרנומען — אַלס קעכינס, אַלס בעקער־רינס, — אינעם גרויסן, ליכטיקן און זויבערן מטבח. זיך דאָ אַרומגעעסקט אַרום מולטערס, אַרום טעפּ, אַרום די עלעקטרישע קאָד־און באַק־אויוונס.

די בחורים פונעם קיבוץ ווידער — זיי זענען אויפגעשטאַנען אַ בריאזג אויף טאָג, באַגלייך מיט די בחורות, — האָבן זיך אַרומגעעסקט אינעם ריזיק־גרויסן „חדר השנה‟. האָבן אָפּגערייניקט דעם דאָזיקן גרעסטן בית־החלוץ צימער (אויפן צווייטן שטאָק) פון אַלע זיינע בעטן. אים נאָכדעם אָנגעפילט מיט טישן, מיט בענק. זיי צעשטעלט אַרום די ווענט. און די ווענט, דעם סופיט, — באַהאָנגען מיט גרינס, מיט קאָלירקע פּאַפּיר־לענטעס. און אַזוי־אַרום צוגעגרייט דעם „חדר־השנה‟ צו דער באַנקעטישער „אונטערנעמונג‟.

די „וואַנדערנדיקע לערער‟ ווידער, אברהם און יוסף, (זיי האָבן זיך צוריק מיט אַן אָוונט געהאַט צוריקגעקערט פונעם טור איבער די גלילישע קבוצות) זענען אין דערזעלבער צייט געזעסן אינעם קליינינקן „מזכירות‟־צימערל. געזעסן דאָ, אַריבערגעבויגן איבער בלאַנקע און פאַרשריבענע פּאַפּירבויגנס. געהאַלטן אין איין שרייבן. געגרייט צום באַנקעט אַ „לעבעדיקע צייטונג‟.

דער טאָג איז דערוויייל געוואַקסן. אַ טאָג — אַ זוניק העלער, אַ זוניק בלענדנ־דיקער. אַ טאָג — אַ פליייצנדיקער מיט וואַרעמע ליכט־כוואַליעס.

דער הויף פונעם בית־החלוץ, דער בית־החלוץ גופא האָבן געהאַלטן אין איין זיך אָנפילן.

מען האָט ניט אויפגעהערט אַריינשטראָמען. פריש אַרומגעוואַשענע, יום־טובדיק אָנגעטאָנענע, מיט מונטערדיקע טריט, מיט שיינענדיקע פּנימער, מיט גע־רייד און געלעכטער.

און לסוף — די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען; דער דרויסן האָט גענומען טונקלען; דורך די צעעפנטע בית־החלוץ־פענצטער האָט גענומען אַריינפּינטלען אַ טיף־צעבלויטער, געדיכט־באַשטערנטער הימל, — האָט זיך דער יום־טובדיקער עולם גענומען קלייבן אויפן צווייטן שטאָק. גענומען פליסן אין רחבותדיקן, העל־באַ־לויכטענעם „חדר־השנה‟.

מע נעמט זיך דאָ אויסזעצן אַרום געדעקטע טישן.

עס פאַרנעמען אויך ערטער — אויבנאָן, אַקסל לעם אַקסל, — די „וואַנדערנ־דיקע לערער‟, אברהם און יוסף. — און דער באַנקעט ווערט געעפנט.

דער חבר אברהם האַלט דעם ערשטן „נאום‟.

ער רעדט וועגן „גליל‟. וועגן די קבוצות. וועגן די צוויי יאָר, וואָס ער, אברהם, האָט אין „גליל‟ אַרומגעוואַנדערט — — — און איצט איז ער עולה. און עס בלייבט דאָ, אין „גליל‟, דער חבר יוסף. האָפט ער, אברהם, (צוזאַמען מיט אַלע גלילניקעס, וואָס באַרינגלען איצט די דאָזיקע געדעקטע טישן), אַז יוסף, דער נייער „מורה נודד‟, וועט דאָ ווי געהעריק ממשיך־זיין די קולטור־רעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט.

חוץ דעם, ווילט זיך אברהמען זאָגען עטלאַכע ווערטער צום יום־טוב פונעם ערשטן מאַי, וואָס פאַלט אויס גראַדע היינט. — דאָס איז אַ יום־טוב אויך אַ חלוצי־שער. ווייל מיר, חלוצים (דער חבר אברהם טוט דאָ אַ העכער די שטים) — ווייל מיר, חלוצים, בויען ארץ ישראל אויף יסודות פון אַרבעט. האָבן מיר דעריבער אינעם ערשטן מאַי אַ וויכטיקן חלק. דאַרפן מיר דעריבער דעם דאָזיקן פּראָלע־טאַרישן יום־טוב ווי געהעריק פייערן. טאָ זאָלן דעריבער לאַנג לעבן:

דער ערשטער מאַי;

דער אַלוועלטלאַכער פּראָלעטאַריאַט;

די חלוצישע באַוועגונג;

דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל.

נאָכדעם — אַ לענגערע ווײַלע הערן זיך הילכיקע הענט־פּאַטשערייען, רוי־שיקע „הידד״־געשרייען, — שטעלט זיך אויף דער חבר יוסף. ער פילט זיך אין דאָזיקן מאָמענט יום־טובדיק דערהויבן, אומגעווײנלאַך אויפגעלעבט. און ער רעדט — מאָדנע גרינג, מאָדנע פליסיק, — פון זיין אָנקום אין „גליל״; פון זיין ערשטן טור איבער די קבוצות. און ער פאַרענדיקט דעם „נאום״ מיט אַ האַרציקן „צאתך־לשלום״ דעם חבר אברהם. ער פאַרזיכערט אים הערביי, אַז ער, יוסף, וועט דאָ ווי געהעריק ממשיך־זיין די חלוצישע אַרבעט.

נאָכדעם — עס הערן זיך נייע הענט־פּאַטשערייען, „הידד״־געשרייען, — נעמט מען דערלאַנגען „נאומים״ פון יעדן טיש, פון יעדן ווינקל. עס ריידן „גדודניקעס״, „ליליפּוטן״, „שנעבאַלאַד״, „חכמים״. עס רעדט „חברה טראָסק״. עס נעמט אַ וואָרט „קאַמטשאַטקע״. ביז אַלע רעדעס — סיי קורצע, סיי לאַנגע, סיי געלונגענע, סיי ניט־געלונגענע, — ווערן געענדיקט.

און איצט טוט מען זיך אַ נעם צו דער באַנקעטישער וועטשערע. צום געהאַקטן הערינג. צום ווייסן געבעקס. צו די הייסע, פעטע קאַרטאָפל־לאַטקעס. צו דער זודיקער, ווי געהעריק פאַרצוקערטער ציקאָריע. מען עסט, מע טרינקט און מע באַגלייט די וועטשערע מיט לידער, מיט געזאַנג, מיט קלאַפּעריי פון לעפל־טעלער, גאָפּל־מעסער.

נאָכדעם — די וועטשערע איז שוין פאַרענדיקט; די טישן — אָפּגעליידיקט, — נעמט דער חבר אברהם פאַרלייענען די „לעבעדיקע צייטונג״:

— „דער גליל״... אַן איינמאַליקע אויסגאַבע... געווידמעט דעם היינ־טיקן באַנקעט...

עס קומען דאָ צומערשט „טעלעגראַמעס״... נאָכדעם — אַ „לייט־אַרטיקל״, אַ „פעליעטאָן״; אַ דערציילונג״; „כראָניק״; „אַנאָנסן״ . . .

דער חבר אברהם לייענט ניט־געיילט. אינטאנירט ווי געהעריק די שטים. מאכט די נויטיקע פאוזעס.

עולם זיצט צונויפגערוקט, צונויפגעקוועטשט. מיט אנגעשפיצטע אויערן. מיט פארטייעטע אטעמס. מע הערט זיך, פארכאפטע, צו. מע שלינגט איעדן ווארט. אלץ אין דער „צייטונג" איז נאנט, היימיש, אייגן...

אזוי פארגייט א נייע שטיק צייט. ביז די „לעבעדיקע צייטונג" ווערט פאר־ענדיקט.

און איצט ערשט צעפלאקערט זיך די שימחה. עס צערוקן זיך טישן, בענק. עס ווערט אפגעליידיקט וואס מער דיל־שטח. און עולם — א צעברויזטער, א צעפיבערטער, — לאזט זיך אוועק טאנצן א הורא:

גילו הגלילים,
גיבורי החיל,
שישו ושימחו
יומם וליל — — —

קאַפּיטל צעז

ליגן אין „גליל״ צוועלף חלוצישע קבוצות (ווי אמאל, אין מידבר, די צוועלף יידישע שבטים) און פיבערן אויס א פרישן פרילינג; א פרילינג פון נייער חקלאי־שער ארבעט.

די ארבעט אויף די פריצישע מאיאנטקעס האלט איצט אין איין בליען, אין איין וואקסן, איז איין זיך אויסברייטערן.

די ארבעט בליט צוזאמען מיט די מאייק צעפרילינגטע טעג, וועלכע גיסן זיך אן מיט וויין, מיט האניק.

די ארבעט וואקסט צוזאמען מיטן זאפטיק צעגרינטן פרילינג, וועלכער ווערט העלער, זוניקער מיט יעדן טאג; בלויער, טוייקער מיט יעדער נאכט.

די ארבעט ברענט.

אין די פריצישע הויפן. אויף די פריצישע פעלדער.ביים מיסטיקן. ביים אקערן. ביים זייען. ביים מעלקן פריצישע, נארוואס אפגעקעלבטע קי (וועמענס אייטערס עס האלטן אין איין אנקוועלן מיט פעטן, שמאנטיקן מילך). ביים ארומ־גיין ארום פריצישע אויסגעפאשעטע פערד, אויסגעקארמעטע עופות.

עולם חלוצים ווייס איצט קנאפ־וואס פון רו. איעדן אינדערפרי צעקלינגען זיך די קבוצות מיט גרילצנדיקע וועקזייגערס. די וועקזייגערס צעוועקן דעם כראפנדיקן עולם. טוען אים אראפשלעפן פון ווארעמע געלעגערס. נעמען אים טרייבן האלז און נאקן:

— גיכער! שנעלער! שוין פינף דער זייגער!...

עולם שפרינגט פון די בעטן. ציט אויף זיך ארבעט־בגדים. וועקט דערביי די שלאפנדיקע, די פוילאקעס:

— לקום! לקום!

און אט איז מען אנגעטאן, ארומגעוואשן, אפגעגעסן. עס צעפראלן זיך טירן. מע טוט זיך ארויסלאזן — באוואפנטע מיט ארבעט־מכשירים — אין פרייקן אינ־דרויסן.

די וועלט ארום רוישט שוין.

פריצישע הויפן האלטן שוין אין רודערן. פארהערן זיך מיט בילעניש פון הינט; מיט הירזשעניש פון פערד; מיט מוקעניש פון קי; מיט קרייעניש פון הענער; מיט קולות פון מענטשן. יעקישע אינספעקטארן (אין היכע, גלאנציקע

שטיוול; מיט שפּיצריטער אין די הענט; מיט גרינע פּעדערן אין די שליאָפּעס) וואַרטן שוין אויף די „לאַנדקנעכט״. טוען זיי אויפנעמען אויפזעעריש שטרענג. טוען זיי צעשיקן איבער אַרומיקע קי־שטאַלן, פערד־סטאַדאַלעס, פּעלדער, גערטענער, תבואה־שפּייכלערס, האָלץ־קאַמערן.

עס הויבט זיך אָן אַ נייער, פופצנשעהקער אַרבעט־טאָג.

די חלוצים פּראַצעווען.

די „אַלטע גוואַרדייצעס״ — געניטע, אויסגעפּרוווטע הכשרהניקעס, — טוען די אַרבעט מיט אַ סדר, מיט אַ טאַלק; קאַלטבלוטיק; זיכער אין די אייגענע כוחות, קענטשאַפטן. די נייע הכשרהניקעס ווידער (אין „גליל״ רופט מען זיי „שוואַלבן״) יאָגן משוגענערהייט. היצן זיך. באַקומען צעפּאַרעטע פּנימער, קורצע אָטעמס. ווערן באַגאָסן מיט שווייס. די הענט־דלאָניעס זייערע פּאַרלויפן זיך מיט בלאָטערן, מיט פּוכירן; נעמען שמאַרצן, נעמען זיך קלעפּן צו די הענטלאַך פון די רידלען, פון די מיסט־גאָפּלען, פון די העק. די דייטשישע „לאַנדקנעכט״ טוען פון די־אַ „שוואַלבן״ אָפּחוזקן:

— „פּערדיקטע״...

די עלטערע חלוצים — אויך זיי מאַכן שפּאַס פון די „שוואַלבן״. זיי ווייזן זיי אָבער, ווי צו האַלטן אַ ווילע, אַ האַק; ווי צו גראָבן די ערד; ווי צו שפּאַנען נאָכן אַקער.

און אַזוי פּאַרגייען שעהן. זוניקע. רעגנדיקע. שטילע. ווינטיקע. אויף רחבותדיקע פּעלדער. אין טונקעלע קי־שטאַלן, פערד־סטאַדאַלעס.

און לסוף — דער לאַנגער פרילינג־טאָג נעמט זיך נויגן צום מערב־ראַנד; די זון באַגילדעט שוין העכסטע ביימער־שפּיצן, — ווערט די אַרבעט געענדיקט.

עולם שפּאַנט אַהיים.

מע שפּאַנט מיט שווייסיקע גופים, מיט אָנגעהאַרעוועטע הענט, מיט איינגעמידטע פּנימער. אין בליקן אָבער קוועלט פרייד. אין הערצער אָבער פלאַטערט געזאַנג. און עמעצער פונעם עולם — אַ יאַט אַ טאָן־געבער — פּאַרציט אַ האַ־פּערדיק ליד:

אנו נהיה הראשונים,
כד אמרנו אח אל אח,
אנו נהיה בין הבונים,
נט המיתר, נט אנד — — —

דאָס שפּאַנען ווערט לעבעדיקער. מע זינגט שוין אין כאָר. ביז מע לאָזט זיך אַריין אין קבוצה.

מע טוט זיך דאָ אַ נעם צום וואַסער־פּעסל. מע וואַשט זיך. מע ווישט זיך

ארום. נאכדעם עסט מען וועטשערע. נאכדעם לייענט מען צייטונגען, לערנט מען עברית, פירט מען דורך א „שיחה", זינגט מען לידער, גייט מען א הוירא. און אט קומט אן אוונט — א באזונדערס וויכטיקער, אינטערעסאנטער. אין קבוצה באווייזט זיך יוסף — דער נייער „מורה נודד". דאן פארזיצט מען זיך ביז שפעט. יוסף דערציילט נייס, לייענט עפעס פאר, האלט גאר א פארטראג. און עולם ווערט ניט מיד זיצן; ווערט ניט מיד הארכן.

יוסף לאזט ניט לאנג אויף זיך ווארטן. ער שפאנט איבער די שאסייען. פון איין קבוצה אין דער אנדערער. ער טוט ארומקרייזן דעם גארן „גליל" אלע צוויי וואכן. ער לאזט זיך ארויס אין וועג איעדן זונטיק אינדערפרי. שפאנט ארויס פון בית־החלוץ; פון שלאכטערשטראסע זעקס; פון דער אלטער, דייטשישער פארט־שטאט מ.

און אט איז איינער אזא מיז זונטיק אינדערפרי. א זוניק הויכער. א פריי־לינגדיק־בלויער. דער פרילינג טוט שוין אויסוועבן זיין בלויסטן, צארטסטן זיידנס; טוט שוין אויסקאוועז זיין העלסטן, פינקלדיקסטן גאלד.

די ביימער — פון ביידע זייטן שאסיי, איבער וועלכן יוסף שפאנט, — שטייען אנגעטאן אין ווייס־ראזן צוויט.

די תבואות — אויף די ארומיקע מיילן־ווייטע פעלדער — זענען שוין היפש הויך.

פוניבן — פונעם טיף־אויסגעבלויטן הימל — שמייכלט אראפ אווארעמע זון.

און די לופט — א פריש־דינע, א זיס־דופטנדיקע, — איז פול מיט פויגלשע צוויטשערייען, טרילערייען.

יוסף שפאנט. מיט א פארטפעל אונטערן ארעם. דער פארטפעל — דעם חבר אברהמס א מתנה. אין פארטפעל — גלילשע „ליטעראטור": ביכער, זשור־נאלן, צייטונגען; חפצים, נויטיקע פארן טעגלאכן געברויך. און, אזוי א שפאַ־נענדיק, לאזט זיך יוסף לסוף אריין אין „קבוצת יאקן" — די באנטסטע קבוצה פון שטאט.

אין יאקן, פונקט ווי אין די איבעריקע גלילשע קבוצות, איז זונטיק א רו־טאג. אויפן מאיאנטעק איז שא־שטיל.

די ניט־יידישע „לאנדקנעכט" געפינען זיך אין די קליינע טונקעלע היימען: רוען זיך אויס.

עס רוט אויך דער אינספעקטאר.

און בלויז חלוצים אַרבעטן — אַנשטאָט שבת.

די אַרבעט זייערע אָבער איז ניט קיין וויכטיקע, ניט קיין שווערע. די אַרו־מיקע פעלדער, גערטנער רוען אום זונטיק. טוט מען עפּעס אין קי־שטאַל, אין פערד־סטאַדאָלע, אין תבואה־שפּייכלער, אין קאַרטאָפל־קעלער, אין האָלץ־קאַמער. דערביי האָט מען גענוג צייט צו שמועסן, צו דיסקוטירן. איבער „בנין הארץ״, איבער „שאלת החברה״. איבער אַנדערע חלוצישע ענינים. אַ טייל חלוצים ווי־דער זענען אום זונטיק אינגאַנצן פריי. ניטאָ פאַר זיי קיין שום אַרבעט. זיצן זיי אינדערהיים — אין קבוצה. זיצן און „בטלען״. אַזויאַרום, אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון „קבוצת יאקן״, טרעפט דאָ יוסף אַ פּאָר בטלנדיקע „גדודניקעס״. איי־נעם פון זיי רופט מען נחום; דעם צווייטן — מאַטקע „טראַקטאָר״.

נחום.

ער איז איינער פון די עלטסטע גלילניקעס. אַ דרייסיק־יאָריקער. אַ הויכער. אַ שלאַנקער. אַ מוסקולדיק־קרעפטיקער. ער פאַרמאָגט אַ קאַנטיקן, פאַרברוינטן פּנים; קאַרע, קינדיש־פאַרחלומטע אויגן; און אַ געלאָסענע, ווייך־גלעטנדיקע שטים.

אין „גליל״ איז נחום באַוווסט ווי איינער פון די בעסטע חקלאיים, ווי „אַ יאָט מיט גילדערנע הענט״. מע קען אים אָבער אויך ווי אַ „בעל־חלומות״, אַ „פריי פויגל״, אַ „ווינטישע נאַטור״.

לאַנג אויף איין אָרט איינזיצן קען ער ניט, נחום. ער בייט אָפט די קבוצות. ווערט צומאָל אינגאַנצן פאַרפאַלן.

יוסף קען אים שוין אויסגעצייכנט. ווייס שוין נחומס „לעבנס־געשיכטע״. עס אויסגעהערט דאָ טאַקע, אין יאקן. פון נחומען זעלבסט. צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן. שלאָפנדיק מיט נחומען אין איין בעט.

— טאַטע־מאַמע — האָט אים נחום דאַן דערציילט — געדענקט ער זייער מטושטשדיק. זיי זענען ביידע אין איין וואָך אומגעקומען פון אַ מגפה. נחומען איז דאַן געגאַנגען דאָס פערטע יאָר. איז ער געוואַקסן אַ קיילאַכדיקער יתום. זיך „דערצויגן״ ביי ווייטע קרובים. נאָכדעם, אויפן צענטן לעבנס־יאָר, האָבן אים די אַפּוטרופּסים זיינע פאַרדונגען צו אַ שוסטער. פונעם שוסטער איז שוין נחום זעלבסט — אָן קיינעמס הילף — אַריבער צו אַ שניידער. נאָכדעם — צו אַ סטאָ־ליער, צו אַ מולער, צו אַ שמיד... ער האָט לאַנג ניט געקענט איינזיצן ביי איין מלאכה. געהאַלטן אין איין בייטן די פאַכן, די אַרבעט־ערטער. און אָפט — איב־גאַנצן ניט געאַרבעט. זיך אַרומגעדרייט אַ פּוסטעפּאַסנער. אין די שמאָלע, גע־דרייטע זאַוווּלעקלאַך פון ווילנע זיין היימשטאָט. ביז סע האָט אויסגעבראָכן די

מלחמה. ביז מען האט אים, נחומען, צוגענומען אין סאלדאטן — אוועקגעשיקט אויפן פראנט.

איז ער אויפן פראנט, אין די אקאפעס, אפגעלעגן העכער צוויי יאר. איז דא א פאר מאל פארוואונדעט־געווארן. נאכדעם — ארייַנגעפאלן אין געפאנגענשאפט; מגולגל־געווארן צו איינעם א רייכן יעקישן פריץ אויף א גוט.

אויפן דאזיקן מאיאנטעק האט זיך נחום אויסגעלערנט חקלאות. געווארן איינער פון די בעסטע „לאנדקנעכט". דער פריץ איז נאך אים געווען די כפרה. אים געשדכנט אן אייגענע טאכטער — א בלאנדהאריקע, שווערלייביקע גרעטכען. האט זיך אבער נחומען ניט געוואלט חתונה־האבן. אים האט געצויגן אהיים. צו די ווילנער ארעמע זאווולעקלאך... איז ווי נאר עס איז דערקלערט געווארן שלום, האט ער פארלאזן זיין געפאנגענשאפט.

ער האט זיך, צוזאמען מיט אנדערע רוסישע פלעניקעס, אריבערגעכאפט קיין פראנקרייך. זיך ארויפגעזעצט אויף א רוסישע שיף. אפגעפארן אהיים.

אינדערהיים, אין רוסלאנד, האט שוין געבושעוועט דער בירגערקריג. נחומס „פלען"־חברים האבן זיך אנגעשלאסן אן דער רויטער ארמיי; זיך גענומען שלאגן מיט די בורזשויעס, מיט אלערליי „ווייסע". אים אבער, נחומען, האט זיך מער ניט געוואלט מלחמהווען. אים האט געצויגן קיין ווילנע... האט ער זיך באנייס אוועקגעלאזט וואנדערן. פון שטאט צו שטאט. פון דארף צו דארף. אביסל אונטערגעפארן. דאס איבעריקע — צופוס... אונטערגעהונגערט. זיך אנגעפארן „געשווארצט" גרענעצן. ביז ער האט זיך דערשלאגן קיין ווילנע.

ווילנע אבער איז שוין דאן געלעגן אונטערן פוילישן קנאפל. האט שוין גע־האט אפילו אדורכגעמאכט א נישקשהדיקן פאגראם... איז דא נחומען מער ניט געפעלן־געווארן. אונטערן „ווייסן אדלער" גלוסט זיך אים ניט בלייבן... ער האט זיי, די „פאנעס", טיף אין דער אדמה... האט ער א „שווארץ"־געטאן א נייעם גרענעץ. זיך אריבערגעכאפט אהער אין לאנד. און דא־א — געווארן א חלוץ.

פון דאן אן ארבעט נחום אין „גליל". איז דא פארעכנט פאר איינעם פון די בעסטע חקלאים. בייט אבער אפט די קבוצות. ווערט צומאל איינגאנצן פאר־פאלן. דרייט זיך ארום אין דער אלטער דייטשישער פארט־שטאט מ. פארווילט דא טעג־לאנג ביים ברעג ים. ליגט דא און בטלט. בליקט צום ווייטן ימישן האריזאנט. פאנטאזירט:

— אז ער וועט קומען קיין „ארץ" — פאנטאזירט ער — וועט ער זיך גאר פארלאזן א בארד — ווי משה רבינו... וועט זיך אויך באזארגן מיט א משה־

רבינודיקן שטעקן... און אַזוי־אָ — אַוועקוואַנדערן באַנייס. באַזוכן דעם „עמק", דעם „נגב", די „גלילים"...

אַט אַזאַ מין בחור איז נחום. און ניט קוקנדיק אויף דער „ווינטיקער נאַטור" זיינער, האָט מען אים אין „גליל" זייער ליב. מע נעמט אָבער אָפּט צו אים צו־שטיין:

— וואָס טאַקע פּאַרט ער שוין, נחום? וואָס איז ער שוין סוף כל סוף עולה?

אויף דער־אָ צושטייערניש צעעפנט תמיד נחום אַ פּאָר רויטע ליפּן; באַווייזט אַ פול מויל געזונטע, בלישטשנדיקע ציין:

— ער איז גרייט עולה־זיין כאָטש היינט, כאָטש באַלד, כאָטש די־אָ מינוט. ער דאַרף בלויז באַקומען דעם געהעריקן סערטיפיקאַט...

דעם געהעריקן סערטיפיקאַט וויל מען אָבער נחומען ניט געבן. ווייל ער, נחום, איז „אַ ברעכער פון דער קבוצהשער דיסציפּלין". ווייל ער איז, חוץ דעם, קנאַפּ־וואָס באַהאַוונט אין „הכשרה תרבותית". קען ניט קיין עברית. קלייבט זיך שלעכט פאַנאַנדער אינעם ציוניזם, אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. ווערט ער אַלץ ניט „מוכשר לעליה"...

מאַטקע טראַקטאַר — דער צווייטער בטלענדיקער „גדודניק", וועמען יוסף טרעפט איצט אין „קבוצת יאקן", — איז אַ פּיל ייִנגערער פון נחומען. ער איז אויך נידעריקער פון נחומען. דערפאַר אָבער ברייטער אין די פּלייצעס, אין די לענדן. דער פּנים זיינער איז געדיכט באַשאָטן מיט זומערפלעקן. די אויגן זיינע זענען גריןגרויע, מיט אַ שטאָלענעם גלאַנץ. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ הויכע, פלאַקסענע טשופּרינע. און אַ קאַרק פאַרמאָגט ער פון אַ גאַר וואַזשנעם קולאַק־העלד.

ביזן „החלוץ" האָט מאַטקע, צוזאַמען מיטן אייגענעם טאַטן, געטריבן אַ פּאָר „אַדלערס". זיך אַרומגעהעצקעט, צוזאַמען מיטן בעל־עגלהשן טאַטן, אין אַ גע־לאַטעטער בויד. געפירט „פאַרשוינעו". פונעם בלאָטיקן היימשטעטל צום ווייטן וואָקזאַל. פון וואָקזאַל — צוריק אַהיים. אַזוי — טאָג־איין, טאָג־אויס. אַזוי — ביז מאַטקען איז געוואָרן זיבעצן.

דאַן האָט זיך אין מאַטקעס היימשטעטל אַרגאַניזירט אַ סניף־החלוץ און חברה פונעם סניף האָבן אויף אים, אויף מאַטקען, געוואָרפן אַן אויג:

אַזאַ יאַט... געזונט, ווי אַן אָקס... אַן „עלעמענט" אַ פּאַסיקער פאַר דער באַוועגונג... דאַרף ער צעטרענצלען די יאָרן אויף קאָזלעס!... האָבן זיך חברה צו אים אַ נעם־געטאָן — „פאַרנאַרט" אין חלוצישן לאָקאַל.

אינעם דאזיקן לאקאל (א געוועזענע סטאדאלע, וואס דער סניף האט ביליק אפגעדונגען; ארייגעשטעלט א טיש, עטלעכע בענקלאך, א שאפקעלע מיט ביכער; און אויסגעהאקט אין איינער פון די „בלינדע" ווענט א פירקאנטיקע לאך — א „פענצטער") האט זיך מאטקע די ערשטע צייט געפילט ניט איבעריק פויגלדיק. אים זענען דא פרעמד־געווען די הויכע שמועסן, וואס עולם פירט. ער, מאטקע, איז נאך דאן, מיט צוויי יאר צוריק, געווען א קנאפער ידען אין חלוציות, אין ארץ־ישראל. האט ער געהאט ווייניק צוטרוי צו די תמיד דיסקוסירנדיקע חלוצים. זיך געפילט צווישן זיי פרעמד. געבענקט אהיים. נאכן טאטנס „אדלערס". נאכן טאטנס געלאטעטער בויד. נאך דער אלטער, געהויקערטער קרעטשמע, וועלכע שטייט אויף העלפט וועג פונעם דריימייליקן טראקט, איבער וועלכן ער, מאטקע, פירט טאגטעגלאך „פארשוינען". ביי דער־א קרעטשמע שטעלט ער זיך, מאטקע, יעדן טאג אפ. פאיעט דא די פערד. ווארפט זיי צו ארעמס היי, קונישינע. באהענגט זיי די מארדעס מיט טארבעלאך האבער... נאכדעם כאפט ער זיך אריין אין קרעטשמע. מאכט א „לחיים". פארבייסט מיט א זויערער אוגערקע, מיט א געפעפערטן, שטיין־הארטן „גאמלקעז"...

האט מאטקע שטארק נאך דעם אלעם געבענקט.

די דאזיקע בענקשאפט אבער האט זיך שפעטער־צו גענומען אויסוועפן. מאטקע האט זיך צוביסלאך צוגעוויינט צום חלוצישן לאקאל, צו דער חלוצישער פרייל‌אכער יוגנט. ער האט ליב־געקראגן די הארציקע לידער, וואס זיי זינגען; די היציקע הוראס, וואס זיי טאנצן. ביז ער האט גענומען מיטזינגען, מיטטאנצן. איז אויך געווארן באוווסטזיניק. זיך אויסגעלערנט עברית. גענומען ארײנשטעלן א ווארט אין א דיסקוסיע... און לסוף, מאטקע איז שוין געווען א מוסטערהאפ־טער חבר, — אוועקגעשיקט־געווארן אויף הכשרה.

איז מאטקע אנגעקומען אין „גליל", אין „קבוצת יאקן". זיך ארייגעווארפן אין דער לאנדווירטשאפטלאכער ארבעט. אויסגענומען ביים יאקינער אינספעק־טאר. און באשטימט־געווארן פארן יאקינער טראקטאריסט.

איז מאטקע פון דאן אן פארנומען מיטן יאקינער טראקטאר. האט אים, דעם טראקטאר, מאדנע ליב. קען זיך מיט אים קיינמאל ניט שיידן. האלט פון אים אין איין ריידן, אין איין דערציילן... איז מאטקע דעריבער באקרוינט־געווארן מיטן צונאמען „טראקטאר".

פון יאקן (פארווײלנדיק דא א טאג מיט א נאכט; דורכפירנדיק א „שיחה"; באזוכנדיק, אויב סע פאדערט זיך, דעם יאקינער פריץ — דעם הער מיללער) לאזט זיך יוסף אוועק קיין דומפן.

ער שפּאַנט מיט אַ זייטיקן וועג — אַ ניט־געפּלאָסטערטן, אַ זיך־שניידנדיקן צווישן יונגע בעריאָזע־וועלדלאַך, צווישן שטילע, גרינבאַגראָזטע פּליינען.

ער שפּאַנט ניט־געיילט. טראַכט דערבײַ פון די „דומפּענער ליליפּוטן". און זעט זיי אַלעמען אין דמיון.

ער זעט שיפרהלען: אַ קורצינקע, אַ ברייטנאָזיקע, אַ שמאָל־אויגיקע; מיט אַ שוואַרצן, קוטשעראַוון קאָפּ.

ער זעט חמדהן: אַ פּוכלינקע, אַ תמיד לאַכעדיקע, אַ גרויסע בריה: סײַ אַלס „תּורנית", סײַ אַלס „חקלאית".

ער זעט דעם קליינינקן, פּעסט־צונויפגעקלאַפּטן פּוקסלען. ער זעט לייבעלען, זלמנקען — — — און, באַזונדערס, שלמהלען — „שלמהלע ציגיינער".

דער דאַזיקער שלמהלע איז איינער פון די באַרימטסטע גלילניקעס.

ער איז, ערשטנס, דער סאַמע קלענסטער אין „גליל". און, צווייטנס, איינער פון די סאַמע עלטסטע — נאָך עלטער פון נחום דעם „גדודניק".

אויף אים אָבער, אויף שלמהלען, איז שווער צו דערקענען די יאָרן. ער פאַרמאָגט אַ יונג פּנימל, אַ דין גופל, גרינגע, פלינקע פיסלאַך. ער פירט זיך דערצו, ווי אַ צען יאָריק ייִנגל. שטיפט. לאַצ'עוועט. קען זיך פלוצים צעקרייען ווי אַ האָן, צעבילן ווי אַ הונט, צעיאָגן ווי אַ לאַשעק. איז אויך „דערפינדעריש" אויף אַלערליי המצאות, ווערטלאַך, צונעמענישן.

ביזן „החלוץ" האָט שוין שלמהלע געהאַט אַדורכגעפּרוּווט פאַרשידענע באַשעפטיקונגען. איז געווען אַ לענגערע צייט אַן אַקטיאָר; אַרומגעוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלאַך; מיט אַ יידישער פּראָווינציעלער טרופּע. האָט נאָכדעם געקנעלט „אויף קאַנדיציעס". האָט געדאַוונט ביים עמוד. האָט אונטערגעהאַנדלט אויפן מאַרק — — — די דאָזיקע אַלע באַשעפטיקונגען האָבן אָבער שלמהלען קנאַפּ־וואָס באַפרידיקט. ער האָט אַלץ געזוכט „דעם וועג צו זיך". ביז ער איז לסוף געוואָרן אַ חלוץ.

אָט מיטן דאַזיקן שלמהלע — אַזוי דערציילט מען — זענען אין „גליל", אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקום, געשען אַ פּאָר „פריילאַכע געשיכטעס".

די ערשטע „פריילאַכע געשיכטע" איז דאָ געשען באַלד אינעם ערשטן פריימאָרגן פון שלמהלעס אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך דאָן צום ערשטן מאָל צונויפגעטראָפן מיטן דומפּענער אינספּעקטאָר — אַ בייזער יעקע, אַ נישקשהדיקער אַנטיסעמיט. האָט אים דער אינספּעקטאָר ביז גאָר שפּאַטיש אַרומבאַבליקט, אַרומבאַטראַכט. נאָכדעם — חוזקדיק אַ פרעג־געטאָן ווי מע רופט אים.

שלמהלען איז ניט געפעלן־געווארן דעם אינספעקטארס טאן. האט ער באַ־שלאָסן „אפצאלן מיט דער אייגענער מטבע״:

— מיך? ווי מע רופט מיך? מע רופט מיך, פאני אינספעקטאר, מיט א זייער „הויכן״ נאמען: באראן פאן האבעניכטס!...

דער אינספעקטאר — דערציילט מען — האט זיך דאן דערפילט שטארק באליידיקט: עס טרייבט פון אים קאטאוועס אזא מין פיצל, אזא מין „יודכען״... האט זיך דער פרצוף זיינער אנגעצונדן מיט רציחה:

— ווי? האָ—בע—ניכט?...

אים האט זיך דערביי פארגלוסט דערלאנגען דעם חצופדיקן „יודכען״ מיטן שפיצרוט, וואס ער, דער אינספעקטאר, האלט תמיד אין דער גראבער, האריקער האנט. ער האט זיך אבער פון אזא מין „דערלאנגען״ אפגעהאלטן: דער דומ־פענער פריץ, דער הער אייטמאן, איז א קעגנער פון שלאגן „לאנדקנעכט״... האט דער אינספעקטאר באשלאסן צו באשטראפן שלמהלען אויף אן אנדער אופן.

ער האט אים אפגעטיילט פון אלע איבעריקע קבוצהניקעס. אוועקגעפירט באַזונדער. ארייגעבראכט אין דער פריצישער פערד־סטאדאלע.

די פערד־סטאדאלע איז געווען הויך אנגעטאפטשעט מיט הנאי.

דער אינספעקטאר האט דא פון איינעם א ווינקל ארויסגעקראגן א מיסט־גאפל. אים דערלאנגט שלמהלען. אנגעוויזן אויפן הנאי. א באפעל־געטאן מיט א געמבע פול דראונג:

— ביז „קליין מיטאק״ ארויסראמען דעם דאזיקן גארן הנאי אינדרויסן ארויס!

שלמהלע האט זיך א נעם־געטאן צו דער ארבעט.

דער הנאי אבער איז געווען גע׳דיכט איינגעטאפטשעט. האט זיך שווער גע־ריסן. האט דערצו פון זיך ארויסגעלאזט, מיט יעדן ריס, וואס שלמהלע האט געטאן, א געדיכטע, „שמעקעדיקע״ פארע — א קרעלנדיקע אין האלז, א קיצלדיקע אין נאז. שלמהלע האט זיך מוראדיק געמאטערט; נישקשהדיק אונטערגעהוסט, אונטערגענאסן. און דער אינספעקטאר — די גראבע, האריקע הענט פארלייגט איבערן הויכן בויך; די קליינינקע, מיט פעטס פארלאפענע אויגאלאך אנגעגאסן מיט קאניבאלישער פרייד, — איז זיך די גאנצע צייט געשטאנען אנאזייט; זיך צוגעקוקט; צוגעברומט:

— זא איין דומקאפף! זא איין טויגעניכץ! זא איין האבע—ניכט!...

די צווייטע „פריילאכע געשיכטע״ איז געשען אויפן צווייטן טאג.

דער אינספּעקטאָר — נאָך אַלץ אַן אָנגעדרודלטער אויפֿן חצופֿדיקן „יודכען״ — האָט באַלד אינדערפֿרי, ביים פֿאַנאַנדערטיילן די אַרבעט, באַנייס אָפּגעזונדערט שלמהלען פֿון אַלע איבעריקע קבוצהניקעס; אים באַנייס אַוועקגעפֿירט נאָך זיך.

ער האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ טונקל, שטינקענדיק שטעלכל. אים דאָ אָנגעוויזן אויף אַ היפּשער כאַפּטע כריוקענדיקע חזירים. און באַפֿוילן מיט דער זעלבער געמבע, וואָס נעכטן:

— אַט די־אָ „שווינען״ אַוועקטרייבן אויף פּאַשע. אויף אַ גאַנצן טאָג. אויף דער לאַנקע, וואָס אַהינטער דעם קבוצהשן שטיבל!

שלמהלע האָט זיך אַ נעם־געטאָן צו דער אַרבעט. אַוועקגעטריבן די חזירים אויף דער אָנגעוויזענער לאַנקע.

אויף דער לאַנקע איז געווען מחיהדיק גוט. דער גראָז אַרום — הויך, פֿעט, באַפּערלט מיט טוי. די לופֿט אַרום — פֿריש, שמעקעדיק, פֿול מיט פֿויגלשע טרי־לערייען. און פֿונדערהויך — פֿון אונטער אַ בלויען, לויטערן הימל, — שיינט אַראָפּ אַ שמייכלענדיקע זון; האַלט אין איין שפּיזלען, אין איין בלענדן, אין איין פֿלייצן מיט וואַרעמען גאָלד.

שלמהלע האָט זיך אויסגעצויגן אינעם הויכן גראָז; ניט ווייט פֿונעם בינטל חזירים. האָט דערביי פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך, די זאָקן, דאָס אויבער־העמדל; האָט פֿאַרקאָשערט די הויזן. און אַזוי־אָ, אַ נישקשהדיק אָנטבלויזטער, — זיך אָפּ־געגעבן דער צערטלענדיקער זון.

די חזירים האָבן זיך געמיטלאַך געפּיטערט. אונטערגעדרייט מיט די קורצע, בייגלדיקע עקלאַך. צוגעכריוקעט מיט אַ שווייגישער הנאה. און שלמהלע — ער איז זיך געלעגן פֿונדערזייט. אַכטונג־געגעבן. צוגעוואָרפֿן נחתדיקע בליקן דער אַרומיקער צעפֿרילינגטער וועלט. און צוגעזונגען אַ יידיש לידל — אַ ביז גאָר פּאַסיקס צו זיין, צו שלמהלעס, איצטיקער טואונג:

— אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטעכל, אַ פּאַ—סטעכל! . . .

— — — וואָלט זיך יענער טאָג געווען פֿאַרענדיקט בכי־טוב. שלמהלע וואָלט זיך ווי געהעריק „אָפּגעפּאַסטוכט״. און נאָכדעם, צו אָוונט־צו, — גע־בראַכט צוטרייבן דעם פֿריצס „שווינען״ בשלום אַהיים.

איז אים אָבער געווען באַשערט אַ צרה. האָט זיך די לאַנקע, וווּ די חזירים האָבן זיך געפּיטערט, געדאַרפֿט געפֿינען ניט ווייט פֿון אַ באַן־ליניע. איבער דער־אָ באַן־ליניע האָט זיך אַרום מיטאָק־צייט באַוויזן אַ צוג. ער איז אַרויסגעשוווּמען, דער צוג, פֿון אַ קליין בעריאָזע־וועלדל. ער יאָגט אין דער ריכטונג פֿון דער אַלטער, דייטשישער פֿאַרט־שטאָט מ. יאָגט זייער שנעל. טראַסקעט פֿאַרביי די לאַנקע.

פאַרהילכט דאָ די לופט מיט אַ גרילציקן פייף. און שרעקט דערביי איבער די געמיטלאַד זיך־פּאַשענדיקע חזרים.

די חזרים צעלויפן זיך. איין אַלע זייטן. און איינער פון זיי, דער גרעסטער, דער שמאַלציקסטער, נעמט משוגענערווייז יאָגן נאָכן אָוועקיילנדיקן צוג.

שלמהלע, אַ צעשראָקן־איבעראַשטער, שפּרינגט אויף פונעם גראָז. טוט זיך, אַ באָרוועסער, אַ לאָז נאָכן צעיושעטן חזיר.

יאָגט דער חזיר פאָרויס, שלמהלע — נאָך אים. האָפּקעט דער חזיר אַריבער די באַן־ליניע, שלמהלע — נאָך אים. האָצקעט דער חזיר אַראָפּ אין אַ טיפן טאָל, שלמהלע — נאָך אים. פאַרקריכט דער חזיר אין אַ היפּשן זומפּ, שלמהלע — נאָך אים — — — ביז זיי האָבן זיך לסוף דערזען העט־העט, ערגעץ אין אַ העק, אַהינטער אַן עדה קורצגעוויקסיקע יאַדלעס, אין שכנות מיט אַ שטילן, קילן, קריסטאַליק־פליסנדיקן וואַסערל.

אָט אין דעם־אָ העק — דערציילט מען אין „גליל" — האָבן שוין שלמהלע מיטן חזיר פאַרבראַכט דעם רעשט טאָג. זיי האָבן דעם וועג צוריק אַהיים, קיין דומפּן, ניט געקענט טרעפן. האָבן זיי זיך אינעם העק אַרומגעדרייט ביזקל אָוונט. און דאַן — דער הימל איז שוין געווען באַשאָטן מיט רויטן, פינקלדיקן מאָן — האָט זיי אָפּגעזוכט אַן „עקספּעדיציע" פון „דומפּענער ליליפּוטן". שלמהלע, אַ ביז גאָר דערשלאָגענער, מיט אַ צעגעריקטן פּוס (פון אַרומיאָגן אַ באָרוועסער), — איז דאָ געזעסן אויף אַ נידעריק־אָפּגעהאַקטן בוים־שטאָם; געהאַלטן דערביי אין איין שילטן דעם פּאַסקודנעם „דבר־אחר". און דער חזיר ווידער איז זיך געשטאַנען אין שכנות. געשטאַנען אַ חזיריש פאַרקלערטער. צוגעכריוקעט מיטן פּייכטן, „אָפּגעזוגטן" שנוק. צוגעדרייט מיטן קורצן, בייגלדיקן עקעלע.

מיטוואָך פרי (באַזוכנדיק פאַר די לעצטע דריי טעג יאַקן, דומפּן און קישקין גערגע) קומט יוסף קיין לומפּעבעז.

ער טרעפט דאָ, אין מטבח, אַלס „תורנית", די חברטע תחיה, — אַ שייבע שלאַנקע, רויטהאָריקע בחורה.

ער טרעפט זי, תחיהן, ביי אַ וויכטיקער אַרבעט: ביים פאַרקנעטן אַ געבעקס ברויט.

זי שטייט דאָ, תחיה, איבער אַ גרויסער דייזשע. דער קאָפּ אירער — טיף אַנגעבויגן. און די הענט, מיט שטייף צונויפגעקוועטשטע פויסטלאַך, האַלטן אין איין שטויסן אינעם געראָטן אויפגעוירענעם טייג.

יוסף איז מיד פונעם לאַנגן, צופוסיקן וועג. זעצט ער זיך צו אָפּרוען.

ער נעמט זיך דערביי צוקוקן צו תחיהס אַרבעט. נעמט באַטראַכטן תחיהס שלאַנקע, צאַרטהויטיקע הענט. באַוואונדערט זיי, די דאַזיקע הענט. באַוואונדערט זי, תחיהן, אינגאַנצן.

ער קען זיך, יוסף, מיט תחיהן פונדערהיים. זיך באַקענט מיט איר פּאַריקן ווינטער — אין מרכז־החלוץ.

תחיה האָט זיך דאַן געהאַט געריסן אין „גליל", אויף הכשרה. איז געווען אומגעדולדיק. האָט באַזוכט איעדן טאָג דעם מרכז. „געמינטערט" די „פּאַר־שלאָפענע" מרכזניקעס:

—וואָס שיקט מען זי? וואָס פאַרט זי שוין? זי קען דאָך אינדערהיים מער ניט בלייבן! זי קען ניט!...

די „פאַרשלאָפענע" מרכזניקעס אָבער זענען געבליבן „פאַרשלאָפן". האָבן געהאַט ווייניק צוטרוי צו תחיהס חלוציות. ניט געגלויבט אין תחיהס ערנסטקייט, אַז זי וויל טאַקע איבערבייטן איר גאַרן ביז איצטיקן לעבן. ווארעם זי, תחיה, — האָבן די מרכזניקעס געוווסט — איז אַ טאָכטער צו שטייך־רייכע עלטערן. דערצו — איר אויסזען... מיט אַ פּאָר לאַנגע, דיקע, רויטע צעפּ; מיט אַ שוועבנדיקן גענגל; מיט ראַפינירטע מאַניערן... אין מרכז קומט זי תמיד אַ שטאַרק פּאַר־פּוצטע; אין דורכזיכטיקע קליידלאַך; אין גרינגינקע, הויך־קנאַפּלדיקע שיכאַלאַך. דערצו איז זי לויטן פּאַך אירן אַ טענצערין... אַזוי שטייט געשריבן אין איר אויסגעפילטער אַנקעטע. אגב, ווייסן עס די מרכזניקעס אַז דער אַנקעטע. תחיה האָט אַ לענגערע צייט געהאַט געטאַנצט אין אַ באַוווסטן טעאַטער. איז אפט פון דער פּרעסע דערמאַנט געוואָרן ווי „אַ נייער, פילצוזאָגנדיקער שטערן". און פּלוצים פאַרגלוסט זיך איר ווערן אַ חלוצה, פאַרן אויף הכשרה. איז עס, אפשר, בלויז אַ „קינסטלערישער קאַפּריז" אַזאַ? אדער גאָר אַן אוואַנטיורע?... האָבן זיך די מרכזניקעס ניט געאיילט זי צו שיקן אין „גליל".

תחיה אָבער האָט ניט געלאָזט די מרכזניקעס צורו:

— זיי מעגן זי דאָך גלויבן! זי מיינט דאָך מיטן „החלוץ", מיט דער קבוצה, מיט ארץ־ישראל ערנסט! זי האָט זיך אַנטוישט אין איר היימישער סביבה. ווי אויך אין אירע קונסט־קאָלעגן. ווי אויך אינעם טאַנצן. זי וועט סיווי ניט זיין קיין גרויסע טענצערין. זי ווייס עס... האָט זי גענומען זוכן אַ נייעם לעבנס־וועג. לאַנג געזוכט, געניטשערט. ביז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן „החלוץ" — דערזען אין דער־אַ באַוועגונג איר העכסטן אידעאַל... טאַ נאָכסאַל זאָלן זי די מרכזניקעס ניט גלויבן? האָט טאַקע תחיה לסוף אויסגעפירט — אַוועקגעפאָרן אויף הכשרה.

איז זי אָראָפּגעקומען אין „גליל", אין „קבוצת לומפּענען". אַראָפּגעקומען

— אזוי דערציילט מען דא — אין די לאנגע, דיקע, רויטע צעפ; אין די דורכזיכטיקע קליידלאך; אין די גרינגינקע הויך־קנאפלדיקע שיכאלאך. און חברה, זי דערזעענדיק „אזא־א", האבן שוין געהאט פונוואס צו לאכן:

— אפנים אראפגעקומען זיך צוקלייבן א חתן...

אזוי האט עס אויפן ערשטן מאמענט אויסגעזען.

אבער בלויז אויפן ערשטן מאמענט.

ווארעם זי, תחיה, האט באלד אליין דערזען, אז סע טויג ניט; אז דער „טענצערישער" הילוך אירער פאסט ניט פאר דער קבוצה, פאר דער ארבעט, וואס זי איז דא געקומען טאן. האט זי זיך, באלד אינעם ערשטן טאג פון איר אנקום אין קומפעניע, אפגעשניטן די גרויסארטיקע צעפ; זיך באפרייט פון דער „טענצערישער" הלבשה; ארויפגעווארפן אויף זיך א פראסט קליידל; ארייגעקראכן אין א פאר קלומפעס... און אזוי־א — ארויס אין פעלד, אויף ארבעט, צוזאמען מיט אלע איבעריקע קבוצהניקעס.

איצט — עס איז אינגאנצן א פאר חדשים פון זינט איר אנקום אין „גליל" — איז שוין תחיה א גלייכבארעכטיקטער קבוצה־מיטגליד; איז שוין א היפשע „חקלאית" און א נישקשהדיקע „תורנית". אטא שטייט זי דא, תחיה; אריבערגעבויגן איבער דער דייזשע: גרייט פאר דער קבוצה א געבעקס ברויט.

יוסף באוווּנדערט זי. נעמט זי אויספרעגן, ווי סע גייט איר; ווי זי פילט זיך; צי געפעלט איר דאס קבוצה־לעבן; צי בענקט זי ניט אמאל אהיים; צי בענקט זי ניט אמאל נאך די דורכזיכטיקע קליידלאך, נאך די הויך־קנאפלדיקע שיכאלאך, נאכן טעאטער, נאכן טאנצן.

תחיה קנעט דעם טייג. רעדט דערביי אריין אין דער דייזשע:

— ניין! זי בענקט ניט: ניט אהיים, ניט נאך אלע איבעריקע זאכן. זי קען שוין, תחיה, גריילאך אויסקומען אן זיידענע קליידלאך, אן הויך־קנאפלדיקע שיכאלאך, אן טעאטער אפילו... און טאנצן טאנצט זי אויך אדא, אין „קבוצת קומפעניע"; אין די פרייע אוונטן, אין די פרייע טעג. זי טאנצט דא איבערגעגוג. היציקע הוראס; אנדערע חלוצישע טענץ. און זיי שטעלן זי, די־א טענץ, פולקאם צופרידן. פונקט ווי דער שטרוי־זאק, אויף וועלכן זי שלאפט. פונקט ווי די ארבעט אין פעלד, אין קיך. עס איז אמת: באלד נאך איר אנקום אין קבוצה האט זי געהאט אן אנדער מיינונג וועגן קיך־ארבעט. זי האט די דאזיקע „ווייבערישע ארבעט" פיינט־געהאט. זי איז ניט געקומען אהער — האט זי געטענהט צו די חברים — שייערן טעפ, פענדלאך; באקן ברויט; הייצן אויוונס; קאכן ווארעמעסן, וועטשערעס. זי איז געקומען ארבעטן אין פעלד, ביי „חקלאות"!... שפעטער־צו אבער האט זיך איר מיינונג געביטן. עמעצער — האט זי געגומען איינזען — מוז

דאָך אַפּטאָן אויך אַט די־אָ אַרבעט. און אַ בחורה טוט עס טאַקע אַפּ בעסער... אַ בחורה, אַז זי גרייט צו אַ וואַרעמעס, אַ וועטשערע — האָט עס ערשט דעם ריכטיקן טעם... אָט זאָל טאַקע יוסף — ער מוז שוין אודאי זיין הונגעריק — פּאַרזוכן פון איר, פון תחיהס, אייגענער „האַנט־אַרבעט": עטלאַכע „כדורים מיט נשמות", איבערגעבליבענע פון דער נעכטיקער וועטשערע...

די קאַלאַטינער — אַ חברה מיט קורצע, פּאַריסענע נעזלאַך, — טראָגן דעם צונאָמען „שנעבאַלאַך".

די קבוצה זייערע געפינט זיך אויף אַ גרויסן, רייכן מאַיאָנטעק.

דעם באַלעבאָס פונעם דאָזיקן מאַיאָנטעק רופט מען הער ליפּשיץ. ער איז אַ ציוניסטיש־געשטימטער ייד. ער באַציט זיך זייער גוט צו זיינע חלוצישע „לאַנדקנעכט". איז צו זיי צוגעלאָזן. עקספּלואַטירט זיי קנאַפּ־וואָס. קאַרמעט זיי שפּעדיק. האַלט זיי אין אַ באַקוועמער דירה: אַ שטיבל פון דריי גרויסע ליכטיקע צימערן.

אין דעם־אָ שטיבל שמעקט מיט כסדרדיקן יום־טוב.

די „שנעבאַלאַך" — באַוווּסטע אין „גליל" אַלס געוואַלדיקע צוכטן — האַלטן אין איין ראַמען, אין איין צוקלייבן די קבוצה זייערע. זענען דאָ די ווענט, די סופיטן פריש אויסגעקאַלכט; די ברעטערנע פּאָדלאָגעס (אין די איבעריקע קבוצות זענען די פּאָדלאָגעס ערדענע) — ריין אויסגעשייערט; די בעטן — זאָרגעוודיק פּאַרבעט; די פענצטער — פּאַרהאַנגען מיט זויבערע גאַרדינען; דער עס־טיש — פּאַרשפּרייט מיט אַ בלאַנקן טישטאָך; און אָפּט באַשטעלט מיט אַ קרוג וואַסער, אין וועלכן עס חנדלט זיך אַ בוקעט דופטנדיקע בלומען.

צווישן זיך לעבן די „שנעבאַלאַך" זייער משפּחהדיק. מע היט זיך אָפּ, מע זעט איינעם דעם אַנדערן צו. מע האַלט זיך — אַזוי זאָגט וועגן זיי שלמהלע ציגיינער, דער דומפּענער לצישער „ליליפּוט", — „אין איין שנעבלען"...

יוסף לאָזט זיך אַהער אַרויס פון „קבוצת לומפּענען". עס איז ניט ווייט. אינגיכן זעט ער שוין דעם הויכן, ברוינגעפאַרבענעם פּאַרקאַן, וואָס רינגלט אַרום דעם קאַלאַטינער רחבותדיקן הויף.

ער שפּאַנט אַריין אין הויף.

אינמיטן הויף, לעם אַ קליינער, הילצערנער בודע, ליגט דאָ תמיד אַ געלער, קודלאַטער הונט. ליגט און דרעמלט. צוגעבונדן אויף אַ לאַנגער פּאַרזשאַווער־טער קייט.

דער הונט — מע רופט אים ווילי — שפּרינגט רציחהדיק אויף. צעפּראַלט

אַ וועלפּישן פּיסק. נעמט שטשירען די אַנגעשפּיצטע ציין. נעמט זיך רייסן צו יוספֿן.

דער הונט בילט. יוסף גייט אים פאַרזיכטיק אַרום. לאָזט זיך צום צווייטן עק הויף — צום ווייסן געמויערטן קבוצה־שטיבל.

ער איז אין קבוצה.

עס איז דאָנערשטיק.

מיטאָק־צייט.

די „תורנית״ — מע רופט זי חנהלע — פאַרענדיקט גרייטן צום טיש.

און אָט באַווייזן זיך די „שנעבאַלאַך״. גריסן זיך מיט יוספֿן. וואַשן זיך אַרום. זעצן זיך צום טיש. נעמען זיך, הונגעריקע, צו דער אכילה.

יוסף זיצט שוין אויך. עסט מיט. באַטראַכט דערביי די גאַרע קאַלאַטינער חברה.

אָט איז דיזעלבע חנהלע — די „תורנית״; אַ געוועזענע קעלנערשע אין אַ רעסטאָראַן.

קיין קאַלאַטן איז זי אַראָפּגעקומען מיט אַ יאָר צוריק. איז דאָ באַלד געוואָרן די קבוצהשע הויפּט־באַלעבאָסטע. און באַקרוינט געוואָרן מיט אַ טרעפלאַכן צונאָמען:

„די מאמע״...

חנהלע פאַרדינט טאַקע אַזאַ מין צונאָמען. זי איז צו דער גאַרער קבוצה מאַמעדיק צוגעלאָזן. זי איז תמיד די ערשטע צו ראַמען און וואַשן, צו פּוצן און שייערן. זי איז תמיד די ערשטע ביים וועכנטלאַכן „תיקון״: פאַריכטן דעם קבוצהשן גוטס: צעפליקטע אַרבעט־בגדים; צעריסענע אונטערוועש; צעלעכערטע זאָקן. זי זאָרגט זיך אויך (מער פון אַלעמען) פאַרן געזונט פון די „שנעבאַלאַך״. גיט אויף זיי אַכטונג. זעט זיי צו. קלערט פאַר זיי צו אַלץ נייערע, געשמאַקערע פּאַטראַוועס.

און אָט איז דער חבר שיפּרין. אַ מיטלגעוויקסיקער. אַ סוטולער. אַ בלייך־פּנימדיקער. אַ באַברילטער. אַ שעמעוודיקער. אַן אייזערנער שווייגער.

ביזן „החלוץ״ איז שיפּרין געוועזן אַ קלויזניק. אָפּגעזעסן טעג און נעכט אין איינער אַ באַרימטער ישיבה. שוין געהאַלטן גאָר־גאָר ווייט: ערב סמיכות אויף רבנות. האָט אים איינער זיינער אַ חבר „אַראָפּגעפירט פון וועג״.

דער חבר האָט אים באַקענט מיט „אפיקורסישע ביכלאַך״. שיפּרין האָט זיי זשעדנע געלייענט, געשלונגען. ביז ער איז „קאַליע־געוואָרן״. פאַרלאָזט די ישיבה. אוועקגעפאָרן — אַנעם ווייסן פון די עלטערן — אין „גליל״.

און אָט איז אַ דריטער פון די „שנעבאַלאַך״: שמואלקע; אַ רירעוודיקער, אַ פריילאַכער.

אינדערהיים איז שמואלקע געווען אַ זעצער. פאַרבראַכט זעקס יאָר אין אַ טונקעלער, דומפּיקער דרוקעריי. געווען דאָ צומערשט אַן אַרומשיקערל, אַ „מעד־כען פיר אַלעס". געהאַט דערביי אויסצושטיין סיי פונעם באַלעבאָס, סיי פון די אַרבעטער.

נאָכדעם איז שוין שמואלקע געשטאַנען ביי אַ גרויסן קאַסטן מיט בלייענע, פאַרשטויבטע אותיות. האָט שוין „געזעצט". האָט שוין נישקשהדיק פאַרדינט. אַרויסגעהאָלפן אָרעמע טאַטע־מאַמע.

איז ער אָבער, אַפשטייענדיק גאַנצענע טעג ביים קאַסטן, קראַנק־געוואָרן. גענומען שפּירן שאַרפע ווייטאָקן אין די פיס, אַרום האַרץ. גענומען היפּש אונ־טערהוסטן. האָט אים איינער אַ דאָקטער אַ דאַקטער געראָטן צו פאַרלאָזן די דרוקעריי. זיך צוזוכן אַן אַרבעט אויף דער פרייער לופט. אַ שטייגער: אַלס חלוץ, ביי לאַנד־ווירטשאַפט.

איז שמואלקע געוואָרן אַ חלוץ. אַוועקגעפאָרן אין „גליל", אויף הכשרה. געאַרבעט דאָ צומערשט צוליב דער „פרייער לופט"... געוואָרן אָבער צוביסלאַך אַ גוטער קבוצהניק, אַ טייערער יאַט.

און אַט זענען די איבעריקע „שנעבעלאַך". דן — אַ געוועזענער שוסטער־יונג. מאיר — אַ סאַדאָווניק. בלומקע — אַ מאַדיסטקע. זלאַטקע — אַ פאַב־ריק־מיידל. און נאָך, און נאָך — — —

די עקיטינער — די קבוצה זייערע געפינט זיך אין שכונות מיט קאַלאַטן — רופט מען „הורוויציסטן" — אויפן נאָמען פון איינעם אַ פּייסקע הורוויץ; אַ געוועזענער עקיטינער הכשרהניק.

וועגן דעם־אַ פּייסקע הורוויץ ווערן אין „גליל" דערציילט משונהדיקע זאַכן.

אין דער אַרבעט — אַזוי דערציילט מען דאָ — איז פּייסקע געווען אַן אומ־געוויינלאַכער מתמיד. פלעגט דערביי אַרבעטן מיט אַ זעלטענעם ברען. פלעגט אָפט, צוליב גרויס התלהבות, פאַרגעסן וואָס ער טוט.

איינמאָל — דערציילט מען — האָט אים דער עקיטינער אינספּעקטאָר אַוועק־געשטעלט אַרומגראָבן אַ שטיקל באָדן. האָט זיך פּייסקע אַ נעם־געטאָן צו דער אַרבעט. אַריין מיט יעדער רגע אין גרעסערער התלהבות. אַוועקגעשליידערט לסוף דעם רידל, מיט וועלכן ער האָט געגראָבן, און — — ממשיך־געווען די אַרבעט מיט די הוילע הענט...

אין עסן ווידער — אַזוי גיט מען איבער — איז פּייסקע געווען דערזעלביקער מתמיד וואָס אין דער אַרבעט. פלעגט עסן מיט אַ זעלטענעם אַפּעטיט. פלעגט אַריינקנאַקן צוואַנציק „כדורים מיט נשמות" אין איין שמע־ישראל...

אינעם אויסזען, אינעם הילוך פלעגט זיך פייסקע נוהג־זיין אזוי:

די באָרד פלעגט ער זיך גאָלן איין מאָל אַ חודש; דעם פּנים זיך וואַשן — נאָך זעלטענער; דעם קאָפּ — קיינמאָל ניט געקעמט; אונטערוועש, איבער־בגדים געטראָגן תמיד צעריסענע, צעפליקטע, פאַרברודיקטע. — פּטרן אויף אַזעלכע „קליי־ניקייטן" צייט — אזוי פלעגט ער מאָטיווירן זיין דאָזיקע משונהדיקע פירונג — איז, ערשטנס, ניט־חלוציש... און, צווייטנס, איז גאָר אויף דעם קיין צייט ניטאָ. די שעהן די פרייע פון דער אַרבעט זענען נויטיק אויף אַ וויכטיקערן ענין: אויף „הכשרה תרבותית"; אויף לייענען ערנסטע ביכער; אויף פירן אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס.

אַט דער־אָ פייסקע הורוויץ האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף אַלע עקיטינער קבוצהניקעס. ער איז זיי געווען אַ מין רבי; און זיי אים — חסידים. און, ווי סע פּאַסט פאַר חסידים, האָבן זיי דעם רביין זייערן, פייסקען, אין אַלץ נאָכ־געטאָן. געאַרבעט מיטן זעלביקן ברען וואָס ער. געשלונגען באַגלייך מיט אים די „כדורים מיט נשמות". די בחורים זענען באַגלייך מיט פייסקען אַרומגעגאַנגען באַוואַקסענע, אומגעוואַשענע, צעשויבערטע, פאַרברודיקטע. די בחורות ווידער האָבן זיך, פונקט ווי פייסקע, ניט געצערעמאָניעט מיט דער אייגענער אַסאַבע; ווי אויך פאַרלאָזן דעם קבוצהשן סדר, די קבוצהשע ריינקייט. איז דאָ תמיד געווען אַנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט; די ווענט, די פענצטער, די דילן, די סופיטן — באַ־וואַקסן מיט שטויב, מיט בלאָטע, מיט שפּינוועבס; איעדער קבוצה־צימערל האָט געהאַט דעם אויסזען פון עפּעס אַ פאַרלאָזן שטעלכל; און די גאַנצע קבוצה צוזאַמען האָט געכאַפּט דעם אַנבליק פון עפּעס אַ ביז־גאָר מערקווירדיקער חורבה...

אַט דעם־אָ „שטייגער" זייערן האָבן זיך די „הורוויציסטן" באַמיט איינפירן אויך אין די איבעריקע גלילשע קבוצות. זיי האָבן אים „דעמאַנסטרירט", דעם דאָזיקן „שטייגער" זייערן, אומעטום. אפילו אין דער אַלטער, דייטשישער פאַרט־שטאַט מ. זיי פלעגן זיך אַלע שבת אַוועקלאָזן קיין מ., איז בית־החלוץ, אומגע־וואַשענע, צעשויבערטע; אין צעפליקטע אַרבעט־בגדים; אין צעלעכערטע זאָקן; אין הילכיק־קלאַפּנדיקע קלומפּעס. פלעגן „אַריינקלינגען" אין די קלומפּעס אין די מ—ער ציכטיק־זויבערע, רייד־פאַרפּוצטע גאַסן. פלעגן „צעקלינגען" מיט די קלומפּעס זייער „הורוויציסטישן אַנקום"...

חוץ דער דאָזיקער פירונג זייערער האָבן די „הורוויציסטן" פאַרשפּרייט איבערן „גליל" צוויי אַנדערע „שיינע" מנהגים: „באַשטעטיקונגען" און „פּאַגראַמען". „באַשטעטיקונגען":

איעדן נייעם הכשרהניק, וועלכער קומט אַראָפּ אין ,גליל", דאַרף מען באַ־שטעטיקן אַלס „חבר בפועל". ווערט די דאָזיקע באַשטעטיקונג דורכגעפירט אַזוי;

מע טוט דעם חבר, אָדער די חברטע, אַ צי־אויס איבער עמעצנס אַ פּאָר פּלוצים אונטערגעשטעלטע קני און — — — מע צימבלט אים (אָדער זי) ווי געהעריק אַריין...

„פּאַגראַמען":

איעדער נייער הכשרהניק, וועלכער קומט אַראָפּ אין „גליל", ברענגט די מערסט מיט זיך (מיטגעגעבן אויפן וועג פון מאַמעס און שוועסטער) פאַרשידענע גוטע זאַכן: שמעקעדיקע אייער־קיכלאַך; האַניקדיקע לעקאַך; כל־המיני געפּרעג־לאַכצן; פּרוכטן; צוקערלאַך.

זענען פאַראַן צווישן די־אַ נייע הכשרהניקעס צוויי סאָרטן. דער ערשטער סאָרט: באַוווסטזיניקע חברה, פּאַרטיקע קאָלעקטיוויסטן. ווייסן זיי, אַז, ברענגט מען עפּעס מיט זיך אין „גליל", דאַרף מען עס ניט איבערלאָזן בלויז פאַר זיך; דאַרף מען עס צעטיילן צווישן אַלעמען...

דער צווייטער סאָרט אָבער איז נאָך צו אַזאַ מין חלוציזשן באַוווסטזיין ניט דערוואַקסן. דעם גוטס זייערן, וואָס זיי ברענגען מיט זיך פון דערהיים, האַלטן זיי בלויז פאַר זיך... אָט אויף אַזעלכע מיני אומבאַוווסטזיניקע הכשרהניקעס פירט מען עס אַדורך אַ „הורוויציסטישן פּאַגראָם". מע עפנט ביגוואַלד דעם אורחס, אָדער דער אורחטעס, טשעמאָדאַן, קאָרבל, רוקזאַק; מע שלעפּט אַרויס אַלע גוטע זאַכן און — — מע צעטיילט זיך...

האָבן די דאָזיקע „הורוויציסטישע מנהגים" געהאַט געהערשט איבערן גאַנצן „גליל" אַ היפּשע צייט. ביז מע האָט קעגן זיי אויפגעהויבן אַ קאַמף.

די ערשטע אויפצוהויבן דעם דאָזיקן קאַמף זענען געווען די קאָלאָניסטינער „שנעב־באַלאַד". זיי, די דאָזיקע „שנעבבאַלאַד", זענען שוין פונלאַנג געווען ניט איבעריק שווה־בשווה מיט די נאָנטע שכנים זייערע — מיט די עקיטינער „הורוויציסטן". מען האָט זיך אָפּט אַרומגעקריגט. איבער פאַרשידענע חלוציזשע ענינים. אַ שטייגער: איבערן ענין קבוצה־קטנה און קבוצה־גדולה. די „שנעבבאַלאַד" זענען אָנ־הייגער פון דער קבוצה־קטנה; דער אידעאַל זייערער איז דגניה... די „הורוויציסטן", פאַרקערט, זענען קבוצה־גדולהניקעס; זייער אידעאַל איז תל־יוסף...

אָדער אַ צווייטער „סלע־המחלוקת": די אויפגאַבן פון „החלוץ".

די „שנעבבאַלאַד" האַלטן, אַז דער „החלוץ" איז אַן אומפּאַרטיישע אָרגאַני־זאַציע. זיין איינציקע אויפגאַבע איז: מכשיר־זיין פאַר „ארץ" וואָס מער חלוצים.

די „הורוויציסטן" ווידער האַלטן פאַרקערט: דער „החלוץ" דאַרף זיך „אָריענטירן"; דאַרף ווערן „אויסגעשפּראָכן פּאַרטייש"...

אָדער וועגן לעבנס־שטייגער אין די גלילישע קבוצות. אין דער־אַ הינזיכט

זענען די „שנעבעלאך" געווען די פארביסנסטע קעגנער פון די „הורוויציסטן". זיי האבן די „הורוויציסטישע הנהגה": ארומגיין שמוציק, אפגעריסן, ניט־געגאלט, אומגעוואשן — געהאלטן פאר ווילד, פאר אומקולטורעל, פאר אנטי־חלוציש... די „הורוויציסטן" אבער פלעגן טענהן פארקערט: ערשט זייער פיראכץ איז די עכט חלוציש... און די „שנעבעלאך", וועלכע האלטן אין איין פוצן, אין איין ראמען די קבוצה זייערע; וועלכע מאכן א צימעס פון געקאלכטע ווענט, פון פארהענגלאך, פון בלומענטעפ — זענען „וויסטע קליינבירגער"...

האבן זיך די דאזיקע צוויי בשכנותדיקע קבוצות — קאלאטן און עקיטן — לאנג ארומגעקריגט, ארומגעריסן. ביז די חילוקי־דעות זייערע זענען דערגאנגען צום גלילשן „ועד הפועל". עס איז צונויפגערופן־געווארן א ספעציעלע פארזאמלונג. מען האט אויסגעדראשן אלע „הורוויציסטישע אויפטוען". און מען האט אנגענומען די געהעריקע החלטות.

איצט זענען שוין די מערסט גלילשע קבוצות ריין סיי פון „באשטעטיקונגען", סיי פון „פאגראמען" און סיי פון אלע איבעריקע „הורוויציסטישע קולטן". איצט איז שוין פייסקע הורוויץ זעלבסט אן אנדערער, אן איבערגעביטענער. ער געפינט זיך שוין א לענגערע צייט אין „ארץ", אין תל־אביב. ער ארבעט דארט ביי „בנין". און ער גייט דארט אין דער פרייער צייט אנגעטאן — אזוי גיט מען איבער — ווי אן עכטער „דענדי": אין געפרעסטע הויזן, אין געפוצטע שיך, אין א „דג מלוח", אין מאנקעטן אפילו...

די „קבוצת עקיטן" אבער, פייסקעס היגע קבוצה, פירט זיך נאך אלץ לויטן אלטן „הורוויציסטישן שניט". און יוסף, אז ער שפאנט פרייטיק פרי אריבער די שוועל פון דער־א קבוצה, טרעפט ער דא א נישקשהדיקן „זכר להורוויץ": ניט־פארבעטע געלעגערס; אנגעבלאטיקטע דילן; אומריינע כלים; א טיש מיט שיריים פון דער נעכטיקער וועטשערע; און — א צוגאב צו דעם אלעם — א צעכראסטעטע „תורנית", מיט א פנים אן אויסגעשמירטן אין סאזשע.

די דאזיקע „תורנית" רופט מען „שרהקע די ווייסע". זי איז איינע פון די דריי עקיטינער שרהקעס: „שרהקע די ווייסע", „שרהקע די שווארצע" און „שרהקע די רויטע"...

יוסף טרעפט זי אין מטבח, ביי א שטארק פארויכערטער פליטע.

זי שטייט דא אריבערגעבויגן איבער א צעלייגטן פייער. דאס פייער וויל איבער עפעס ניט ברענען. „שרהקע די ווייסע" האלט אים אין איין פאנאנדערבלאזן. און עס טוט איר דערביי ארויסהעלפן א צווייטער עקיטינער הכשרהניק: דער חבר פייווע — אן אלטער בחור, דער עלטסטער הכשרהניק אין „גליל", וועלכער טראגט דא, צוליב זיין הויכן עלטער, א פאסיקן צונאמען:

„דער זיידע"...

יוספן איז שוין אויך באַקאַנט די ,געשיכטע" פון דעם־אַ ,,זיידן".

ער איז אַפריער, איידער ער איז געוואָרן אַ חלוץ, געווען אַ קאַראַבעלניק. פלעגט אַרומשפּאַנען איבער וועגן, איבער דערפער; אַ באַלאַדענער מיט אַ גרויסן שווערן זאַק. דעם דאָזיקן זאַק פלעגט פייווע צעבינדן אין יעדער פויערישער כאַטע. פלעגט דאַ באַווייזן — פאַר נייגעריקע פויערים, פויערטעס — אַ גאַנצענע ,,קראַם": קעמאַלאַך און שפּיגאַלאַך; האַרנאַדלען און פינגערהוטן; קאַפּטיכלאַך און ליולקעס; שנירלאַך קאַרעלן און אַלערליי שטיקער צייג. אַט פון דער־אַ ,,קראַם" זיינער האָט עס פייווע, דער אַלטער בחור, געצויגן פּרנסה.

איז אַזוי אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ יאָר נאָך אַ יאָר. פייווע האָט אַלץ אַרומגעוואַנדערט. פון איין דאָרף אין צווייטן. פאַרקויפט זיין סחורה. געלייזט געלט. ביז עס איז געקומען איינער אַ פרימאָרגן און פייווע, מיטן שווערן זאַק אויף די פּלייצעס, האָט זיך אַריינגעיאָוועט אין מרכז־החלוץ.

ער איז דאָ צו צו דער חברטע בלאַט. שטיינגעבליבן פאַר איר אַן אומדרייסטער. זיך צומערשט גרינטלאַך אויסגעהוסט. און נאָכדעם דרך־ארצדיק אַ פרעג־געטאָן:

— ווער איז דאָ ביי אייך דער מרכז? ...

די חברטע בלאַט האָט דעם טשיקאַוון באַזוכער אַריינגעפירט אין צווייטן צימערל. אים דאָ אָנגעוויזן אויף אַלע דריי מרכזניקעס — יצחק, אפרתי און יהונתן.

פייווע, דערזעענדיק פאַר זיך ניט איין ,,מרכז", נאָר גאַנצענע דריי, האָט זיך צומערשט נישקשהדיק אָנגעוואָרן. נאָכדעם אָבער — געקומען צו זיך. געוואָרן דריסטער. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן זאַק. אים צעעפנט. אָנגעוויזן די שטוינענדיקע מרכזניקעס אויף דער ,,קראַם" זיינער. און אַ זאָג־געטאָן:

— אַט פון דער־אַ ,,קראַם" זיינער — פון די קעמאַלאַך מיט די שפּיגאַלאַך; פון די קאַפּטיכלאַך מיט די האַרנאַדלען; פון די ליולקעס מיט די איבעריקע שמאָכטעס, — וויל ער, פייווע, מער ניט וויסן. אים האָט דערעסן אַרומשפּאַנען איבער וועגן, איבער דערפער. אים איז נימאס־געוואָרן זיין אַ קאַראַבעלניק. שענקט ער אַוועק די גאַרע ,,קראַם" זיינע דעם מרכז־החלוץ — לטובת דער באַוועגונג... און זיך גופא בעט ער שיקן אין אַ קבוצה, אויף הכשרה. ער חלומט שוין פון דעם אַ לענגערע צייט...

די מרכזניקעס האָבן דעם טשיקאַוון באַזוכער אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אים דערביי ווי געהעריק באַבליקט, באַטראַכט:

אַ מיטלגעוויקסיקער; אַן איינגעבויגענער; דער פּנים זיינער — לענגלאַך, ביינערדיק, שטאַרק באַוואַקסן, צעאַקערט אין קנייטשן. אויגן פאַרמאַגט ער מילד־

בלויע, קינדיש־פאַרחלומטע. און אנגעטאָן איז ער עפּעס גאַר־גאַר מאָדנע, ווי אַ ,,למד־וואָווניק״... אין גראָבע, ברעזענטענע הויזן; אין הויכע, פאַרשטויבטע שטיוול; אין אַ ,,גויִיש״ פעלצל (פאַרגאַרטלט מיט אַ דיקער, געפלאָכטענער שטריק). און אויפן קאָפּ ביי אים שטעקט אַ הויכע, שמויסענע קוטשמע (הגם אינ־דרויסן איז אינמיטן זומער)...

די מרכזניקעס האָבן דעם דאָזיקן ,,למד־וואָווניק״ לאַנג אַרומבאַבליקט, אַרומ־באַטראַכט. דערביי — אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם באַזונדערן ריח (אַ ריח פון שטויביקע דאָרף־וועגן, פון אונטערגעפוילטע היי־סטויגן), וואָס ער, פּייווע, האָט מיט זיך אין מרכז אַריינגעבראַכט. און נאָכדעם האָבן זיי זיך גענומען דערקונדיקן פונוואַנען פּייווע שטאַמט; וואָס ווייס ער פון ,,החלוץ״, פונעם ציוניזם, פון ארץ־ישראל.

פּייווע האָט דאָן אויפגעקנעפּלט דעם ,,גויִישן״ פעלצל זיינעם. אַרויסגעקראָגן פון אַ בוזעם־קעשענע אַ פּעקאַלע פּאַפּירן. זיי צעוויקלט. זיי גענומען באַווייזן די מרכזניקעס:

— אָט דער־אָ דאָקומענט איז דער פּאַספּאָרט זיינער. עס ווערט דאָ דער־ציילט, אַז ער, פּייווע, שטאַמט פון אַ קליין, פאַרוואָרפן שטעטעלע; ממש אַ דאָרף. און דאָס־אָ פּאַפּירל איז פונעם שטעטלשן ,,סניף מכבי״. ער, פּייווע, איז אַ לענגערע צייט געווען דער פאָרזיצער פונעם דאָזיקן סניף. אָט איז אויך אַ פאָ־טאָגראַפיע. ער זיצט דאָ, פּייווע, מיט אַלע שטעטלשע מכביסטן... און דאָ, אויף דעם־אָ בילדל, שטייט ער, צוזאַמען מיט אַ פּאָר אָרטיקע טוער פונעם קרן־קימת... און דאָ ווידער...

די מרכזניקעס זענען דאָן געבליבן פולקאָם צופרידן. זיי האָבן פּייווען געהייסן אויספילן אַן אַנקעטע. פּייווע האָט זי אויסגעפילט. געוואָרן אַ חלוץ. און גאַר אינגיכן — שוין געווען אין ,,גליל״, אין ,,קבוצת עקיטן״.

אַרבעט פּייווע פון דאָן אָן אין דער־אָ קבוצה. אַרבעט באַגלייך מיט אַלע אי־בעריקע הכשרהניקעס. שטעלט צופרידן דעם עקיטינער פריץ — דעם הער קראַוז־קאָפּף (אַ הויכער, דאַרער, רויטהאָריקער יעקע; מיט אַ פּנים פון אַ שוועד). שטעלט צופרידן דעם עקיטינער אינספּעקטאָר (וועלכער רופט אים, פּייווען, ,,פּייפּע״ און האַלט אים פאַר איינעם פון די ,,טיכטיקסטע קערלען״...) און שטעלט אויך צופרידן די קבוצהניקעס גופא, וועלכע רופן אים, פּייווען, ,,דער זיידע״...

עס טרעפט אָבער אָפט, אַז ער, פּייווע גופא, איז ניט איבעריק מיט זיך צו־פרידן. דאָס טרעפט די מערסט אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, נאָך דער וועט־טשערע. חברה זענען דאָן פאַרטאָן אין לייענען, אין שמועסן, אין זינגען, אין טאַנצן. ער אָבער, פּייווע, פילט זיך דאָן ניט מיט אַלעמען; שפּירט עפּעס דעם

הויכן עלטער זיינעם; שפירט עפּעס, אַז ער, פּייווע, איז די איבעריקע קבוצהניקעס ניט קיין „פּאַר״. אים, פּייווען, איז שוין אַריבער פּערציק און זיי, די איבעריקע קבוצהניקעס, זענען נאָך גאָר־גאָר יונגיטשקע; ממש צוציקעס...

אַט אין אַזעלכע מאָמענטן טוט זיך פּייווע אַרומדרייען איבער די קבוצהשע צימערלאַך אַ שטאַרק צעקלעמטער. ער געפינט זיך דאָ קיין אָרט ניט. ער פילט זיך דאָ איבעריק. און ער טוט זיך לסוף ראַטעווען פון דער שלעכטער שטימונג דורך דער פידל זיינער, וואָס ער האָט אהער, אין קבוצה, פונדערהיים מיטגעבראַכט.

אַט אויף דער־אָ פידל שפּילט שוין פּייווע אַ היפּש ביסל יאָרן. ער האָט זיך אויסגעלערנט שפּילן פון זיך זעלבסט, אָן קיינעמס הילף... פלעגט אַפּריער, זייענדיק אַ דאָרפגייער, שפּילן אויף גוישע חתונות... פאַרשידענע יידישע ניגונים, מעלאָדיעס... איצט אָבער, אין קבוצה, שפּילט ער, פּייווע, זעלטן־ווען: שעמט זיך עפּעס פאַר חברה... און אַז עס דריקט אים צו דער אומעט, נעמט ער די פידל און — גנבעט זיך אַרויס אינדרויסן.

ער שפּאַנט אַוועק ווייט אין פעלד. זוכט זיך אויס, ערגעץ אונטער אַ סאָסנע, אַ טרוקן אָרט. ציט זיך אויס אינעם גראָז. שטעלט אָן דעם אינסטרומענט און — נעמט שפּילן.

ער שפּילט דיזעלביקע ניגונים, דיזעלביקע מעלאָדיעס, וואָס אַמאָל, — אויף די גוישע חתונות... און עס טוען זיך דערביי צוהערן:

די הויכע, שלאַנקע סאָסנע;
דאָס שטילע, אוונטיקע פעלד;
דער תהומיש־טיפער, טונקל־צעבלויטער, געדיכט־צעשטערנטער הימל...

שבת פרי, אַ בריאזג אויף טאָג, לאָזט זיך יוסף אַרויס פון עקיטן.
ער שפּאַנט צוריק אין דער אַלטער דייטשישער פּאַרט־שטאָט.
עס וואַרטן אויף אים אין שטאָט דרינגענדיקע ענינים:
אַ זיצונג מיטן גלילישן „ועד־הפועל״;
אַ „שיחה״ מיטן קיבוץ בית־החלוץ;
אַנדערע נויטיקע אַרבעטן — — — לאָזט ער זיך אַרויס כאור־היום.

און אָט איז ער אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין מ. ער שטעלט מיושבדיקע טריט. ער טראַכט דערביי פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. עס איז אַוועק אַ וואָך פון וואַנדערן. ער, יוסף, האָט פאַר דער־אָ וואָך אַרומגעקרייזט אַ האַלבן „גליל״. האָט באַזוכט זעקס קבוצות. געגעסן איעדן טאָג ביי אַן אַנדער טיש. געשלאָפן איעדע נאַכט אויף אַן אַנדער געלעגער. דורכגעפירט „שיחות״. באַזוכט די

גלילישע פריצים. און איצט, שבת פרי, שפאנט ער, יוסף, צוריק אין שטאט. שפאנט אַ שבתדיק באַרויקטער; אַ צופרידענער מיט אַ וואָד אפגעטאַנענער אַרבעט.

דער שאָסיי וויקלט זיך. א באַפייכטער מיט טוי. א באַגולדעטער מיט אויפגייענדיקער זון. פון ביידע זייטן שאָסיי ציען זיך ביימער: עפּלביימער, באַרנביימער, פלוימענביימער. און אָט איז אַן „אילן סרק״ — א קליאַן. יוסף דערקענט אים נאָך זיינע שפּיציקע בלעטער... און אָט שווימט צו אַ מילכווייסע בעריאָזע. סע שאַרן זיך פאַרביי: אַ גראָבשטאַמיקער דעמב; אַ הויכע, שלאַנקע סאָסנע; אַ קורצגעוויקסיקע, טונקל־גרינע יאָדלע... יוסף ווייס שוין די נעמען פון די אַלע (און פון פיל אַנדערע) ביימער. ער האָט עס אַפריער, צוריק מיט עט־לאַכע וואָכן, באַלד נאָך זיין אַראָפּקום אין „גליל״, ניט געוווּסט... פונקט ווי ער האָט דאַן ניט געוווּסט דעם אונטערשייד צווישן ווייץ און קאָרן, צווישן האָבער און גערשטן... איצט אָבער קלייבט זיך שוין יוסף גוט פאַנאַנדער: רעכטס פון שאָסיי ציט זיך א פעלד מיט קאָרן; לינקס ווידער בליט ווייץ; און דער־א ערד־שטח איז פאַרזייט מיט האָבער; און אַנאַ, דאָרט, וואַקסט גערשטן... יוספן איז עס אַנגענעם צו וויסן. ער פילט זיך דורכדעם ענגער פאַרבונדן מיטן ערדישן לעבן; מיט דער פויערישער פּראַצע; מיט זיינע נייע חברים — די גלילישע הכשרה־ניקעס.

דערווייל נעמט זיך באַווייזן די שטאָט. אַ פרימאַרגנדיק־וואַכע. אַ זוניק־באַהעלטע. זי טוט זיך אַרויסשיילן, אַרויסקלאָרן פונעם ווייטן האָריזאָנט. מיט שפּיצן פון גאָטישע געבעט־הייזער. מיט רויטע, טשערעפּענע דעכער. מיט הויכע פאַבריקישע קוימענס (וואָס טוען פאַרשרייבן דעם אויסגעבלויטן הימל מיט גע־דיכטע רויך־קנוילן). יוסף דערשפּירט שוין דעם שטאָטישן שטייניקן אָטעם. דער געהער זיינער נעמט שוין אויפכאַפּן דעם שטאָטישן אייזערנעם גערודער. ער נעמט, יוסף, שטעלן ברייטערע, שנעלערע טריט.

אין בית־החלוץ איז שבת גאָר־גאָר טומלדיק. אַלע צימערן זענען פול מיט חברה. עס רודערט אויך דער אַרומיקער הויף. א גאַנצע וואָך אַרבעט מען אויף די פרייצישע פעלדער, גערטענער; אין די פּריצישע שטאַלן, סטאַדאָלעס, שפּייכלערס. קומט שבת — שפּאַנט מען אין שטאָט, אין בית־החלוץ.

מע שפּאַנט צו דער זיצונג פונעם „וועד הפועל״; ווי אויך זיך זען מיט חברה פון אַנדערע קבוצות; הערן נייס; אַריינכאַפּן אַ געמיינזאַמען ניגון, אַ בשותפותדיקן טאַנץ.

דער בית־החלוץ, דער אַרומיקער הויף ווערן פולער, געפּאַקטער.

עולם שפּאַצירט איבערן הויף. צו פיר, צו פינף אין אַ שורה. הענט — פאַרלייגט איבער אַקסלען. אַרעמס — פאַרוואָרפן איבער קאַרק. מע שמועסט דערביי. מע זינגט. מע לאַכט. מע דערציילט זיך נייס פון אַ וואַד שווערער חקלאישער פּראַצע.

אַט קופּקעט זיך אַ גרעסערע גרופּע. אינמיטן רעדל שטייט דאָ שלמהלע ציגייבער — דער דומפּענער לצישער „ליליפּוט". ער דערציילט עפּעס — אַ טשיקאַוון עפּיזאָד :

— שפּאַנען מיר אַזוי איבערן פּריצישן פעלד און — מיסטיקן. מיט סופּערפאַספּאַט. און, ווי איר ווייסט דאָך, קיצלט דער דאָזיקער קינסטלעכער מיסט אין נאָז; קריכט אין די אויגן; דרינגט אין גרגרת אַריין, אין די לונגען אַריין. האַלטן מיר טאַקע אין אייך ניסן, אין איין „ווײַנען", אין איין הוסטן. מיר הערן אָבער ניט אויף מיסטיקן... ליידיקן אויס איין זעקל סופּערפאַספּאַט און — נעמען זיך צו אַ צווייטן...

ברענגט אינמיצקעדעריִנען דער רוח צוטראָגן עפּעס אַ פּורל — צוגעשפּאַנט צו אַן אַלטער אויסגעדיייווערטער קליאַטשע. דאָס פּורל שטעלט זיך פּאַמעלאַכקע אָפּ. עס קריכט פון דעם אַראָפּ אַ „טשודנע" פּאָרל: אַן „ער" מיט אַ „זי". ביידע — קורצינקע, בייכלדיקע, פאַרוויקלטע אין מלבושים, ווי אין אַ ברענענדיקן פראָסט... און זיי טוען זיך צו אונז אַ לאָז. נענטער. נענטער. ביז פוקסל אונזערער דערקענט אין זיי זיינע טאַטע־מאַמע.

זיי זענען געקומען אים נעמען אַהיים. זיי האָבן אים קוים אָפּגעזוכט... ער, פוקסל (שלמהלע טוט דאָ אַ ווייז־אָן אויף פוקסלען, וועלכער שטייט דערביי אַ פאַרויטלט־צעשמייכלטער), האָט די היים פאַרלאָזן אָן זייער הסכמה, אָן זייער וויסן... דער טאַטע האָט פוקסלען, דעם בענאַק זיינעם, ניט געוואָלט לאָזן צו די חלוצים— די „אפּיקורסים", די „מחללי־שבתניקעס"... דעם טאַטן האָט זיך געגלוסט, פוקסל זאָל אים אַרויסהעלפן אינעם שמאַטע־האַנדל... פוקסל אָבער איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. אים האָט זיך ניט געגלוסט האַנדלען מיט שמאַטעס. אים האָט געצויגן אין „החלוץ"... האָט ער געמאַכט אַ ויברח... האָבן אים איצט טאַטע־מאַמע אָפּגעזוכט. ער וועט שוין באַקומען זיין חלק!... ער וועט שוין וויסן „פאַטשאַם פונט ליכאָ"!... שוין אַהיים! די־אַ רגע!...

פוקסל אָבער — ציגט שלמהלע באַנייס אָן אויפן פאַרויטלט־צעשמייכלטן „ליליפּוט" — האָט זיך אַהיים, ווי איר זעט, ניט צוריקגעקערט. עס האָט ניט געהאָלפן דעם טאַטנס דראָונג, אַז ער וועט דעם בענאַק זיינעם ניט אַרויסגעבן קיין פאַספּאָרט, און פוקסלען וועט אַזויאַרום שווער זיין צו פאָרן קיין „ארץ"... עס

האבן אויך ניט געהאָלפן די בעטעניש, די געוויינען פון דער מאַמען. פוקסל, ווי איר זעט, איז געבליבן מיט אונז...

איז אַ צווייטן הויפיש ווינקל הערט מען אויס אַן אַנדער „געשיכטע". דער דערציילער דאָ איז איינער אַ הויכער, דאַרער בחור; מיט אַ שפּיציקן קנאָפּ אין האַלז. זיין נאָמען איז צבי. ער איז אַ חבר פון „קבוצת לאַפּינין". און ער דערציילט פון איינעם אַ געוועזענעם לאַפּינינער הכשרהניק:

— זיצן מיר איינמאָל און עסן וואַרעמעס; „כלאָבען די געדיכטע און פּאַרזופּן מיט שיטערע"... עפנט זיך די טיר און סע שטעלט זיך אַריין אַ פּנים־חדשות. אנגעטאָן ווי א „סקובענט". מיט אַן אויסגעפּאַשעט פּרצוף. מיט זאַטע, גלאַנציקע אויגאַלאַד. אויף די פיס —נייע שיך, בלישטשנדיקע קאַלאָשן. און ביידע באַהענטשקעטע הענט — באַזאָרגט מיט אַ פּאָר נייינקע טשעמאָדאַנעס:
— שלום, חבריא!...

ווערט, ווי געוויינלאַד, אַ שטיקל גערודער. מע הויבט זיך פון די ערטער. מע באַרינגלט דעם גאַסט. מע באַבליקט אים. מע איז נייגעריק צו הערן, ווער איז ער אַזאַ, פונוואַנען קומט ער.
נעמט זיך דער אורח פאַרשטעלן:

— מע רופט אים מישע לייבנהויט. ער איז אַ סטודענט פונעם טולוזער אוניווערסיטעט. האָט ער זיך „פאַרליבט" אין „החלוץ". איבערגעלאָזן דעם אוניווערסיטעט, האַק־און־פּאַק. אַט איז אַ בריוול פון מרכז. מע שיקט אים אויף הכשרה. אַהער אין קבוצה. אין „קבוצת לאַפּינין".
הכלל:

אונזער „סקובענט" איז אַרויס צו דער אַרבעט. אָבער שוין אינעם ערשטן אַרבעט־טאָג האָט זיך די „ליבע" זיינע צום „החלוץ" גענומען אָפּקילן. דאָס איז געווען אינאָוונט, נאָד דער אַרבעט, בעת דער וועטשערע. דעם „סקובענט" אונזערן איז אויסגעקומען זיצן לעבן מיר. רוימט ער מיר אַריין אין אויער אַ צווייענדיקן „סוד":

— ערשטנס, געפעלן אים ניט די לאַפּינינער חלוצות: עפּעס ניט קיין שיינע... און, צווייטנס, „אַפּעלירן" ניט צו אים די קבוצהשע מאכלים. דער ברויט דאָ איז רוי; באַשמירט ניט מיט פוטער, נאָר מיט מאַרגאַרין... דער טיי ווידער שמעקט ניט; פאַרזיסט ניט מיט צוקער, נאָר מיט סאַכאַרין... עפּעס נוצט מען דאָ, אין קבוצה, בלויז „סוראַגאַטן"... ער, מישע לייבנהויט, איז צו אַזעלכע מיני פּאַטראַוועס ניט געוויינט!...

הקיצור:

העכער אַ חודש צייט האָט דער דאַזיקער „סקובענט" געבריקעוועט קעגן די קבוצהשע „פּאַראַנדקעס". ביים עסן, למשל, שניידט ער זיך תמיד אָן אַ נישקשהדיקן בערגל ברויט:

— „זיין" ברויט...

די בגדים זיינע (ער האָט זיי געהאַט בשפע: האַלבזיידענע אונטערוועש; גוט־געוואָנטענע איבער־מלבושים) האַלט ער די גאַנצע צייט פאַרשלאָסן אין די צווי ניינקע טשעמאָדאַנעס. אַריינגעבן זיי, די דאַזיקע זאַכן, אין קבוצהשן מחסן, ווי עס טוען אַלע אין קבוצה, וויל ער ניט...

דאָס געלט ווידער — ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ היפּש ביסל געלט — האַלט ער פאַר זיך. אַריינגעבן עס אין דער „קופה כללית" — דאָס ניט...

דערצו האָט דער „סקובענט" אַרויסגעוויזן אַנדערע „עכט חלוצישע" געננ. ביינאַכט, למשל; די קבוצה שלאָפט, כראָפּעט, — ליגט ער זיך, מישע לייבנהויט, און — קייט שאָקאָלאַד... איינגעקויפטן פאַרן „אייגענעם" געלט...

אינדערפרי ווידער — עולם כאַפּט זיך צום אָנטאָן; מע וואַשט זיך; מע יאָגט מיטן עסן; מע איילט צו דער אַרבעט, — ליגט ער זיך, „מישע", און — פייפט מיט דער „ביאַניע". נעמט מען אים דאָך טאַרגן, וועקן: לקום! לקום! כאַפּט ער זיך אויף אָן אַש־להבהדיקער: מע לאָזט אים ניט שלאָפן!...

לסוף, ביי דער אַרבעט, האַלט ער אין איין „דרעמלען"; אָדער קאַלופּעט זיך די נאָז, קראַצט זיך אין פּאַטילניצע, קוקט גלאַט אין דער וועלט אַריין... עס איז אַ בושה פאַר די ניט־יידישע „לאַנדקנעכט". עס איז אַ חרפּה פאַרן יעקישן אינ־ספּעקטאָר. עס איז אַ בזיון פאַר אונז גופא...

אָט אַזוי האָבן מיר זיך מיטן דאַזיקן „סקובענט" אָפּגעמאַטערט העכער אַ חודש. ביז עס איז געקומען איינע אַ נאַכט און מישע לייבנהויט, דער „סקובענט" אונזערער, איז נעלם־געוואָרן; ניט פאַרגעסנדיק, פאַרשטייט זיך, מיטנעמען זיינע צווי ניינקע טשעמאָדאַנעס...

אַ גרינגער, אַ מונטערער (ניט קוקנדיק אויפן לאַנגן, דורכגעשפּאַנטן וועג) קומט יוסף צו צום הויף פונעם גלילשן בית־החלוץ. ער צעפּראַלט די טויער־פאָרטקע. שפּאַנט אַריין אין הויף. דערזעט באַניים דעם פאָרנט פונעם בית־החלוץ (מיט די אַכט גרויסע, קוואַדראַטנע אותיות, וואָס איבער דעם הויכן און ברייטן אַריינגאַנג).

נאָכדעם וואַרפט ער אַ בליק איבערן הויף גופא. באַגעגנט זיך מיט באַקאַנטע

פנימער, וועלכע נעמען צו אים שמייכלען; נעמען אים גריסן.

ער לאָזט זיך טיפער אין הויף. קומט צו צום ווייטסטן ווינקל, ווו סע שפּרייט זיך דער גרינס־גאָרטן, אויף וועלכן ער, יוסף, (פון זינט דער חבר אברהם האָט פאַרלאָזט דעם „גליל") גיט אַכטונג.

יוסף שטייט דאָ אַ היפּשע ווײַלע. באַטראַכט איעדן בייט באַזונדער.

דער גאָרטן איז שוין נישקשהדיק צעגרינט, באַוואַקסן. מיט זאַפטיקער ציבעלע. מיט יונגיטשקע מערד־טשוביקלאַד. מיט סאַמעטענע אוגערקע־בלעטלאַד. מיט אַנדערע מיני ירקות.

יוסף שפּיגלט זיך אינעם גרינס, איז די צעפּרוכפּערטע בייטן. נאָכדעם, אַ שטאַרק צופרידענער, לאָזט ער זיך צום בית־החלוץ.

ער שפּאַנט אַרײַן אין די טומלדיקע צימערן. עס פלייצט דאָ איצט — דורך אַלע צעעפנטע פענצטער — מיט בלענדנדיקער זון. עס העלן די דילן, די סופיטן, די ווענט, די מעבלשטיקער, די חלוצישע פנימער.

יוספן ווערט דאָ ביז־גאָר פריידיק. ער איז באַנייס אין בית־החלוץ... אָט שפּאַנט ער פון איין צימער אין צווייטן. מיט אַן אויפגעצערויזט האָרץ. שטעלט זיך אָפּ ביי די ווייס־בלויע ווענט. נעמט באַטראַכטן באַקאַנטע פאָרטרעטן.

אָט איז טרומפּלדאָר. אַ לענגלאַד, מאַגערלאַד פּנים. אַן אַדלערשע נאָז. אַ פעסטער קין. און אויגן — אַזעלכע מילדע, אַזעלכע אָפענע... אויגן, וואָס פאַרטרויען אים, יוספן, אַ פונלאַנגשוין באַקאַנטן „סוד":

— טוב למות בעד ארצנו...

און אָט איז טעאָדאָר הערצל. אַ פול, בלאַס, איידלגעשניצט געזיכט — באַראַמט מיט אַ ברייטער, לאַנגער, פעך־שוואַרצער באָרד. ער שטייט, דער דאָזיקער מלכותדיקער דאָקטער, אַריבערגעבויגן איבער אַ בריק־פאַרענטש. שטייט אַ טרוימעריש־פאַרקלערטער. שוועבט מיטן בליק איבער רחבותדיק־צעכוואַליעטע וואַסערן...

און אָט איז ברענער. אַ פּנים אַ באַזונדערס אייגנאַרטיקער. פּויעריש־ברייט. ביינערדיק. צעאַקערט אין קנייטשן. געדיכט באַוואַקסן. מיט אַ פּאָר פייַנפולע אויגן, וועלכע דרינגען דיר אַדורך; האַלטן דיך איז איין וועקן; האַלטן פון דיר אין איין מאָנען:

— האָסטו זיך שוין איבערגעבויט? האָסטו זיך שוין איבערגעשאַפן?...

יוסף שטייט פאַרן דאָזיקן פאָרטרעט אַ לענגערע ווײַלע. טראַכט פונעם אייגענעם איבערבוי, איבערשאַף... נאָכדעם, אַן אַדורכגענומענער מיט אַ פריידיקן ציטער, לאָזט ער זיך שפּאַנען ווייטער. ביז ער קומט אַרײַן אין ליכטיקן, זויבערן מטבח.

ער טרעפט דאָ די שטענדיק פאַרנומענע חברטע צפורה. זי עוסקט זיך, ווי תמיד, אַרום טעפּ, אַרום פענדלאַך, אַרום די עלעקטרישע קאָד־און באַק־אויוונס.

יוסף גריסט זי. נעמט דערציילן פון די באַזוכטע קבוצות. הערט אויס נייס פונעם בית־החלוץ. און זעצט זיך לסוף צו צו אַ „חלוצישן פרישטיק".

נאָכן פרישטיק — די זון שטייט שוין הויך אינעם הימל — נעמט מען זיך צונויפזאַמלען צו דער וועכנטלאַכער זיצונג פונעם גלילישן „ועד־הפועל".

מע קלייבט זיך צונויף פון אַלע צימערן, פונעם אַרומיקן הויף.

מע פילט אָן פון ווינקל ביז ווינקל דעם גרויסן זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען.

מע זעצט זיך דאָ אויס אויף די לאַנגע, ברייטע בענק; אַרום די שווערע, דעמבענע טישן — — — און די זיצונג ווערט געעפנט.

עס נעמט אַ וואָרט דער יושב־ראש — דער חבר יוסף. ער באַריכטעט פון די באַזוכטע קבוצות: ווי איז דאָרט דער מצב; וווּ פעלן נייע הכשרה־ניקעס; וווּ דאַרף מען איבערבייטן עמעצן פון די אַלטע.

יוסף רעדט. עולם האָרכט. מיט ערנסטע בליקן. מיט אָנגעשפּיצטע אויערן.

נאָכדעם — יוסף ענדיקט לסוף — קומט די ריי פון די איבעריקע מיטגלידער פונעם „ועד־הפועל".

עס נעמט אַ וואָרט די חברטע זהובה — אַ וווקסיקע בחורה; מיט אַ גאָלד־געלאָקטן קאָפּ; מיט לאַנגע, העלע ווייס איבער גרויסע, ברוינע, פייכט־פינקלענדיקע אויגן. זי איז אַ פאַרשטייערין פון „קבוצת גרוימען". בויטיקט זיך די דאָזיקע קבוצה אין אַ נייעם „שפּאַנאַק". ווייל אַלימלך, זייער אַלטער „שפּאַנאַק", פאַרלאָזט די טעג דעם „גליל".

עס נעמט אַ וואָרט בערל „חקרן" — פון „קבוצת שאַטעלן". ער וויל דאָ דערמאָנען דעם חבר יוסף וועגן איבערבייטן אין שאַטעלן אַ חבר מיט אַ חברטע; לייזערן און גרוניען. אַזוי פאַרלאַנגט דער שאַטעלענער פּריץ — דער הער רינד־פלייש... ער וויל זיי מער, לייזערן און גרוניען, ניט האָבן. זיי אַרבעטן — זאָגט ער — צו־שוואַך... פאַדערט ער דעריבער פעסטערע, פלינקערע „הענט"...

עס נעמט אַ וואָרט דער חבר אלדד — פון די מעדיקאַנער, פון „חברה טראַסק". איז אין קבוצה זייערער, אין „קבוצת מעדיקן", געשען אַ שטיקל אומגליק. איינער זייערער אַ חבר האָט זיך אונטערגעריסן. שלעפנדיק אויף הויכע, געדרייטע טרעפּ פונעם פּריצס מיל פינף פודיקע זעקלאַך מעל. ליגט ער איצט, דער חבר, אַ קראַנקער. ליגט אין קבוצה. ווייל דער הער שמידט, דער מעדיקאַנער

פריץ, ווייל אים ניט ארייננעבן אין שפיטאל, הגם די „קבוצת מעדיקן'', ווי אלע גלילישע קבוצות, איז אנגעשלאסן אנעם פאריין פון די „באורן''...

די זיצונג ציט זיך. צעווארעמט זיך.

עולם ווערט אקטיווער. רייסט זיך „צום ווארט''.

איעדע קבוצה האט עפעס צוצוגעבן צו יוספס באריכט.

פון אלע זייטן שטרעקן זיך צו יוספן מאנענדיקע הענט.

פון אלע ווינקלען טראגן זיך צו יוספן פאדערנדיקע קולות:

— יוסף! גיב מיר א ווארט!...

און יוסף „גיט'' ווערטער. הערט געדולדיק אויס איעדנס באריכט, איעדנס מיינונג, פאדערונג.

נאכדעם נעמט מען זיך צו דער „חלוקת־העבודה'': צעטיילן אין די קבוצות נארוואס אנגעקומענע הכשרהניקעס; איבערבייטן פון איין קבוצה אין דער אנדע־רער אלטע חברים.

און ווידער טוט דער עולם ארויסהעלפן יוספן. זאגט מבינות. גיט עצות. דינגט זיך איבער איעדן חבר, איבער איעדער חברטע.

— — — די זיצונג ציט זיך.

די זון שטייט שוין אין זעניט; באליכטיקט, באבלענדיקט אלע בית־החלוץ־פענצטער.

דער גרויסער זאל פאר פארזאמלונגען איז שוין פול מיט פאפיראסן־רויך.

און עולם „נעמט'' אלץ ווערטער. זאגט זיך אלץ ארויס. און מער פון אלע־מען — שלמהלע ציגיינער — דער דומפענער לצישער „ליליפוט''. ער, שלמהלע, האט צו יוספן באזונדערע טענות:

— מע שיקט די בעסטע הכשרהניקעס קיין יאקן!

— „מע שטאפט דעם קעז אין איין ווארעניק''!...

— — — די זיצונג ציט זיך.

די זון שטייט שוין נידעריק אין מערב.

דער גרויסער זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען נעמט שוין ווערן טונקעלער.

דער עולם אָבער זויגט נאָך אַלץ פּאַפּיראָסן; זאָגט זיך נאָך אַלץ אַרויס. און עמעצער, פון אַ ווייטער באַנק, שטרעקט באַניים צו יוספן (צום וויפלטן שוין מאָל) אַ לאַנגע, האַריקע האַנט:

— יוסף! גיב מיר אַ וואָרט!...

— — — לאַנגע, פאַרנאַכטיקע שאָטנס נעמען זיך ציען פון הייזער און פאַר־קאַנעס, פון ביימער און טעלעגראַף־סלופּעס. זיי טוען, די שאָטנס, אויסציען לאַנגע, דינע פינגער. זיי טוען אויסשטרעקן לאַנגע, טונקעלע העלזער. זיי באַ־טאַפּן די פאַרנאַכטיק אָפּגעקילטע ערד. זיי זוכן די פאַרשווונדענע זון (וואָס האָט אַ טאָג אַ גאַנצן געהעלט און געגאַלדיקט, געוואַרעמט און געצערטלט; און איצט, אינעם קילבן, לויטערן פאַרנאַכט, הענגט זי שוין — אַ ריזיק־צעוואַקסענע, אַ רויט אָנגעגאָסענע, — אויפן ראַנד פונעם העליש־צעפלאַקערטן מערב).

די אַלטע דייטשישע פאַרט־שטאָט באַדט זיך אין שקיעהדיקן שיין.

שפּיצן פון גאָטישע געבעט־הייזער, קעפּ פון פאַבריקישע קוימענס, פענצטער אין העכערע מויער־שטאָקן פאַרבן זיך אין ראָז, אין פּורפּור, אין ווייך־קאַליר.

און אויך די פענצטער אין די העכערע בית־החלוץ־שטאָקן שפּיגלען זיך אין רויט, אין גאָלד, אין קופּער, אין פיאָלעט.

דערפאַר אָבער אונטן, אויפן ערשטן שטאָק, אינעם גרויסן זאַל פאַר פאַר־זאַמלונגען, איז שוין ביז־גאָר טונקל, ביז־גאָר שאָטנדיק.

די זיצונג פונעם „ועד־הפּועל" איז שוין לאַנג געשלאָסן. די חברים פון די ווייטערע קבוצות זענען זיך שוין צעגאַנגען און צעפאָרן אַהיים. און דער איבע־ריקער עולם, פון די נענטערע קבוצות (ער דאַרף זיך אַהיים אַזוי ניט איילן), קופּ־קעט זיך אין די טונקל־פאַרשאָטנטע ווינקלאַך: זיצט דאָ, שטייט דאָ און — זינגט.

אין איין ווינקל פליסט אַ פאַרחלומטער „זרמו, גלים, בכנרת".

אין אַ צווייטן ווינקל כוואַליעט אַ דבקותדיקער „גרננה".

און אין אַ דריטן ווינקל, לעם איינעם אַ צעעפנטן פענצטער, לאָזט זיך שוין

הערן דער חלוצישער „המבדיל״; א „המבדיל״, א געשאפענער דא־הי, אין „גליל״, פון אייגענע חברה:

. . . אוי, לעבן זאל אין „גליל״
די חלוצישע ראבאטע;
המבדיל בין קודש,
בין קודש לחול,
א חלוץ אין „גליל״
איז דאך וויל;
די ראבאטע,
די ראבאטע,
די ראבאטע! — — —

פון זעלבן מחבר:

בלויע גנאָד (לידער), פאַרלאַג „מיר אליין“, קאָוונע, 1927.

גאַנג (לידער), ליטעראַטור־פאַרלאַג „מיר אליין“, קאָוונע, 1929.

זעגלען אין זון (לידער), מאָנטרעאַל, 1932.

וועגן די לידער פון נ. י. גאָטליב

אברהם רייזען („די פעדער"), 1933, ניו־יאָרק. „ער האָט מיט פילע לידער אין זיין ניי־דערשינענעם בוך שוין באַוויזן, אַז ער האָט דאָס פולע רעכט אַריינגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד אין דער פאַמיליע פון די נייע יידישע פּאָעטן".

דר. א. מוקדוני („מאָרגן זשורנאַל"), 1940, ניו־יאָרק. „זיין פערז איז שטאַרק און גוטע אויפריכטיקייט איז דאָ אין זיינע לידער".

י. באַשעוויס („צוקונפט"), 1940, ניו־יאָרק. „ער איז ווי סעגאַלאָוויטש ניט זייער אָריגינעל, אָבער דערפאַר אויפריכטיק און צומאָל אויך פול מיט פּאָעטישן שווונג".

י. א. ראָנטש („אויפקום"), 1927, ניו־יאָרק. ....„נ. י. גאָטליב האָט אַ פיין אויער פאַר ריטם, אַ חוש פאַר בילדלאַכקייט און בכלל עלעמענטן פון אַן עכטן דיכטער".

ש. טענענבוים („יידישער קוריער"), 1940, שיקאַגע. ....„זיין פערז, סטיל, שטימונג — איז שנעל, דינאַמיש, געיאָגט און געיילט, אַזוי ווי אַ זיל־בערנער ווינט איז אַ פרילינגס־פרימאָרגן. ער האָט אַ זעלטן טיפן, טרעמ־פּישן טרויער, אַ מעלאַנכאָליע פון אַן איינזאַמען און טראַגישן מענטשן"...
„ער געהערט צו יענע פּאָעטן, וואָס האָבן זייער טרויער ניט געקענט בינדן; ער איז אַ הייסער־טראַגישער פּאָעט, וואָס טרינקט זונליכט ווי וויין, וואָס

באַוווּנדערט דאָס מענטשלאַכע לעבן אין אַלע זיינע אַספּעקטן, קלעטערט אויף גרויזאַמקייט בערג און דערזעט דאָס קאָלאָסאַלע וווּנדער פון נאַטור״.

אברהם ביק („יידישער קוריער״), 1940, שיקאַגע, ...„נ. י. גאָטליב רעדט פּשוט. ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ. דריקט דאָס אויס אין שטי־מונגס־סימבאָלן און בילדלאַכע מעטאַפאָרן. ער איז שטענדיק אונטערגע־וואָרפן איין שטימונג. אַפילו די מוזיקאַלישקייט זיינע איז אייגנאַרטיק. די פאָרם גאָרניט ניי. אָבער עכט פאַרפּלייצט מיט בילדער און מעטאַפאָרן. אין געבאָרנקייט פון געמיט, אין באַהעפטונג מיט דער נאַטור איז גאָטליבס פּאָעטישער גאַנג. דאָס איז אַ ליד, וואָס יווירט מיט קאָסמישן צאַפּל, אַ צאַפּלדיק געפיל צו דער נאַטור אין אַנגעזיכט פונם ניט זיכערן און וואַקלדיקן גורל. אַ ליד פון דורכגעלייטערטן טרויער, רירנד אין לירישער פּשטות און טיפער אינערלאַכער עניוות״.

י. י. סיגאַל („קענעדער אָדלער״), 1930, מאָנטרעאַל, ...„עס נעמט מיך אָפּט אָן פּשוט אַ פיינלאַך געפיל, זעענדיק ווי טיף איינגעוואַקסן נ. י. גאָטליב איז אין דער ליטווישער ערד, אין דער נאַטור, אין דער וועלט פון פעלד, וואַלד און וואַסערן. ס׳נעמט אָן אַ פיינלאַך געפיל, וואָס אַ פּאָעט פון זיין מין ווערט אַרויסגעריסן פון זיינע וואָרצלען. איך פיל, אַז אין אים דאַרף די דאָזיקע אויסוואָרצלונג ניט אויפהערן בלוטיקן, קאָן, דאַכט זיך, ניט פאַרהיילט ווערן. דער ליטווישער קאָלאָריט איז אַזוי ענג איינגעוועבט אין זיין בייז און געביין, אַז ער האָט זיך אין אים ווי באַהאַלטן, זיך אין אים איינגעשפּאַרט, ווי מען שפּאַרט זיך אַריין אין דער מאַמעס אָרעמס, ווען מען פילט אַז אַרום און הויערט אַן אומענדלאַכער עלנט״.

י. ראַבינאָוויטש („קענעדער אָדלער״), 1930, מאָנטרעאַל, ...„זיינע שורות זענען אָנגעהויבט מיט אמתער לירישקייט, זיין שפּראַך איז רייך און בילדלאַך, זיין סטיל — קלאָר און שיין״.

יעקב באָטאָשאַנסקי („די פּרעסע״), 1933, בוענאָס איירעס, ...„זיין געזאַנג איז אין דער אידעאָלאָגיע לומפּיש־וואַגאַבונדיש און דערביי אָביסל געצנדינעריש״.

א. ר. („צוויי״, ליטעראַרישער זאַמלבוך), 1929, תל־אביב, ...„נ. י.

גאָטליב איז אַ לירי̇קער. די יניקה און פּאָטענץ פון זיין שאַפן זענען ליטווי־שע פּייזשאַזן — דער הויפּט־מאָטיוו און פאָן פון זיינע לידער".

י. בן־משה („יודישע צייטונג"), 1930, בערלין, ...„איז זיינע שורות הערט זיך דער מעכטיקער סאָציאַלער פּראָטעסט".

נתן גרינבלאַט („פּרימאַרגן"), 1927, ריגע, ...„צאַרטע, לירישע פּערזן, אָנגעגאָסן מיט בלויע גנאָד".

נתן גרינבלאַט („אידישע שטימע"), 1929, קאָוונע ...„גאָטליבס גאַנג איז דערעיקרשט איבער ליטווישע וועגן, איבער ליטווישע שטעט און שטעט־לאַך. אָנגעגורט מיט עלנט און אומעט, וואָס לאָקערט פון דער ליטווישער לאַנדשאַפט, מיט אַ געלייטערטן האַלב־קוהלתדיקן און שיר־השירים־ניגון, שפּרייזט דער שטילער, באַסער גאָטליב „פון שטעטל צו שטעטל" און זאָפּט איין דעם ריטם פון אונזער גרויער ליבער ליטע".

נתן גרינבלאַט („שליאַכן"), 1932, קאָוונע, ...„נ. י. גאָטליב איז ניט קיין מאָלער פון דער „נאַטורא מאָרטע", פון דער טויטער נאַטור. ער איז ניט בלויז פּייזשאַזיסט. ער מאָלט די נאַטור אויף'ן פאָן פון זיין וואָ־כיקן, אַמאָל אומעטיק־פּאַרעלעגישטן, און אַמאָל שאַליק־יובלדיקן עקסטאַ־זיאַסטישן „איך".

ז. שוסטר („נתיבות"), 1927, קאָוונע, ...„שירים נאמנים, מוארים באור פנימי, אביבי. יש בהם נוער, רעננות, צמאון לרחבות הנפש, וניכר, שיותר מה שנתבטא כאן — נשאר עדיין מובלע בנשמת המשורר התוססת".

א. הימן („גלים"), 1927, קאָוונע. ....„שירות גוטליב אינן גזעיות, המולת יערים עמוקת־קולות אינה עולה מהן, כי גמיישות השירות ושקופות כגבעולי פרחי־שדות שכורעים לאדמה עם כל רוח קלה...

כצפצוף דק של גוזל שנשר מן האילן לתוך הדשאים, בוקעים הצלילים מן השירות ספוגי־התוגה הקלילה השלוחות כאצבעות חורות לקראת היגון".

אליעזר היימאַן („נתיבות"), 1929, קאָוונע, ...„נ. י. גוטליב הוא

טפוס שלם של משורר רומנטיקן הכורע וברך לפני אל מסתתר והולך בתוך ערפלי הימים הגנוזים".

אליעזר היימאן („אידישע שטימע"), 1930, קאונע, ..."זיינע שורות זענען באהויכט מיט יענער צארטקייט און אומעט, וואס צאפן אפ דאס בייזע בלוט פון די ווערטער און מאכן זיי ווייכער, ערלאכער".

יודל מארק („פאלקסבלאט"), 1932, קאונע, ..."א צייטיקער און קרעפטיקער דיכטער". ... זיינע זעגלען באדן זיך אין זון".

דר. ח. נ. שאפירא („אידישע שטימע"), 1930, קאונע, ..."זיין קוק איז א פארבן־קוק און ממילא רעדט זיין דיכטער־פענזל אויף א פארבן־שפראך".

דר. מ. סודארסקי („פאלקסבלאט"), 1930, קאונע, ..."מיט זיינע צוויי מתנות: „בלויע גנאד" און „גאנג" האט ער באריי‌כערט אונזער גייסטיק וועלטל".

דר. מ. סודארסקי („פאלקסבלאט"), 1932, קאונע, ..."מיט גרויס אינטערעס לייענט זיך זיין נייע בוך לידער. זיי זענען פיל שטארקער און איינדרוקספולער, ווי די פריערדיקע, וואס זענען פון אים דא, אין ליטע, געשריבן".

ר. כ. (אידישע שטימע"), 1930, קאונע, ..."גאטליבס פאעזיע איז טיף פארווארצלט אין ליטווישע ערד און הימלען, און פון אט דער ליטווישער גרויסקייט און אומעטיקייט האט גאטליב פארשטאנען ארויסצוזאפן אויך די „בלויע גנאד", יענע צניעותדיקע התבודדות און העכערע אינערלעכע פרייד, וואס באשיינט און גיט א זין דעם לעבן אויף דער וועלט".

ד. גלאבוס („פאלקסבלאט"), 1930, קאונע, ..."זיינע לידער זענען דייף, דורכגעטראכט. ס'מערקט זיך אז ער איז באקאנט מיט דער נייסטער פאעזיע אין רוסלאנד און מערב־אייראפע. זיינע פארגלייכן און בילדער זענען אבער אייגנארטיק און אריגינעל".

ד. טשארני („ליטעראַרישע בלעטער"), 1930, װאַרשע. ....„זייער ריכטיק באַמערקט נתן גרינבלאַט אין זיין אַרטיקל איבער נ. י. גאָטליבס „גאַנג", אַז עס האָבן זיך ביי אים „אויסגעשפּרייט זיינע דיכטערישע יריעות, ס'האָבן זיך צעהוידעט זיינע מוזיקאַלישע קלאַנגען. איז אַנשטאָט זיין קורצאָטעמדיק ליד געקומען די פּאָעמע, איז צו דער ליריק צוגעקומען עפּיק, געליטערט דורך דעם דיכטערישן „איך" („מיר אַליין", זייט 17)".

ירחמיאל שטייגמאַן („ליטעראַרישע בלעטער"), 1927, װאַרשע. ....„רויקע, געמאָסטענע פערזן באַהויכט מיט אַ לירישן אומעט"... „דער סטיל — אַ פּשוטער, ניט געקינצלט, ניט באַפּליגלט, קיין ספּעציעל אויסגעזוכטע װערטער"... „די לידער זינגען זיך מער װי זיי לייענען זיך".

זעליק באַק („ליטעראַרישע בלעטער") 1929, װאַרשע. ...„גאָטליבס דיכטערישער גאַנג איז אַ זיכערער".